STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03203

NUSEH BRAZIL

M. Kucinski

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נוסח בראזיל

★

מאיר קוטשינסקי

פאַרלאַג
י. ל. פרץ
ישׂראל
1963

מאיר קוטשינסקי

מאיר קוטשינסקי

נוסח בראַזיל

Free Public Library, Newark, N. J.



M. KUCINSKI
NUSECH BRASIL

I. L. Peretz Publishing House
31 Allenby Str., Tel-Aviv

מ. קוטשינסקי / נוסח בראַזיל
פאַרלאַג י. ל. פרץ, תל־אביב, רח׳ אלנבי 31

הילע און שער געצייכנט פון דוד קוטשינסקי

©

נדפס בישראל 1963
Printed in Israel 1963

הדפוס הכללי בע״מ, תל־אביב, רח׳ השוק 26

אסתרן — זי זאָל מיר פאַרגעבן,
וואס בעת אירע יסורים האָב
איך געשריבן אָט די בלעטער.

א י נ ה אַ ל ט

	זייט
וואַרעמער רעאַליזם — פאָרוואָרט פון אפרים אויערבאַך	11
א. מיטן פעקל	
דער פיסקאַל	15
דער פעטער	24
פין דע מעז	30
מצווהס	37
די דרשה	46
שכר דער רויטער	53
נעוואָזע	58
ב. דאָ נישט לאַנג	
שוועסטער	71
די מאָנא ליזאַ	88
איציקל דער גאָלדקלאַפּער	96
מיין ערשטע באַגעגעניש	101
ג. שכנים	
לאַדראָן דע גאַליניאַס	109
דיא דאָס באָמאַראַדאָס	115
זולעיקאַ און רעבעקאַ	121
אַ מולאַטקע	128
ראַסע	134
אין די בערג, ווו קוואַלן שטראָמען	145
ד. אם אשכחך	
נקמה	159
דער נדן און די מתנה	164
רשעים	171
מעשה בשני יידן	177
★	
בראַזיליאַניזמען (פאַרטייטשונגען)	183

נוסח בראזיל

✶

מאיר קוטשינסקי

וואַרעמער רעאַליזם

דער אמת איז, אַז איך האָב זיך געשלאָגן מיט דער דעה, צי זאָל איך מסכים זיין צו שרייבן אַ הקדמה צו אַן אַנדערן מחברס אַ בוך. ראשית, מיר איז פרעמד אונטערפירערײַ. אַ בוך, האַלט איך, דאַרף זיך אַליין „אונטערפירן“. אַ בוך איז אין דער בחינה פון אַ יתומה, וואָס גייט צו דער חופה אַליין, אָן אַן אונטערפירער. זי אַליין, די כלה, דאַרף אויסטרעטן איר וועג צום מזל פון דער חופה. שנית, כ'האָב ביז איצט נישט געטראַכט פון זיך, אַז איך בין שוין אַלט גענוג צו שרייבן הקדמהס צו ביכער פון אַנדערע שרייבער. ווייזט אָבער אויס, אַז שרייבער האָבן אָנגעהויבן מיר נישט פאַרגינען די אילוזיע מיינע פון יונגשאַפט...

האָט זיך, — און ווידער אָבער, — געטראָפן, אַז נאָך דעם ווי איך האָב איבערגעלייענט אַ היפשע צאָל דערציילונגען, וואָס גייען אַריין אין מיין פריינט מאיר קוטשינסקיס בוך, האָט מיך אָנגענומען דער חשק צו זאָגן עטלעכע ווערטער. נישט, חלילה, אונטערפירן דאָס בוך צו דער חופה מיטן לייענער, נאָר סתם אַ זאָג טאָן, וואָס איך טראַכט.

מאיר קוטשינסקי איז איינער פונעם קליינעם הייפעלע יידישע שרייבערס אין בראַזיל. איידער איך האָב זיך באַקענט מיט אים פּערזענלעך, — אין זיין וווין־שטאָט סאַן־פּאַולאָ, — האָב איך אים געקענט פון עטלעכע עסייען איבער ליטעראַטור. מיר איז געפעלן זיין פאַרליבטקייט אין ליטעראַטור בכלל און אין יידישער בפרט. מיר איז געווען צום האַרצן, וואָס געשריבן האָט ער נאָר איבער שרייבער, וואָס ער האָט זיי דורכגענומען מיט האַרץ און מח. מיך האָט געלאָקט דער אימפּעטיקער אופן פון זיין שרייבן. אינעם גרויסן געוועב פון דער ליטעראַטור אונדזערער האָבן מיר געזען, ווי ער האַלט אין זיינע דינע פינגער איידעלע פעדעמלעך, ווי ער וואָלט אַריינגעוועבט אין אונדזער טלית די בלענדיקע בלוי־קאָלירן.

דערציילונגען זיינע האָב איך כמעט נישט געלייענט פריער, איידער ער האָט מיר געשיקט אַ צוואַנציק, וואָס דאַרפן אַרייַנגיין אינעם בוך „נוסח בראַזיל". איז ער דער אייגענער מאיר קוטשינסקי, וואָס געקענט האָב איך אים פון די ליטעראַטור־עסייען: וואַרעם, אינערלעך אימפּעטיק, נאָר אַ גרויסער חילוק איז דאָ: צום לעבן איז ער אַ סך מער קריטיש, ווי צו שרייבער. די יידישע באָם רעטירא, וואָס געזען האָב איך זי אין סאַן פּאַולאָ, איז דער דערציילערישער פידל זיינער, — אויף אים שפּילט ער אויס די עטיש־יידישע מעלאָדיע זיינע. ער איז בפירוש סאָציאַל־עטיש, אָבער דער טיפערער תוך פון זיין סאָציאַלער עטיק איז אַ יידישער.

מיר דאַכט זיך, אַז ער האָט אַ נאָענטע שייכות מיט די סאָציאַלע דערציילערס ביי אונדז אין אַמעריקע פונעם סוף ניינצנטן יאָרהונדערט און אָנהייב היינטיקן. דער הינטערגרונט איז אַן אַנדערער, אָבער דער דראַנג, קינסטלעריש צו מאָנען ביי יידן סאָציאַלן יושר, איז דער אייגענער. אַ שטאַרקן איינדרוק האָט געמאַכט אויף מיר די גרעסערע דערציילונג „שוועסטער". אין איר איז דאָ מענטש־טרויער, טראַגיזם פון פאַרשעמטע, כשרע יידישע טעכטער, וואָס זענען פאַרפירט געוואָרן צו אַ שאַנד־לעבן, האָבן זיך אַרויס־געריסן דערפון, אָבער דער טויט פאַרשעמט זיי ווידער. מיך האָט אויפ־גערודערט די דערציילונג „מצוה־ס", וואָס מאָלט די אַרויפגעאַרבעטע מיט פריקרער שאַרפקייט, אָבער אויסלייזן לייזט ער זיי אויס מיט די צווייי בע־סאַראַבער, וואָס נעמען זיך אָן די קריוודע פון דער עלנטער משפחה, וואָס איז אַריבערגעקומען נאָך דער מלחמה פון די היטלער־לאַגערן.

ביי אים זענען דאָ דערציילונגען, וואָס מאָלן די שייכותן פון בראַ־זיליאַנער צו יידן. אין זיי איז קוטשינסקי פאַרביק, ווי דער אָרעמער מענטש אין בראַזיל. אין זיי איז ער זוניק, אַפילו, אַז וואָלקנדלעך שפּאַצירן זיך דורך איבערן בלוי־לויטערן הימל פון די האַלב־לעטאַרגישע, אָבער אין תוך האַרעפאַשנע בראַזילישע פאַלקסמענטשן.

אינעם כאָר פון אונדזער יידישער אַלוועלט־ליטעראַטור זינגט מאיר קוטשינסקי אַריין דעם רייכן מאָטיוו פון בראַזיל, — אַ מאָטיוו, וואָס מיר נעמען אים אויף מיט אַ מין פרייד, אַפילו אַז אין אים איז דאָ אַ סך טרויער.

סע איז אַ בוך פון וואַרעמען, פאַרביקן רעאַליזם.

אפרים אויערבאך

א

מיטן פעקל

דער פיסקאַל

1.

ירחמיאל שלעפּט זיך מיט זיין טשעמאָדאַן איבער די וועגן פון דער ווילאַ, וואָס אין די קאַנטאַרעירא־בערג, און דער שטויביקער טאַבאַק דרינגט אים אַריין אין אַלע זיינע אָטעם־קאַנאַלן. חדשים ווי עס האָט נישט גע־רעגנט און ס׳גליוערן טויט אַלע צמחים, באַדעקטע מיט אַ דיקער שיכט רויטער ערד, ווי לעבעדיקערהייט באַגראָבן.

די עסטראַדע ציט זיך לאַנג און ער קוקט זיך אויס די אויגן אויף אַ טראַוועסע. אויף דעם ברייטן וועג איז ער אומרויק, ווייל אַט־אָט קען אָנפאַרן אַ קעטשל פון דער מאַכט מיט פיסקאַלן און זיין ביסל סחורה, זיין גאַנץ פאַרמעגן, וואָס ער שלעפּט אָן אַ ליצענסיע, קען דורך זיי סעק־וועסטרירט ווערן.

אין אַ טראַוועסע פילט ער זיך זיכערער. אין די געדרייטע משופּעדיקע דעסידעס, מיט די האַרטע שוועלן פון פאַרטריקנטן ליים, וועט זיך אַ פיס־קאַלן־קעטשל נישט פאַרקערעווען. פריי וועט ער דאָ אויפפּאַקן זיין טשע־מאָדאַן און פאַרלייגן זיין סחורה פאַר די בייגעריקע און נאַשעריקע ווייב־לעך, וואָס זענען אַזוי זשעדנע אויף אַ געבלימלט שטיקל שטאָף, אויף אַ שטיקל זייד. אַ שמחה באַפאַלט זיי, ווען עס באַווייזט זיך דער „רוסאָ״ אין אָט די פאַרלעגענע געסלעך, פון וועלכע זיי רירן זיך זעלטן אַרויס. זייט זיי האָבן חתונה געהאַט האָבן זיי נישט פאַרלאָזן די וואַש־טאַנק און די קיך, דעם הינער־שטאַל און דעם ברונעם.

און אָט באַווייזן זיך שורות פאַלמען ביי אַן עסקינע. צופרידן שפּרייזט ירחמיאל אַריין אין געסל און האָפערדיק הייבט ער אָן צו „קלאַפּן״.

ווייבלעך און קינדער, בחנטע יונגעטשקע מאַמעס, פליען טומלדיק

אַרויס פון די איין־משפחהדיקע הייזקעס. זיי לאָזן איבער זייער קאָכן און וואַשן אין מיטן, כדי נישט צו פאַרזוימען דעם „רוסאָ" מיט זיין סחורה. עס איז אַ זעלטענע און אויסגעוואַרטעטע געשעעניש: „רוסאָ וועיאָ!" דער רוסאָ איז דאָ!

— „קע לינדאָ! קע באַניטאָ!" ווי שיין, ווי פּרעכטיק — רופן זיי אויס מיט אַנטציקונג, נאָך איידער ירחמיאל האָט רעכט באַוויזן אויפצור־וויקלען די שטאָפן, געשטרייפטע און געקעסטלטע, געבלימלטע און דורכ־זיכטיקע.

— ווען נישט אָט די גוטינקע מענטשן, — ווייזט איינע אָן, — וואָלט מען טאַקע נישט געהאַט קיין קלייד, קיין פאַרהאַנג, קיין ליילעך. די קאָמו־ניקאַציע מיט דער שטאָט איז פאַרבונדן מיט אָפּקומענישן און קומט מען שוין יאָ אין שטאָט, ווערט מען צעטומלט פאַרן שטאָטישן געשריי און כאַפּעריי און מע קומט צוריק מיד און אָפּגעגאַרט. די קינדערלעך בלייבן אין דער היים און מיר פאַרלירן זיך אין שטאָט, אומגעדולדיקע, ווי אויף הייסע קוילן.

קיין סך געלט פאַרלאַנגט נישט ירחמיאל, ווי דער שטייגער פון אַלע „רוסאָס", פאַר זיין סחורה, בלויז אַ קליינעם סכום האַנט־געלט, און „ענט־ראַדאָ". דאָס וואָס ער קען נישט גוט פאַרטוגעזיש, איז אויך נישט קיין חסרון ביים פאַרקויפן די סחורות אָט די אַ גוטהאַרציקע קונהטעס.

זיי פרעגן זיך אויס, צי ער איז נאָך אַ בחור, צי שוין אַ באַווייבטער. ווען זיי ווערן געוווירר, אַז ער האָט געמוזט איבערלאָזן זיין ווייב און קינד אין אייראָפּע, ביז ער וועט זיך דאָ איינאָרדענען, — ווערט גלייך אַ קאָ־לעקטיווער זיפץ:

„קויטאַדאָ, קויטאַדאָ"...

זיי הייבן אָן אָפּצוקלייבן „קאַרטלעך". פון די מיט רויזן באַקראַכענע פאַרקאַנעס קוקן אַרויס וואָס אַ מאָל מער נייגעריקע און נאַשעריקע אויגן. די מענער זענען אין שטאָט און ביז זיי וועלן שפּעט אין אָונט אַהיימקומען קאָנען זיי זיך צו דער זעט אָנקוקן די געשפּרונקלטע, פאַנ־טאַסטישע שטאָפן.

ירחמיאל פון סטאַשעוו גייט מיט זיין גרויסן טשעמאָדאַן פון פאַרקאָן

צו פֿאַרקאַן. ער איז אָנגעפֿולט מיט שמחה צוליבן אומגעריכטן פּדיון אין דער דאָזיקער שטילער ווילאַ, וואָס ליגט פֿאַרבאָרגן צווישן בערג. ערשט אַ פּאָר וואָכן, ווי ער איז אַראָפּ פֿון דער שיף און געציילטע טעג ווי ער „קלאַפּט". ער איז ווי פֿאַרשיכורט פֿון דער גאַנצער נייקייט, וואָס די מענטשן שטעלן פֿאָר מיט זיך דאָ. ער פֿאַרגלייכט זיי צום בייזן, אויפּגעהעצטן און פֿאַרביטערן סלאַווישן מענטש פֿון זיין אייראָפּעיִשער היים; היינט, די מאָזאַיִק פֿון די אַלערליי פּנימער, דער אויסגעמיש פֿון פֿאַרבן און די שטילע, איינגעשטעלטע האַרמאָניע מיט דעם קעגנזייטיקן דרך־ארץ פֿון מענטש צו מענטש, וואָס זענען צו מאָל גישט פֿון איין פֿאָלק און ראַסע, די מילדקייט, די גוטסקייט, — אַלץ איז פּלאי פּלאים, צו ווונדערן זיך און צו אַנטציקן זיך אויף שריט און טריט!

אַזוי פֿיל קונדן, וויפֿל ער האָט „אָנגעקלאַפּט", אַזוי פֿיל פֿאַרבן... די שוואַרצע אַליין זענען פֿאַרשיידן. ער ווערט מאַנכעסמאָל פֿאַרגליווערט און שטום ביים אָנבליק פֿון אַ ניי פּנים. עס האָט זיך שוין געטראָפֿן, אַז אַ קונה־טע האָט שנעל אָפּגעהאַקט דעם סוחרישן שמועס מיט אים, ווייל ער האָט זיך אויסטערליש פֿאַרקוקט, מיט חידוש, אויף איר. אַנדערע, פֿאַרקערט, שטעלן אים וואַרעמע, אינטימע פֿראַגן.

די מולאַטישע פֿרויען דערמאָנען אים די פּוילישע לאַנגע פֿלוימען, די בלוי־שוואַרצע, וואָס זענען אַרומגעצויגן מיט אַ ליילאַ, מיט אַ ביסל רויטלעכן שטויב. איידער זיי ווערן אַריינגענומען אין מענטשלעכע הענט, איידער ס'ווערט אָפּגעווישט זייער טוי. מיט כוונה פֿאַרציט ירחמיאל די געשעפֿטלעכע שמועסן מיט אַזעלכע קונהטעס, וועלכע שטייען ביי די פֿאָרט־קעס, צי הינטער די פֿאַרקאַנעס, אין שטוביקע קליידער, אָפֿט אין ברייט־אַרבלדיקע קימאָנעס, צוגעשפּילעוועטע אויף איין קנאָפּ... באַוועגן זיך נאָר אַ ביסל די פֿרויען, צעפֿאָכן זיך די פֿאָלעס פֿון זייערע לויזע פּעניואַרן און די גראַציעזע בראַזיליאַנערינס אַנטבלויזן די טונקעלע שלאַנקייט. ירחמיאלן שווינדלט אַזש...

אין שטוב אַריין פֿאַרבעט מען אים נישט. אַז די זון ברענט שטאַרק, פּאַקט ער אויף זיין טשעמאָדאַן אויף דער וועראַנדע, וואָס געפֿינט זיך אין יעדן הייזל. בלויז ווען עס גרופּירן זיך מערערע פֿרויען צוזאַמען,

ווערט געעפנט אַ טיר פון איינער פון די וווינונגען און ירחמיאל סדרס אַרויף אויפן טיש די שטאָפן און בייטלען, די שירעמס און העמדער. פון קיין שום פּרוי איז ער ביז איצט נאָך נישט אַריינגעבעטן געוואָרן אין שטוב, ווען זי איז געווען איינע אַליין אין הויז.

דאָס „קלאַפּערײַ" האָט אים פאַר אים נאָך אַ רייץ: זיין אויג איז פון קינד־וויז אָן צוגעווינט צו די ווייטע האָריזאָנטן פון די גלייכע פעלדער און לאָנקעס, צו די פלאַטשיקע סלאַווישע פליינען. דאָ באַגעגנט ער אַ מאָדנע לאַנדשאַפט פון בערג און טאָלן, פון פעלדזן, פון וועלכע עס גיסט זיך וואַסער, וואָס ווייִנען מיט מחיהדיקע קוואַלן. אויך אַ חידושדיקע וועלט פון וועגעטאַציע און בריאימלעך, וואָס אין דער היים האָט מען זיי נישט געקענט. די פולע, שפעדיקע האַלב־טראָפּישע נאַטור שפּראַצט אַרויס פון אומעטום, אַפילו פון די אונטערגעשניטענע ביימער, פון די פאַרקאַנעס — אַזעלכע גרויסע, לעדערנע בלומען, וואָס זעען אויס ווי נאַכט־פייגל מיט צעשפרייטע פליגל; אַלערליי שלאַנגען, וואָס ער טרעט טייל מאָל אויף זיי מיט שרעק, אין די פאַרוואָקסענע סטעזשקעס, ווען ער פאַרקערעוועט פון איין עסטראַדע, פון איין ווילאַ, צו דער צווייטער.

2.

זיינע סטאַשעווער לאַנדסלייט האָבן אים ערשט מיט אַ קורצער צייט צוריק געגעבן אַ לעקציע אין הלכות „קלאַפּערײַ": אויסמיידן די אָפענע עסטראַדעס, די „פּראַנטאַוועס", ווו עס וווינען געוויינטלעך „טשוועקעס", ווייל זיי זענען שוין אויספּראָבירטע שטאָטישע מענטשן. צו פיל „קלאַפּערס" שלאָגן אָן אין זייערע טירן און זיי ווייסן שוין דעם סוד, אַז אויב מען באַצאָלט נישט דעם „רוסאָ" צום טערמין, קען ער סיי ווי גאָרנישט טאָן קעגן זיי. אַזעלכע קונים זענען צו קלוג פאַר אַן אָנפאַנגער־קלאַפּער.

אָבער, דער עיקר, האָבן אים די לאַנדסלייט געוואָרנט, דאַרף ער זיך אויסהיטן פאַר פּיסקאַלן. עס זענען דאָ פּיסקאַלן פוסגייערס און פּיסקאַלן פאָרנדיקע אין קעטשלעך. די ליצענסיע, וואָס די לאַנדסלייט האָבן אים אויסגעקויפט, איז גילטיק בלויז צו פאַרקויפן שירעמס, דאָס איז די ביליקסטע ליצענסיע. היות עס רעגנט שוין נישט חדשים און חדשים, „קלאַפּט"

ער דערווייל מיט אַנדערע מיני סחורות, דערהויפּט „קאַרטלעך”, וואָס אויף זיי דאַרף מען שוין האָבן אַ נייע ליצענסיע, מיט די אויסמאַטערנדיקע לויפעניש אין די אַמטן. עס מוז אויך קאָסטן אַ סך געלט, וואָס די לאַנדס־לייט ווילן ירחמיאלן איינשפּאָרן.

די פיסקאַלן קאָנען נישט אומעטום אַכטונג געבן, לויערן זיי נאָר אויף די ברייטע, אָפּגעדעקטע עסטראַדעס. פון דער ווייטנס דערקענען זיי שוין דעם ספּעציפישן הילוך און די פיזיאָנאָמיע פון די רויט־פאַרברענטע „רור־סאָס” און טשאַטעווען אויף זייער פאַרמעגן, די פעקלעך. ווען זיי כאַפּן אַ „רוסאָ” ווערן זיי כלומרשט מלא רציחה, אַפילו דעמאָלט, ווען זיינע ליצענסיעס און די אַנדערע דאָקומענטן פון אַן אַמבולאַנט זענען אין אָר־דענונג, — כאָטש דאָס קאָן זיך קיין מאָל נישט טרעפן, ווייל עפּעס אַ פּאָר־פירל פעלט שוין. זיי קאָנפיסקירן דאַן די גאַנצע סחורה, סיידן מע גיט זיי אין יד אַריין. אַזוי האָט מען אים אויפגעקלערט.

ביז היינט האָט ירחמיאל געהאַט דאָס גליק און נישט אָנגעטראָפן אויף פיסקאַלן. הלוואי ווייטער. איין מאָל איז אים אַנטקעגן געקומען דאָס קעטשל און די כאַפּערס האָבן אים פאַרדעכטיק אָנגעקוקט. ער האָט דאַן געטראָגן אַ קליין פּעקעלע. ער איז זיך געגאַנגען גלייכגילטיק ווייטער מיטן פּעקל אונטערן אָרעם. ערשט ווען זיי האָבן זיך דערווייטערט, האָט אים דאָס האַרץ אָנגעהויבן קלאַפּן.

דאָ, אין די געדרייטע געסלעך און סטעזשקעס, דאָרפישע וועגן, וועט אים קיין פיסקאַל נישט איבערשרעקן. קיין קעטשל קאָן זיך דאָ נישט אַראָפּלאָזן און אַ פוסגייער־פיסקאַל וועט דאָ אַהער נישט פאַרבלאָנדזשען.

זיינע לאַנדסלייט האָבן אים אַפילו געוואָרנט פאַר אַ גיבורדיקן פיסקאַל, אַן אַטלעט, אַ פוס־גייער, אַ ריזיקער, שוואַרצער. ער איז דער פּחד פון אַלע „קלאַפּער” אין דער דאָזיקער געגנט. כאָטש דיק און גרויס, לויפט ער שנעל ווי אַ פערד און קיינער קען זיך פון אים נישט אויסבאַהאַלטן, מעג דער קלאַפּער זיך געפינען ווי הויך אויף אַ באַרג און ער, דער שוואַר־צער, אונטן, צופוסנס, דערגרייכט ער אויך דעם אומגליקלעכן „רוסאָ”. אין יד אַריין נעמט ער אַפילו, אָבער גאָר גרויסע געלטער, כמעט לויטן באַטרעף פון דער סחורה.

.3

עס איז ווייט צו דער סטאַציע פון דעם קליינעם באַנדל, וואָס איז דער איינציקער פאַרבינדונגס־וועג פון דער געגנט מיט דער שטאָט, מיט באָם־רעטיראַ, ווו עס וווינען זיינע לאַנדסלייט און ווו עס געפינט זיך זיין פּענסיאָן. נעמען דעם אויטאָבוס, וואָס לויפט אויף דער עסטראַדע, האָט ער מורא צוליב די כאַפּערס. גייט ער ווייטער אין די אומענדלעכע וועגן און סטעזשקעס פון דער אין בלומען און אין אויסטערלישע פרוכטביימער איינגעטונקענער ווילא. ער חזרט דאָס אויסגעלערנטע ווערטל: „קאַרטלעך, קאָרטלעך" און קלאַפּט אין די שיטער־צעזייטע הייזלעך.

און אָט געשעט עפּעס אויסטערלישעס: אַ האַלב־שוואַרצע פרוי, אַ מורלאַטקע, אַ הויך־געוויקסיקע און קרעפּטיקע, מיט אַ קרוין האָר אויפן קאָפּ, ווי אַ וואַלד, דערבליקנדיק ירחמיאלן פון דעם אָפענעם פענצטער, ווו זי איז געשטאַנען אָנגעלענט, עפנט אויף פאַר אים די טיר פון איר שטוב און פאַרבעט אים צו זיך אַריין, אינעווייניק:

— „ענטראַ, מאָסאָ, פּאָדי ענטאַר"! קום אַריין, יונגערמאַן, קאָנסט אַריינקומען!

ירחמיאלס רויט־פאַרברענט פּנים ווערט נאָך רויטער און עס שלאָגט צוריק די היץ פון דער הייסער טראָפּישער זון, וואָס זיין קאָפּ האָט איינגעזאַפּט אַ גאַנצן טאָג; ער פילט — דער קאָפּ גליט, ווי אַ לאָמפּ.

די פרוי באַטראַכט זיין פייערדיק געזיכט מיט דער זעלבער אויסטערלישקייט, ווי דער ווייסער מענטש באַטראַכט צום ערשטן מאָל אַ שווארצן... זי בעט אים זיך זעצן, אָפּרוען; זי דערלאַנגט אים פריש ברונעם־וואַסער. איר מעכטיקער גוף רוט נישט קיין רגע. לויפט אין קיך נאָך אַ טוך אָפּצווישן דעם שטול. פון אירע שווערע באַוועגונגען און געלויף ציטערן אַזש די ברעטער פון דיל און די שויבן פון פענצטער.

זי בעט אים זיצן, אָפּרוען. אירע ליפּן ציטערן... זי געפינט נישט קיין שפּראַך, קיין וואָרט, נאָר אָפּגעהאַקטע קלאַנגען. ערשט, ווען ירחמיאל, אַ צעטרייסלטער, פרעגט, צי וויל זי עפּעס קויפן, פּרעפּלט זי אַרויס:

— לאָמיר זען!

און איידער ירחמיאל באַווייזט אויפצוהייבן דעם טשעמאָדאַן און אים אַרויפצולייגן אויפן טיש, הערט זיך ווי אין דרויסן פאַלט צו די פּאַרטקע און עס דערנענטערן זיך שנעלע מאַנצבילשע טריט.

דער פרויס פּנים ווערט באַדעקט מיט אַש, דער וואַלד אויפן קאָפּ — צעשאָטן, צעוויגט...

עס קומט אַריין האַסטיק אַן אומגעוויינלעך גרויסער מאַנצביל, אַ שוואַר־צער, — אַ געבוי פון אַ ריז. דאָס פּנים איז אויסגעפּולט אינגאַנצן מיט צוויי אומגעהויערע נאָזלעכער, ווי פערדישע נאָזדרעס. זיי עפענען זיך נאָך ברייטער און די ווענטלעך קלאַפּן ווי לעבעדיקע מוסקלען.

אָנקוקנדיק שאַרף די פרוי, לאָזט ער ארויס קוויטשנדיקע און ציש־דיקע קולות, אָפּגעהאַקטע ווערטער, וואָס ירחמיאל פאַרשטייט זיי נישט. מיט אויפגעהויבענע הענט לויפט ער צו צו דער פרוי.

די פרוי שטויסט אים אָפּ און מיט אַ מאַסקע פון ווידערווילן און גלייכ־גילטיקייט, וווּנדערט זי זיך אויף זיין כעס. זי ענטפערט טרוקן, נאָר מיט אַ טרויעריקן בלישטש אין די אויגן:

— עס איז אַ נאַר־וואָס געקומענער רוסאָ. ער קען אַפילו נישט אונ־דזער לשון. אויס מורא פאַר פּיסקאַלן, אויס מורא פאַר אַזעלכע ווי דו, וויל ער נישט אויפפּאַקן זיין פּעקל אין גאַס. עס איז מיר אַ רחמנות געווען און כ׳האָב באַשלאָסן ביי אים עפּעס קויפן, האָב איך אים אַריינגערופן אין שטוב, באַרויק זיך דו, פערד!

באותו הרגע ווערט די רציחה פון שוואַרצן אויסגעדרייט צו ירחמיאלן. ער כאַפּט דעם טשעמאָדאַן און רייסט אים נערוועז אויף. שנעל, שנעל וואַרפט ער אַרויס די געבלימלטע שטאָפן, דאָס זייד, וואַרפט זיי אין דער הייך, ציילט שנעל איבער און פרעגט ירחמיאלן:

— ווו איז דיין ליצענסיע?

דער שוואַרצער פאַרדרייט דעם שליסל אויפן שלאָס. ער שרייט צו ירחמיאלן:

— דיין ליצענסיע ווו איז?

די פרוי ווערט אומרויִק און שטעלט זיך אַריין צווישן דעם מאַן אירן

און ירחמיאלן, אין אַ טאָן פון געבעט, וואָס איז אויסגעמישט מיט פאַר־אַכטונג, זאָגט זי אים האַרב און מיט וואָרענונג:

— לאָז אים אָפּ! ער פאַרשטייט דאָך אַפילו נישט אונדזער לשון! האָב רחמנות אויף אים, „טעניאָ דאָ! דו אומפאַרשעמטער, סען־ווערגאָניאָ״!

די רציחה לאָזט אים פּאַמעלעך אָפּ. ער שלעפּט ירחמיאלן ביי דער האַנט און, אַרויסנעמענדיק זיין זייגער, פירט ער אים צו צום קאַלענדאַר און שרייט אים אַריין אין פּנים:

— זעסט, רוסאָ? אָט אין דעם טאָג, אין דער דאָזיקער שעה, קום צו גיין צו מיר אין שטוב מיט העמדער, אַ גרויסן נומער, — דעם גרעסטן, — און שטאָף אויף אַן אַנצוג! אָבער געדענק צו קומען, איך וואָרן דיך! אויב דו וועסט נישט קומען וועט זיין ערגער פאַר דיר. יעצט פאַרפּאַק די שמאַטעס און גיי דיר געזונטערהייט!

ער שליסט אויף די טיר און דערלאַנגט ירחמיאלן דעם טשעמאָדאַן, זאָגט אים נאָך אַ מאָל, ער זאָל נישט פאַרגעסן צו קומען צום באַשטימטן טאָג און באַשטימטער שעה, נישט אַנדערש!

***

אַז ירחמיאל איז שוין געווען אין דרויסן האָט ערשט זיין האַרץ אָנ־געהויבן קלאַפּן פון דעם, וואָס ער האָט נאָר וואָס איבערגעלעבט. כאָטש ער האָט נישט פאַרשטאַנען גאַנץ גענוי די רייד פון מאַן, האָט ער געפילט, אַז נישט בלויז זיין סחורה איז געווען אין סכנה, נאָר ער גופא...

עס איז געוואָרן טונקל. ער האָט צייללאָז געבלאָנדזשעט צווישן די אין רויזן אויסגעצירטע פּאַרקאַנעס, אין די געדרייטע סטעזשקעס. דאָס האַרץ האָט אים נאָך אַלץ געקלאַפּט.

ירחמיאל האָט זיך אַ דערשעפּטער אַנידערגעזעצט אויף אַ באַגראָזט בערגל, געקוקט אויפן טשעמאָדאַן ווי אויף אַ לעבעדיקער חיה. פון די דערבייאיקע זומפּן האָבן זיך צעגרילצט די גרילן און צעקוואַקעט די זשאַ־בעס. עס האָט ירחמיאלן אַהיימגעטראָגן נאָך סטאַשעוו, צום ווייב און קינד, עס האָט אים דערמאָנט דעם פּויליש־קליינשטעטלדיקן בין־השמשות און, דערבליקנדיק דעם טשעמאָדאַן, האָט ער נאָך אַ מאָל אויפגעשוידערט.

*

ווען ער איז שוין געווען אויף דער סטאַציע האָט זיך פלוצלונג באַוויזן, — אַ דערפרייטע וואָס זי האָט אָנגעטראָפן, זעט אויס, דעם ריכטיקן מאַן, — אַ קליין מיידעלע. זי איז צוגעלאָפן צו ירחמיאלן און אים דערלאַנגט אַ פּאַפּיר.

ביי ירחמיאלן האָט זיך אויף ס'ניי דערוועקט די מורא און ער האָט שנעל אַריינגעטאָן דאָס פּאַפּירל אין קעשענע.

אין שטאָט האָבן אים די לאַנדסלייט איבערגעלייענט און איבערגע־זעצט דאָס בריוול:

— „גוטער מענטש! האָב רחמנות אויף זיך און דערוועג ניט צו קומען אין מיין שטוב אין דעם טאָג און אין דער שעה, וואָס מיין מאַן האָט דיר באַפוילן. זאָלסט זיך היטן פאַר מיין מאַן, ער איז אַ „ברוטאָ", — אַ פּיסקאַל.

אַז דו וועסט זיין אין מיין גאַס אין די פריע מאָרגן־שעהן, צו קאַברירן ביי דיינע קונים, באַווייז זיך פאַר מיין הויז, אָבער וואַרט צו ערשט אויף אַ צייכן פון מיר".

דער פעטער

משה וואָלף האָט זיך נישט געלייגט שלאָפן, נאָר זיך צוגעלייגט אין אָנטועכץ; סיי ווי האָט ער נישט צוגעמאַכט די אויגן. דער שלאָף האָט נישט גענומען.

דאָס ווייב האָט געבורטשעט, אים געמוטשעט מיט פראַגן, מיט טענות. זיי האָבן זיך געקליבן מיט דער ערשטער פרימאָרגן־באַן קיין סאַנטאָס צום פּאָרט, צו דער שיף, וואָס ברענגט יאָסלען, משה וואָלפס ברודערן־זון; די שיף קומט אָן פאַרטאָג אין פּאָרט.

משה וואָלף האָט געוואָלט פאָרן אַליין, אָן ווייב. זי אָבער האָט דווקא געוואָלט מיטפאָרן, כאַפּן אַ קוק אויפן יונג. דער ערשטער קוק איר־רער האָט געזאָלט זיין מאַסגעביק, צי טויג ער פאַר איר בת יחידה, צי נישט.

משה וואָלפן האָבן געשטאָכן אירע ווערטער.

נישט דערפאַר האָט ער איינגעלייגט וועלטן ביים „קאָמיטעט״ אַראָפּ צוברענגען זיין ווייבס ברודערן־זון, ער זאָל ווערן זיין יורש. מע ווייסט דאָך נישט צי ער איז אַ לייט, דער יאָסל! „איך האָב געהאָרעוועט שווער און ביטער, ביז זיך „דאָראָביעט״ צו אַ שטיקל מעמד, אַ קליין פאַרמעגנס; זיך געוויקט אין שוויס יאָרן און יאָרן, וועל איך נישט אָנהענגען (גע־וואָלט זאָגן אַ „ווילד־פרעמדן״, אָבער זיך צוריקגעכאַפּט) מיין פראַצע אַזוי לייכט איינעם, און דערצו נאָך נעמען אים פאַר אָן איידעם״.

און נישט קוקנדיק צום ווייב, נאָר גלאַט רעדנדיק, האָט ער ווייטער געצויגן:

„יאָסל איז טאַקע דער זון פון זיין געראָטענעם שוואָגער, דעם יחסן און למדן, פאַר וועלכן ער האָט געהאַט דעם גרעסטן דרך־ארץ. ווייסט מען אָבער אין וועמען ער איז געראָטן? ווייסט מען דען וואָס ער האָט

מיטגעמאַכט אין די לעצטע יאָרן, וואָס ער האָט זיך אָנגעזען, פּאַניע־וויערעט אין די לאַגערן, אין געטאָ, זעענדיק הונדערטער מאָל דעם טויט פאַר די אויגן?"

ווי אַלע יידן, האָט אויך אים צענומען אַ גרויס רחמנות אויף די „אײ־בערגעבליבענע ברידער". ס'איז אַ הייליקער חוב זיי צו העלפן. אין זיין שול, ווו ער דאַוונט אַלע שבת, דרשנט דער רב איבער רחמנות: „יידן רחמנים בני רחמנים". אויף די טרויער־פאַרזאַמלונגען, וועלכע ער פאַר־פעלט נישט, צעיאַכמערן זיך די רעדנער, אַז אַ שטיין קאָן געריירט ווערן. „האָב איך טאַקע געטאָן ס'מייניקע: אים אַראָפּגעבראַכט קיין בראַזיל; עס האָט נישט ווייניק געקאָסט".

„אָבער אַריינלאָזן אַ פרעמדן יונג, — נישט געפּאַקט, נישט געמאָזלט?"

משה וואָלף האָט נישט געוואָלט עס זאָל זיך עפּעס איבערקערן אין זיין שטוב, אַ נייער מענטש זאָל איבערשלאָגן זיין איינגעשטעלטן סדר, זיינע געשעפטן, וואָס נאָר ער פאַרשטייט זיך אויף זיי. ער וועט דעם בחור טאַקע שטעלן אויף די פיס! — אָבער נישט ביי זיך, נאָר אין דרויסן...

אַי, די טאָכטער, וואָס מאַכט פול די שטוב און דאַרף אַ חתן, אויב נישט היינט, איז מאָרגן. נאָך צייט! נאָך צייט! ווי אַלט איז זי די מויד? 18 יאָר?

ס'ווייב לאָזט אים נישט פאַרזינקען אין די דאָזיקע מחשבות. הערט נישט אויף צו טאָטשען און שטורכן:

— וואָס מיינסטו, עס איז אין דער היים, ווען אַ מויד איז זיך אויס־געוואַקסן, זיך געליבט מיט אַ בחור, געגאַנגען מיט אים יאָרן און יאָרן און טאַטע־מאַמע האָבן זי געהאַלטן אויפן אויג, אויף שריט און טריט זי גע־היטן, אַפילו אין די הינטערגעסלעך פון שטעטל? דאָ איז בראַזיליע, דאָ ברענט אַ פייער... דאָ קאָן מען אַ מיידל נישט אַרויסלאָזן איינע אַליין אויף אַ מינוט נישט, דער קאָפּ שפרינגט מיר אויף טייל מאָל, ווייל איינ־שליסן זי קאָן מען אויך נישט!

און זי גיט האַסטיק אַ זאָג:

— משה וואָלף, הכלל, אונדזער באַשע דאַרף אַ חתן, האָסט געהערט? ס'ווייב האָט געקריגן קוראַזש. משה וואָלף איז געבליבן אָפּגעהאַקט

און האָט זי נישט איבערגעשלאָגן, ווי עס איז זיין שטייגער. אָנטועגדיק זיך, האָט זי זיך אַליין צענומען פון אירע אייגענע רייד און גערעדט וויינענדיק:

— עס איז דער איינציקער איבערבלייב פון איר יינגסטן ברודער, דאָס קריינדל פון דער משפחה, דער וויל־לערנער — — — פון די איבע־ריקע ברידער און שוועסטער איז נישטאָ קיין זכר, נישט קיין קבר, נישט קיין אַש...

משה וואָלף האָט זיך געגעבן אַ רייס אויף, ווי אַן אָפּגעבריטער, און אויפ־שטעלנדיק זיך קעגן ווייב איר געדראָט:

— הייבסט שוין אָן?! נאָ, זע, כ׳לאָז דיך איבער און כ׳גיי אַליין צו דער באַן! וואָס נאָך ווילסטו פון מיר? כ׳האָב דאָך איינגעלייגט וועלטן, אויפ־געזוכט, אַרומגעלאָפן, די פיס אויסגעדרייט, נישט געזשאַלעוועט קיין געלט, ביז מיט צרות און לייד אים אַראָפּגענומען, ווילסטו שוין, אויף דער הייסער מינוט, אָפּבאַקן אַן איידעם?...

פאַרביסענע, יעדער אין זיין געמיט פאַרשלאָסן, האָבן זיי אויפגע־פראַלט די טיר און זיך געלאָזט אין דער שוואַרצער נאַכט, צום וואָקזאַל.

*

ווען משה וואָלף מיטן ווייב זענען צוריקגעקומען פון סאַנטאָס מיטן פּלימעניק, האָט עס אויסגעזען ווי זיי וואָלטן צוריקגעפאָרן פון אַ יאַריד. צעיאַכטערטע און צערודערטע, האָבן זיי פאַרמאַכט די טיר אויפן שלאָס, שכנים זאָלן זיי נישט פאַרמאַטערן מיט אַלערליי פרעגענישן. ווי אַ קעלבל פון יאַריד האָבן זיי געבערענגט יאָסלען, וואָס איז געבליבן שטיין אין מיטן שטוב, ווי אַ געפּענטעטער...

יאָסל, אַ קנאָכיקער יונגערמאַן, די הויט שטראַם געצויגן איבער די באַקן, ווי אַ רויט־אָפּגעשיילטער שאַרבן, מיט דער שמאָלער און ביינער־דיקער נאָז, וואָס האָט פייכט געפּלאַמט ווי אויף אַ פראָסט; מיט אַן אָפן מויל, ווי איינער וואָס גרייט זיך אַ סך צו רעדן, — זענען אים אַלע ווערטער אויסגערונען, אַרויסגעפלויגן.

סע האָט פון יונג געשמעקט מיט אַ פאַרלעגענעם געריך פון לאַגער. די אויסגעטראָגענע טראַנטעס האָבן דערציילט פון אויספּאַרעוועז, פון „דע־זינפעקציע", פון קאַזאַרמע, פון איינעם וואָס שטעלט זיך צום פּריזיוו.

ער האָט מיט אַ מאָל אַ שאַר אַרויף געטאָן דעם אַרבל פון רעקל און אַ וויַיז געטאָן אַ שוואַרצלעכע האַנט:

— דער נומער, אויסגעברענט אין לאַגער, אַ כּאַליערע זיי אין די ביינער!

אומבאַמערקט פון אַלע איז פּלוצלינג אויסגעוואַקסן די איינאייניקע טאָכטער, באַשע. זי האָט זיך אַרויפגעוואָרפן אויף דער מאַמע און מיט מיטלייד, געמישט מיט פּחד, ווי נאָר וואָס אויפגעכאַפּט פון שלאָף, גע־קוקט אויף זיין פאַרשאַרצטער און פאַרשוואַרצטער נומערירטער האַנט. יאָסל איז געבליבן פאַרגליווערט מיט דער כּאַליערע־קללה אין מויל.

משה וואָלף האָט זיך שנעל אויפגעכאַפּט פון דער איינגעטרעטענער געדריקטקייט און אַ באַפעל געגעבן צום וויַיב:

וואָס באַלעמוטשעסטו? פיר יאָסלען אין דער באַניערא, טו אים אָן ווי אַ מענטש און פאַרברען אַלע זיינע שמאַטעס. וויַיז אים זיין צימער און דו, באַשע, גיי דיר צו דיינע לעקציעס!

***

אין איניקע וואָכן אַרום, ווען יאָסלען איז שוין אַרויפגעקראָכן אַ ביסל פלייש אויף די ביינער און ווען ער האָט שוין געכאַפּט אַ ביסל דאָס לשון, האָט משה וואָלף געפירט דעם פלימעניק איבער די געשעפטן פון באָם־רעטירא. ער האָט אָנגעזאָגט אים, ער זאָל פאַר די סוחרים פון די גע־שעפטן, ווו ער פירט אים אַריין, נישט צו פיל רעדן פון דעם וואָס ער האָט איבערגעלעבט. אויב זיי וועלן אים אויספרעגן. „זיי ווייסן אַלץ בע־'סער ווי דו אַליין" — האָט ער צוגעגעבן.

משה וואָלף האָט געהאַט אַ גוטן נאָמען ביי די סוחרים און אַ גרויסן קרעדיט. אַן אַרבעטער, אַ „קלאַפּער" שוין אַ פּאָר יאָרן, געדענקען זיי נאָך, ווי ער האָט געשלעפּט קאַלשאַנען אויפן קאָפּ, שפּעטער געשטופּט אַ וועג־

געלע מיט קאַלשאַנעז און קאַבערטאַרן און דאַן איידעלערע אָביעקטן, ביז ער האָט זיך אַרויפגעאַרבעט צו אַ גרויסער קליענטעליע.

— זאָלסט זיין ווי דיין פעטער! — האָט מען דעם גרינעם געווינטשעוועט, — וועסט אַזוי אַרבעטן ווי משה וואָלף, וועסטו זיך אַרויפאַרבעטן. פאַרגעס אין אַלעם!

יאָסל, מיט די אויסגעקרומטע דלאָניעס פון דער שווערער קאַטאַרגע אין לאַגער, מיט דעם אויסגעבערענטן נומער אויפן אָרעם, האָט אַפילו נישט געוווּסט קלאָר, וואָס זיי רופן אָן „זיך נעמען צו דער אַרבעט" און וואָס הייסט דאָס „זיך אַרויפאַרבעטן". כאָטש דער פעטער רעדט און בורטשעט פון דער ערשטער מינוט אָן אָט די צוויי ווערטער...

משה וואָלף האָט אים אָנגעהויבן מיטצונעמען אויפן „לוגאַר", אים צו לערנען „קלאַפן", געוויזן אים ווי אַזוי מע פאַרקויפט אויף „פרעסטאַסאַן", ווי אַזוי מע דערקענט זיך ווער עס איז אַ „טשוואָק" און ווי אַזוי מע פאַרשרייבט די קונדן אין די קאַרטאָטען, אַזוי, אַז מע זאָל זיי אין אַ חודש אַרום לייכט טרעפן, נישט בלאָנדזשען.

נאָך דעם ווי משה וואָלף האָט אַרומגעפירט יאָסלען צוויי וואָכן, האָט ער אים איין מאָל אויפגעוועקט גאָר אין דער פרי, ווען באַשע איז שוין געווען אַוועקגעגאַנגען אין שול. ער האָט אים אַריינגעפירט אין באַשעס צימער.

פירנדיק זיין האַנט איבער אַ גרויסער און קאָלירטער וואַנט־מאַפּע פון גאַנץ בראַזיל, האָט משה וואָלף, ווי אויסטיילנדיק אַ וואַזשנע נחלה, אַ ירושה, אַ זאָג געגעבן צו יאָסלען:

— נאָ, קאָנסט זיך אויסקלייבן אַ „לוגאַר" וווּ צו קלאַפּן... בראַזיליע איז גרויס... פון אויבן, ביי די פאָרטן, ווו דיין שיף איז אַדורכגעפאָרן, ביז אונטן, ביי די גרענעצן פון אַרגענטינע... אַ גרויס לאַנד בראַזיליע... כ׳האָב דיר געמאַכט אַ לייטיש פעקל, פאַר אַ סך געלט; איך האָב אַ העלפט נישט געהאַט אַפילו, ווען כ׳האָב „אָנגעהויבן", איך האָב אָנגעהויבן מיט שלעפּן קאַלשאַנעז, איך האָב נישט געהאַט קיין פעטער...

און רעדנדיק מער צו דער מאַפּע, ווי צו יאָסלען, דעם פלימעניק, האָט משה וואָלף פאַרענדיקט:

— דאָ איז בראַזיליע. אין בראַזיליע איז ווי מען וויל; וויל מען, — איז מען אַ פעטער. וויל מען נישט, איז מען נישט קיין פעטער. דו הערסט, יאָסל? נאַ, נעם דעם גרויסן פּאַק, וואָס איך האָב פאַר אים באַצאָלט; דו דאַרפסט מיר נישט אומקערן דאָס געלט. נאָר אַ צווייטן פּאַק וועל איך דיר נישט געבן.

יאָסל, ברייט צעשטעלט די פיס, מיט צעפלאַמטע, ביינערדיקע באַקן האָט גולמדיק און שטאַר געבליקט צום פּעקל, ווי צו אַ מת, און עס האָט אים דערמאָנט די בייטש אין לאַגער, ווי זי סווישטשעט אָפּ מיט די ווערטער פון פעטער:

„אין בראַזיליע איז ווי מען וויל: וויל מען איז מען אַ פעטער, וויל מען נישט, — איז מען נישט קיין פעטער"...

פין-דע-מעז

(סוף חודש)

נחום איז אין דער היים, אין קליינעם ליטווישן שטעטל, געווען אַ סטאָליער, אַ דאָרף־גייער. מיט אַ זעג, אַריבערגעוואָרפן איבער דער פּלייצע, און מיט אַ רענצל, אין וועלכן עס האָבן זיך געפונען אַ הובל, אַ העמערל און טשוועקעס, איז ער געגאַנגען אויף די דאָרפישע וועגן פון כאַטע צו כאַטע און אויסגערופן:

— צו רעכט מאַכן אַ בעט, אַ טיש, איינשטעלן אַ פּאָליצע, אַ פענצטער!

הויך־געוויקסיק און ברייטפּלייציק, מיט אַ ביינערדיק־אויסגעמאָגערט פּנים, אָן אַפּנס, אַ ברייטס און אַ פלאַכס, האָט ער געהאַט דעם אָנבליק פון אַ ליטווישן פויער. פאַר שווערער אַרבעט האָט ער זיך נישט אָפּגעשראָקן.

אַראָפּגעבראַנגט אים קיין בראַזיליע האָט זיין שוואָגער הירשקע, זיין ווייבס ברודער. נאָך אַ בחור, הגם שוין אין די יאָרן, האָט הירשקע דאָ געפירט אַ „קאָלשאָאַריע" (אַזעלכע שענקיקעס), אין אַ „פּאַראָן" (קעלער) פון אַ הויז אין אַ ביירא. קליינגעוויקסיק און רירעוודיק האָט ער זיך ביי די קאָלשאָנען געפּאָרעט ווי אַ קינד, וואָס שטיפט אויפן באַרג קאָלשאָנען.

די ערשטע וואָכן האָט דאָס אימיגראַנטיש געזינדל, — נחום, זיין ווייב מינדל און זייער 12־יעריק יינגל געוווינט אין דעם „פּאַראָן" און זיך געשמאַק אויסגערוט אויפן באַרג קאָלשאָנען.

אַז נחום האָט שוין געקראָגן אַלע פּאַפּירן און שוין געכאַפּט אַ פּאָר ווערטער פון היגן לשון, האָט אים דאָס שוואָגערל געגעבן אַ גרויסן, ברייטן וואָגן אויף צוויי רעדער, אַ מין פּלאַטפּאָרמע און עפענענדיק ברייט די טירן פון „פּאַראָן", — אים אָנגעוויזן:

— זעסט, נחום, די הייזקעס דאָרט צווישן די בערג? וועסט דאָרט

פאַרצוקערן די קאַלשאַנעז. מיט זיי וועסטו אַנהייבן, אַז וועסט קומען צו אייגן קאַפּיטאַל, וועסטו קלאַפּן מיט עפּעס פיינערס.

נחום, זשעדנע אויף פרנסה, זשעדנע זיך צו שטעלן אויף אייגענע פיס, האָט אַ שפּיי געגעבן אין די דלאַניעס און מיט דאַנק זיך אָנגערופן:

— הירשקע, דו ווייסט דאָך, איך בין געוווינט צו שפּאַנען 20—30 וויאָרסט אַ טאָג — און, וועלנדיק ווייזן כוח, — אַ שלעפּ געגעבן די פלאַט־פאָרמע קאַלשאַנעז.

— דער עיקר, זאָלסט נישט אָפּשטיין פון דער אַרבעט, אַרבעט פולע טעג, האָסט אַ ווייב און אַ קינד, — האָט אים הירשקע אַריינגערעדט, — אָפּרוען וועסטו זיך „פין דע מעז״.

עס איז אַוועק אַ יאָר. נחומס קליענטעלע איז זיך צעוואַקסן, זיך צע־שפּרייט. ער קלאַפּט מיטן זעלבן אייפער און אימפעט ווי מיט אַ יאָר צוריק. אָנגעהויבן מיט קאַלשאַנעז, האָט ער שפּעטער אַרויפגעלייגט אויף דער פלאַטפאָרמע קאַלשעס, קאָבערטאָרן (אַזעלכע מיני קאָלדרעס). אַז ער האָט שוין געהאַט אָנגעקלאַפּט אַ פּאָר הונדערט קאַרטאַנעז, שטענדיקע קונדן, האָט ער אויפגעהערט צו שלעפּן און שטופּן דאָס וועגעלע באַרג אַרויף און באַרג אַראָפּ. ער האָט עס צוריקגעגעבן הירשקען, געקויפט אַ גרויסן טשעמאָדאַן און אָנגעהויבן קלאַפּן מיט פיינערע „אָביעקטן״: „קאַרטלעך״, (שטאָף) העמדער, הויזנס און שירעמס.

אויפגעשטאַנען גאַנץ פרי, מיטן שווערן טשעמאָדאַן אויף די פּלייצעס און אַ פּאַק קאַרטאַנען אין די קעשענעס, האָט ער זיך געלאָזט צו זיין ביירא: אין די טאָלן, אויף די הויכקייטן, אין די פאַרשטעקטע ווינקלען, אין די פאַרוואָרפענע ווילאַס פון די קאָנטאַרעיראַ־בערג.

געוווינט האָט ער אויף דער ביירא אין אַ געדונגען הויז, געזאַמלט אַ מיל צו אַ מיל זיך צו דערשלאָגן צו אַ „טערען״, צו אַן אייגן שטיבל.

זיין ווייב, מינדל, אַ פלינק קליין ווייבל, ווי איר ברודער הירשקע, האָט מיטגעדאגהט אין דער פרנסה: „געקלאַפּט״ מיט ווייבערשע וועש. אַרויסגעגאַנגען איז דאָס פאַרפאַלק אין דער פרי צוזאַמען, אָבער גלייך זיך צעשיידט: ער איז אַוועק פון דער שטאָט, צו די בערג; זי צו דער שטאָט, צו די ברוקירטע גאַסן. אין שטוב איז געלעגן יוחנקע, זייער בחור.

מיטאָג האָבן זיי געגעסן טרוקנס, אין גאַס, נאָך געווען איינגעוווינט דערצו אין ליטע, בעת ער האָט זיך געהאַט געלאָזט איבער די דערפער. חוץ דעם האָט ער זיך שוין איבערצייגט, אַז פּאָר אַ קלאַפּער טויג גאָר נישט איבערצורייסן דאָס קלאַפּן און אַהיים קומען אויף מיטאָג. דער טאָג גייט אַוועק אין ניוועץ, ער ווערט צעריבן, דער טאָג. אין אָוונט האָט שוין מינדל אָפּגעקאָכט אַ וואַרעמס.

יוחנקע, וואָס האָט געלערנט אַ פּאָר שעה אין טאָג אין דער „גרופּאָ", (פּאָלקסשול) האָט זיי אַרויסגעהאָלפן אין צוטראָגן באַשטעלונגען, „ענ־קאָמענדאָס", אין קאָברירן, אין ברענגען אַ שטיקל סחורה. ביי דער פּרנסה איז דאָס גאַנצע משפּחהלע געווען איינגעשפּאַנט און זיי זענען נישט איינ־געזעסן קיין מינוט, זיך נישט פאַרגונען אָפּצורוען, נישט פאַרלוירן קיין רגע. געלאָפן פון די „טערקן" צו די באַם־רעטירער יידן, נאָך קאָבער־טאָרן, נאָך קאָרטלעך, נאָך טערנעס, אַזש מען האָט זיי נאָכגעשריגן:

— „קאַלמאַ, קאַלמאַ נאַ בראַזיל"! (רויק, רויק איז אין בראַזיל!)

זיי האָבן צוגעטראָגן די באַשטעלונגען, אָנגענומען צום טוישן, צוריק צוגעפּאַסט, געלאָפן קאָברירן, טייל מאָל צוויי און אַפילו דריי מאָל ביי אַ קונד; נאָכגעצויגן די, וואָס האָבן זיך „געמודעט"; אָפּגעוואַרט ביי די טויערן פון די פאַבריקן בעת די „פּאַגאַמענטן" (צאָלונגען); ביי די קאַ־זאַרמעס, ווען סאָלדאַטן קריגן זייער געהאַלט; אַרויסגעריסן מיט געדולד ביי „טשוועקעס" דאָס לעצטע, ביזן לעצטן „פּרעסטאַסאָן" (ראַטע), אַכטונג געגעבן עס זאָל נישט פאַרלוירן גיין דאָס פאַרדינסט.

נאָך עטלעכע חדשים האָט נחום אָנגעהויבן אָפּצושטיין... ער איז פּשוט געפאַלן פון די פיס און ביינאַכט געשפּירט אַ ציענִיש, אַ ברענעניש, אַ נאַ־גנדיקן ווייטיק אין די אברים. עס איז אים באַפאַלן יעדן טאָג, אין מיטן דער ברענענדיקער היץ, די שרעקלעכע מחלה „וואָלף", יסורים אין די פּאַכוועס פון די הענט און פון די פיס. דאָס שטענדיקע שוויצן און לויפן פאַרשרפּהט, האָט גענומען אין אים נקמה.

אָפּגערוט האָט מען זיך ערשט אין פין דע מעז. אַרום דעם 25סטן פון יעדן חודש, ביזן 2טן — 3טן פון נייעם חודש קומען נישט פאַר „פּאַגאַ־מענטן" און עס טרעט אַריין אַ שטילקייט אין דער קליענטעליע. דעמאָלט

קויפט קיינער נישט און עס צאָלט קיינער נישט. עס איז אַ מין בין־הזמנים, אַ מין חודשדיקער בין־השמשות. דער פין דע מעז איז באמת אַ ישועה פאַר די קליענטעלשטשיקעס אָפּצורוען די פאַרמאַטערטע פיס, די פאַרברענטע פאָדעשוועש און אָנצוזאַמלען נייע כוחות פאַרן קומענדיקן חודש.

די ערשטע פין דע מעזן, ווען נחום און מינדל האָבן זיך פאַרגונען אויסצורוען, זענען אַוועק אין פאַרלאַטן אָפּגעריבענע הויזן, איינגייען קנעפּ, אַרומקוקן זיך אויף די שיך, צוגרייטן אָנוצעס. „אין דעם בראַזיליאַנישן קלימאַט זענען אָנוצעס אַ רפואה פאַר אַ קלאַפּער", — איז מינדל דער־גאַנגען...

די קליענטעליע איז אַלץ געוואַקסן, ווייט אַריבער די ברעגעס פון די אָנגעצייכנטע בייראָס. זיי האָבן אויך פאַרקויפט מעבל, גאַנצע „סאַליעס" (עס־צימערן) און „דאָרמיטאָריאָס" (שלאָפצימערן) און איינצלנע „פעסאַס" (שטיק).

פון די פין דע מעזן האָבן זיי וואָס אַ מאָל אַלץ מער אַראָפּגעשניטן אַ טאָג, אַ שעה. זיי האָבן זיך לסוף איינגעקורטשעט ווי די קורצע פרייטיק־ איך ליטווישן ווינטער... נחום איז געוואָרן אויסגעטריקנטער פון חודש צו חודש און די פין דע מעזן האָבן אים שוין נישט באַקומען...

⁂

אין אַ פין דע מעז האָט מען געקויפט דעם „טערען", די ערד צו שטעלן דערויף דאָס הויז. נחום האָט צייט געהאַט צו שפּאַנען אין דער לענג און אין דער ברייט און אויסמעסטן די קוואַדראַט־מעטערס.

אַ צווייטן פין דע מעז האָט מען זיך געדונגען מיטן בוי־מייסטער, — נחום האָט זיך גענומען צייט דאַן און אים געמשלט וויפל אַריינצורוקן און וויפל איבערצולאָזן אין אַ זייט, אין מיטן חודש וועט ער דאָך נישט האָבן קיין צייט אים דאָס אַלץ צו דערקלערן. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ באַנייט און פאַרשטאַרקט לויפעניש. די הוצאות זענען מיט אַ מאָל זייער אויסגעוואַקסן, די פאַרפליכטונגען שווערער געוואָרן און די ראַטעס פאַרן

קאָנסטרוקטאָר האָבן געדאַרפט פּינקטלעך געסילוקט ווערן. דער עול פּרנסה איז שווערער געוואָרן...

אין אַ פּין דע מעז האָט מען געלייגט דעם פונדאַמענט פון דער שטוב, צו מזל און צו ברכה. נחומען האָט עפּעס אַ שיין געגעבן פאַר די אויגן, — אַן אייגענע כאַטע... צוזאַמען מיט הירשקען האָט מען מיט אַ „פּינגאַ״ (בראָנפן) באַגאָסן דעם פונדאַמענט:

— נו, הירשקע, איך האָב דיך איבערגעיאָגט. דו ביסט נאָך אַלץ אין „פּאַראָן״, ביי דיינע שעניקעס! — האָט נחום זיך באַרימט.

אין אַ האַלב יאָר אַרום האָט זיך נחום אַריינגעצויגן אין נייעם, אייגענעם הויז, פאַרשטייט זיך, אין אַ פּין דע מעז.

***

געמיינט האָבן זיי, אַז ווינענדיק אין די אייגענע פיר ווענט וועלן זיי אַ ביסל אָפּכאַפּן דעם אָטעם און אַראָפּוואַרפן פון זיך די יאָזשמע... געוואָלט זיך פאַרקלענערן, אַרויסלאָזן אַ סך קונדן, די ווייטע, די קלענערע. עס האָט זיך אָבער נישט געלאָזט: די קונדן האָבן „געמאַנדעוועט״ (אַ דעה געזאָגט), זיי נישט געלאָזט צו רו, געקומען אין דער נייער שטוב מיט מער קוראַזש, ווי פריער אין דער געדונגענער. זיי האָבן געפּאַדערט, געמאָנט, געוועזן היימיש, געקומען אויף דער נאַכט, אין די שפּעטע שעהן, געשלעפּט פון זיי שטיקער סחורה, געמאַכט באַשטעלונגען, איידער זיי האָבן באַוויזן צו ליקווידירן די אַלטע חשבונות; מיטגעבראַכט קרובים, פאַר וועלכע זיי האָבן גוט געזאָגט, און נחום האָט געשריבן נייע קאַרטאָנען...

די קאַרטאָנען האָבן זיך געמערט... די דריי משפּחה־גלידער האָבן זיך אויסגעזעצט שפּעט פאַרן שלאָפן גיין ביים טיש. נחום האָט פאַרגעלייענט, ווי ביי אַ לאָטעריע־שפּיל, קאַרטאָן נאָך קאַרטאָן, גאַס נאָך גאַס, דאַטע נאָך דאַטע, — צוגעגרייט אַרבעט אויפן מאָרגנדיקן טאָג, באַשטימט וועלכע אָפּצולייגן אויפן קומענדיקן חודש און וועלכע מען קען שוין צולייגן צום פּעקל „טשוועקעס״.

מינדל האָט שוין געחלשט זיך אָפּצורוען, הנאה האָבן פון איר שטוב, פון איר מעבל מיט די גאַרדינען, וואָס איז איר אַזוי שווער אָנגעקומען,

נעבעך, זי האָט שוין געזוכט אַ קונה אויף איר ווייבערישער קליענטעליע.

אין נייעם הויז אָבער האָט זיך נחום איינגעבראָכן.

אויפגעשטאַנען צו דער אַרבעט איז ער ווי תמיד. די ערשטע שעהן אין דער פרי האָט ער געשטעלט זיכערע, פעסטע טריט, ווי אַמאָל אויף די ליטווישע וועגן. אָבער אַרום 10 אַזייגער זענען אים די פיס מיט אַ מאָל שווער געוואָרן און ער האָט מער נישט געקאָנט גיין. ער האָט זיך געמוזט אָפרוען אויף אַ בערגל, ווייל אַריינגיין אין אַ באַר האָט ער שטאַרק נישט ליב געהאַט. נחום האָט געפילט, אַז ער איז נישט מיד פון איצט, פון היינטיקן טאָג, נאָר עס האָבן זיך אָנגעזאַמלט די מידקייטן פון דער ליטע, פון דער פלאַטפאָרם „קאָלשאָנען" און זיי באַשווערן ווי בליי זיינע פיס און דריקן אים אין רוקן. נחום איז אַהיימגעפאָרן מיט אַ טאַקסי, זיך אַוועקגעלייגט אין בעט און מער נישט געקאָנט גיין צו דער אַרבעט.

עס האָט אים געהאַקט אין די שלייפן און געווייטיקט אין געניק. מינדל, אַהיימקומענדיק פון איר קאָבראַנסטווע און טרעפנדיק נחומען אין בעט, האָט זיך אויף אַן אמת דערשראָקן. זייט זי קען אים, איז עס דאָס ערשטע מאָל, ווי ער ליגט אין בעט בעת די אַרבעטס־שעהן.

נחום האָט איר געבעטן, זי זאָל דערווייל איבערנעמען זיין קאָבראַנסטווע און דעם דאָקטאָר רופן אין אַ פאָר טעג אַרום, פין דע מעז. די ווייטיקן האָבן טאַקע נישט אָפגעלאָזן, מילא, וועט דויערן נאָך אַ פאָר טעג, די וועלט גייט נאָך נישט אונטער...

דער דאָקטאָר האָט באַטראַכט נחומס אויסגעמוטשעטן גוף און האָט געראָטן צו פאָרן דערווייל אין אַ סאַנאַטאָריום אין די בערג, זיך אָפצורוען. „דערנאָך וועט מען זען, צי עס איז אַן אָרגאַנישע קראַנקייט, צי אַ דערשעפונג".

נחום אַליין, אָן מינדלען, האָט נישט געקאָנט פאָרן, האָט מען דאָס אָפגעלייגט אויפן נאָענטסטן פין דע מעז. זי האָט דאָך באמת נישט געקאָנט איבערלאָזן פאַרן יינגל אַלע געשעפטן, די קאָבראַנסטע, די „ענקאָמענדאָס" (באַשטעלונגען). מען מוז צו ערשט מודיע זיין די וויכטיקסטע קונדן און אפשר אַרויסציען פון זיי אַ פאָר „פרעסטאַסאַנס" (ראַטעס) פאָרויס.

אין סאַנאַטאָריום האָט זיך דאָס פּאָרפּאָלק אויפגעהאַלטן ווי אויף שפּילקעס. נישט געפונען קיין טעם אין גאָרנישט. גלאַט אַרויסגעוואָרפן געלט און פאַרלוירן צייט. ער, נחום, האָט געהאַט אויפן קאָפּ אַלע „פּאַ־גאַמענטן״ און מינדל האָט נישט געקאָנט איינזיצן, אים איז אָבער אַלץ ערגער געוואָרן. דאָס אָפּענע, פלאַכע פּנים, ווי פון אַ סלאַוו, איז מיט אַ מאָל פול געוואָרן מיט פינצטערע גריבער. די ווייטיקן האָבן נישט נאָכגעלאָזט קיין רגע אַפילו.

***

פון סאַנאַטאָריע האָט מען נחומען שוין נישט אַהיימגעפירט, נאָר געברענגט אין שפּיטאָל... דער סאַנאַטאָריע־דאָקטאָר האָט פאַרדעכטיקט אַ שלעכטע קראַנקייט און עס האָט נישט געהאַט קיין זין צו פאַרבלייבן אין סאַנאַטאָריע. מינדל איז אַהיימגעפאָרן ראַטעווען די קאַבראַנסטווע, וואָס איז שוין געוואָרן „אַטראַזירט״ (פאַרשפּעטיקט), און נחום איז גע־בליבן אַליין אין שפּיטאָל.

די אָפּעראַציע האָט מען געמוזט אָפּלייגן אויף פּין דע מעז... דער דאָקטאָר האָט אַפילו געוואָלט זי זאָל גלייך אַדורכגעפירט ווערן, נאָר מינדל האָט געבעטן צוּוואַרטן אַ פּאָר טעג נאָר, ביז פּין דע מעז. און ווייל ס׳האָט זיך געהאַנדלט אין אַ פּאָר טעג, האָט דער דאָקטאָר צוגעוואָרט.

ווען יוחנקע מיטן פעטער הירשקע זענען איין מאָל, איילנדיקע, אַרויף צום טאַטן אין שפּיטאָל, איז נחומען שוין געווען גאָר שלעכט. זיינע אויגן האָבן פאַרלוירן זייער גלאַנץ און זיך באַוועגט נישט רעכטס־לינקס, נאָר אויף אַרויף און אַראָפּ... דער טאַטע האָט צוגערופן דעם זון און אים אַריינגעמורמלט אין אויער:

— זאָג דער מאַמען, זי זאָל צו מיר אויפן בית עולם נישט קומען צו אָפט... נישט פאַרלירן קיין צייט בחינם. בלויז אַ מאָל דאָרט, אַ פּין דע מעז, קען זי קומען...

אַ גאַנצן חודש האָבן נאָך מאַמע און זון „אינטריגירט״, „רעסיבירט״ „קאָברירט״. די לוויה איז גוט אויסגעפאַלן — פּונקט צו פּין דע מעז...

מצווהס

די שעראַדזער לאַנדסמאַנשאַפט וואָרט אויף לאַנדסלייט. די מלחמה האָט זיך שוין פון לאַנג פאַרענדיקט און פון שעראַדזער יידן הערט זיך דערווייל גאָרנישט. אויף די זיצונגען פון קאָמיטעט שפרייט דער פרעזידענט אויס לאַנגע ליסטעס פון געראַטעוועטע יידן פון די לאַגערן, פון צוריקגעקומענע, אָבער נישטאָ קיין שעראַדזער צווישן זיי.

דער פרעזידענט פון די שעראַדזער איז געווען אַ צעבליטער מאַנס־פאַרשוין, הויך, ברייטפלייציק און בלאָנד, מיט גוטע און פריילעכע, אַ ביסל לצנישע אויגן. ער איז געווען דער מלך פון די שעראַדזער. פון דער היים אַ שניידער, האָט ער דאָ, נישט־צוזעצנדיק זיך צו דער מאַשין, אויפגע־בויט אַ קאָנפעקציע פון מענער־מלבושים אויפן גאָר וואַזשנעם שטייגער. די בראַזיליאַנער פרעסערקעס און העפטערינס זענען געווען די כפרה פאַר אים און אים תמיד באַלאַגערט די ווערקשטעל, בעת ערגעץ אַנדערש איז מען אויסגעגאַנגען נאָך אַ העלפערקע, אַן אויספאַרטיקערין. די מזל ברכה האָט אַריינגעשיינט צו אים און די שעראַדזער האָבן אים געקרוינט פאַר זייער פרעזידענט.

קיין שלעכטער יונג איז ער נישט געווען, כאָטש ער האָט זיך תמיד אַרויסגעדרייט מיט:

„מ׳עט שוין״. אַז די לאַנדסלייט פלעגן קומען צו אים נאָך אַ טובה, אַ גמילת חסד, אַן אונטערשריפט אין באַנק, האָט ער געהאַט זיין ענטפער:

„מ׳עט שוין״...

עס האָט די איבעריקע שעראַדזער חלילה אויך גאָרנישט געפעלט. אַלע זענען זיי שוין געווען אויסגעגרינט און היפש־אַרויפגעאַרבעטע, מיט אייגענע שטובן, געשעפטן און אַפילו אויטאָמאָבילן, אָבער מיגעל, דער פרעזידענט, האָט זיי אַלע געהאַט איבערגעיאָגט.

***

עס האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן אין סאַן־פּאַולאָ יידן פון דער שארית הפליטה, פון פאַרשיידענע שטעט און לענדער, געציילטע יידן טאַקע, אָבער די אַלערליי לאַנדסמאַנשאַפטן האָבן שוין געהאַט מיט וואָס זיך עוסק צו זיין; בלויז פון שעראַדז האָט זיך קיינער נישט אָפּגעזוכט און קיינער איז נישט געקומען. לסוף איז געקומען איינאײנציקע משפחה: יאָסל, זיין ווייב און צוויי יינגלעך.

איינגעקוואַרטירט האָט זיי דערוויל דער „דזשאָינט" צוזאַמען מיט נאָך אַנדערע פון דער שארית הפליטה. ווי נאָר דער פּרעזידענט מעכל איז געוווּיר געוואָרן פון יאָסלס קומען, האָט ער איינגעלאַדן אַלע שע־ראַדזער צו זיך אין שטוב, — אַ שיינער ברחבותדיקער „פּאַלאַסעט" און געברענגט צו פירן יאָסלען מיט זיין פאַמיליע.

אַז יאָסל איז געקומען מיט זיין צעשראָקן ווייב און האַלב־שטומע, שווייגנדיקע צוויי יינגלעך, וואָס האָבן געהאַט פאַרגעסן אין די פּוילישע סטאַדאָלעס דאָס לשון, האָבן די לאַנדסלייט זיך געריסן צו זיי, אויס־געוועלגערט זיי פון אַלע זייטן, זיך אויסגעפרעגט אויף משפחות, ברי־דער־שוועסטערס, טאַטע־מאַמע, אויסגעשנאַפּט און אויסגעטאַפּט זיי ביזן פאַרמאַטערן. אַז די שעראַדזער זענען געוווּיר געוואָרן דעם פולן אמת, זענען זיי פלוצלינג אָפּגעקילט געוואָרן, אַזוי ווי די ביי־געקומענע וואָלטן געווען מיטשולדיק...

נאָכן „זשאַנטע" האָט מעכל, דער פּרעזידענט און באַלעבאָס פון זשאַנ־טער זיך אויפגעשטעלט. ער האָט אַרויסגעפירט יאָסלען מיט זיין משפחה פאַר זיין גאָרטן ביים הויז, אַרומגעפירט אַרום אין דער קליינער אַלייע און אַריינזעצנדיק זיי אין אויטאָמאָביל האָט ער זיי געפירט אין אַ נייעם פּענ־סיאָן, בלויז פאַר אים, אָן די איבעריקע פון דער שארית הפליטה. ער האָט זיך געסודעט מיטן פאָרטער און אַריינשטעקנדיק דער יאָסלטע אין האַנט אַריין אַ ביסל פּאַפּיר־געלט האָט ער צוגעגעבן:

— וועסט האָבן אויף דערוויל אין טאָפּ אַריין, אויף צוויי וואָכן, „מ׳עט שוין".

*

ווען מעכל איז אַוועק האָט זיך אין דעם ענגן פענסיאָן־שטיבל אַוועקגעשטעלט אַ נישט־גוטסקייט. אַ טוכלע לופט, ווי אין אַ פּאָליציי־אישער קאַנצעלאַריע אין שעראַדז. שרהן, יאָסלס ווייב, האָט זיך געדאַכט, אַז זי איז ווידער אין אַ פינצטערער סטאַדאַלע. לסוף האָט זי זיך אָפּגע־פונען און גערעדט סתם אין דער וועלט:

— פאַרוואָס, מישטיינס געזאָגט, פאַר וועמען?...

יאָסלען איז מיט אַ מאָל אויפגעגאַנגען דאָס אַמאָליקע לעבן, שעראַדז: איינגעלייגט וועלטן, געהאַט געשלעפּט בעלי־מלאכות, זיך געקאָכט מיטן דאַזאָר פון דער גמינע, אַרויסגעשלעפּט פון אים פאַרן ערשטן פּאַק לעדער, איינגערעדט דעם עולם צו אַ קאָאָפּעראַטיוו, צוזאַמענגעסקראַבעט כלים, מאַשינען. נישט קיין מיטאָג, נישט קיין שלאָף, נישט קיין שבת.

דאַן, דאָס אָפּפאָרן פון די ערשטע שעראַדזער קיין בראַזיליע. ער האָט זיי געזעגנט אויף אַ באַנקעט, געווינטשעוועט מעכלען אַ „גליקלעכע צו־קונפט"... ברררר. ער ציטערט, ווי אַן אָפּגעגאָסענער מיט קאַלט וואַסער. אַ חרפה פאַרן ווייב, פאַר ביידע יינגלעך זיינע.

אפשר געדענקען זיי אים שוין נישט? דאָס האָט ע ר דאָך געהאַט אָרגאַניזירט דעם שוסטער־קאָאָפּעראַטיוו, אויפגעמונטערט מיט זיין פלאַם די פאַריאושטע שוסטערס און קאַמאַשנמאַכערס, אויפגעלעבט די גאַנצע שטאָט. וואָס האָט ער זיי איצט געדאַרפט דאָס דערמאָנען?...

*

עס זענען אַוועק צוויי וואָכן און דער פּרעזידענט האָט אויפסניי איינ־געלאַדן די לאַנדסלייט און געבערענגט צו פירן יאָסלען מיט דער משפחה.

שרה, די יאָסלטע, הויט און ביין פון יאָרן אַרומוואַלגערן זיך אין די סטאַדאָלעס מיט אירע צוויי יינגלעך, — אַ דריטס האָבן די דייטשן ערגעץ געהאַט פאַרשלעפּט אין אַ לאַגער און איז מער נישט צוריקגעקומען, — האָט נישט געקאָנט באַרויקן אירע בליקן, וואָס האָבן נערוועז און אומ־רויק זיך געוואָרפן, ווי געטריבן דורך עפּעס אַ קליין מאַשינקעלע. עס איז פון זיי אַרויס אַן אָפּשיין פון פחד, פון טויטשרעק. נאָך די צוויי וואָכן

אין פענסיאָן איז זי געווען נאָך אומרויקער, ווי דאָס ערשטע מאָל ביים איבערטרעטן די שוועל פון פרעזידענטס הויז. זי האָט געמורמלט:

„יאָסל איז געלעגן אויפן בוידעם, וואַכן און יאָרן אויפן בוידעם".

זיצנדיק אויפן שטול האָט זי זיך געשאָקלט, ווי זי וואָלט געדאַוונט, און האָט מיט אַ ניגון געקלאָגט: „אויפן בוידעם, און איך מיט די קינדער אין סטאַדאָלע. חיימען פאַרשלעפט"...

ביסלעכווייז האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן די לאַנדסלייט. זיי האָבן זיך נישט זשענירט פאַר יאָסלען מיט זייער שפּע און גוטס, וואָס האָט אָראָפּגעשיינט פון זייערע פּנימער. זיי האָבן זיך נישט זשענירט פאַר די אָנגעשטעלטע מעבל און צאַצקעס, פאַר די דיוואַנעס פון פּרעזידענטס שטוב, — וואָס דאָס איז נישט געווען צו זען אפילו ביים שעראַדזער נגיד.

יאָסל מיט זיין פאַמיליע האָט זיך געזעצט אין אַ ווינקל. עס האָט זיך אָנגעהויבן די זיצונג.

צו ערשט האָבן זיי זיך געסודעט שטיל, עס זאָל נישט דערגיין צו יאָסלען. שפּעטער איז דאָס סודען זיך אַריבער אין אַ שמועס און וואָס ווייטער האָט מען העכער גערעדט, ביז מען האָט אָנגעהויבן צו שרייען.

די יאָסלטע, מיט אַ פאַרפלאָמט פּנים, אַ ביינערדיקס, האָט אָנגעשפּיצט אירע אויערן, דערשפּירט אַ סכנה, ווי אַמאָל אין דאָרף צווישן די פּויערים.

— ווער האָט אונדז געהאָלפן? אַז מע וועט אים מאַכן אַ וואַרשטאַט, וועט ער וועלן אַ געשעפט אין צענטער, נעבן אונדז. און פאַרוואָס טאַקע נישט? — האָט מיט אַ געאָדערטן האַלדז געשטיקט זיך דעם פּרעזידענטס ווייב און די איבעריקע ווייבער האָבן צוגעקוואָלן.

מעבל, איר מאַן, האָט אַוועקגעלייגט אויפן טיש זיינע חשבונות פון יאָסלס האָטעל:

— אַ העלפט דעק איך, פון מיין קעשענע, דאָס איבעריקע וואַרפט זיך אַרויס, איר זענט דאָך עפּעס שעראַדזער!

מען האָט זיך געדונגען און געריסן, זיך נישט געשעמט פאַר די אָפּגעראַטעוועטע. לסוף האָט מען צוזאַמענגעשטעלט דאָס ביסל געלט אויף מעבל, — אַ טישל, פיר בענקלעך און צוויי בעטן און פאַר אַ שוסטער־

וואַרשטאָט. כאָטש יאָסל איז קיין מאָל נישט געווען קיין שוסטער אין דער היים, האָבן זיי דאָ אים אַפילו נישט געפרעגט.

די יאָסלטע האָט שווייגנדיק זיך צוגעהערט. פּלוצלינג האָט זי זיך געגעבן אַ שטעל אויף. דאָס געדריי פון אירע בליקן האָט זיך פאַרשטאַרט און זי האָט זיך פאַרכלינעט אין אַ היסטעריע:

— נו יאָ! מע קען אייך! גבאיטעס! איר האָט נישט געבאַלעמוטשעט קיין מינוט! מיר האָבן געשפּילט מיטן לעבן... ווען אייערע ברידער און שוועסטער האָבן זיך געסמאַליעט, אַוועק מיטן רויך, מיטן רויך...

אירע גרויסע, אומרויקע און נישט דאַיקע אויגן, טיף־פאַרזעצטע אין די ביינערדיקע לעכער, האָבן געשאָסן מיט שנאה צו די שעראַדזער ווייבער, וואָס האָבן בשעת מעשה נישט איבערגעריסן דאָס קייען פון די פּלעווּעס און די פּרות פון טיש. דער יאָסלטעס צוויי יינגלעך זענען געזעסן ווי געליימטע, נישט פאַרשטאַנען, וואָס די מאַמע שרייט אַזוי. מיט די שעראַדזער יינגלעך האָבן זיי זיך נישט געקענט צונויפרעדן, ווייל אין דאָרף האָבן זיי געהאַט פאַרגעסן דאָס יידישע לשון. זיי זענען געשטאַנען הינטער דער מאַמען מיט פאַרגלאָצטע אויגן און געקוקט גלאַט אַזוי; הינטער זיי האָבן די קינדער פון די שעראַדזער, פּריילעכע און שיין־אַנגעטוענע, פון זיי געחוזקט.

מעכל האָט געמאַכט אַ צייכן צו די קינדער: „זייט נישט מאַלקריאַדאָ״. ער האָט זיך אויפגעשטעלט, געמאַכט אַ לחיים און געווינטשעוועט יאָסלען מזל אין נייעם לאַנד מיט דער נייער פּרנסה. ער האָט אַנידערגעלייגט אים פאַר דער נאָז אַ פינפהונדערטער: „דאָס האָסטו פון מיר און דאָס איבעריקע — „מ׳עט שוין״.

***

געבליבן איז ביי די שעראַדזער, אַז יאָסל זאָל זיך נעמען צו שוסטעריי, ווייל ער האָט געהאַט אין שעראַדז אויפגעטאָן אַ סך מיטן שוסטער־קאָאָפּעראַטיוו און פיל אויסגענומען דערמיט ביי די באַלמעלאָכעס.

אַליין זענען זיי געווען קלאַפּערס־קליענטעלשטשיקעס, שוין אַרויפגעאַרבעטע, עטאַבלירטע און עס האָט זיי עפּעס נישט געפּאַסט, אַז דער יאָסל, דער העלדישער און ווילערישער אויפּטוער זאָל גיין מיטן „פּעקל״.

די מעכלטע, דעם פרעזידענטס ווייב האָט גערעדט קלאָרע און שאַרפע רייד:

— די בעסטע זאַך וועט זיין אים האַלטן ווייט פון זיך, וואָס ווייטער. ער זאָל נישט קאָנען אָפּט קלאַפּן אין אונדזערע טירן, אַריינשמעקן אין אונדזערע שטובן, אויפרייסן די אויגן. כ׳וועל אייך זאָגן דעם אמת: כ׳האָב מורא פאַר זיי! איר ווייסט דען ווי ווילד זיי זענען געוואָרן אין דאָרף?! איר האָט נישט געזען די סצענע, וואָס זי האָט אָפּגעשפּילט?!

מלך־מעכל, דער פרעזידענט, האָט אויסגעזוכט אין אַ הינטערגאַס, אין אַ ווייטער פאָרשטאָט פון סאַן־פּאַולאָ אַ קליינע וווינונג און אין אַ צווייט געסל, אַ מער באַווינטס, — אַ שמאָל געוועלבל, אַריינגעשטעלט אים אַ שוסטערבענקל, אַ וואַרשטאַט, כלים און געזאָגט:

— יאָסל, נאַ, האָסט אַ ברויט מיט אַ מעסער. שוין צייט זאָלסט זיך איסרוען און לעבן אָן שרעק. דאָס איבעריקע — „מ׳עט שוין!״

די יאָסלטע איז געבליבן אין דער ניי־געדונגענער שטוב. אַ גרויסע, מיט אַ פּאָדלאָגע פון טרעשטשענדיקע ברעטער, מיט נאַקעטע, פּוסטע ווענט (נאָך נישט געווען קיין עלעקטרישער שטראָם און עס איז באַלד געוואָרן שטאָק־פינצטער). עס האָט געגאָסן אַ שלאַקסרעגן. יאָסל איז געבליבן אין דער נייער ווערקשטעל מיטן פרעזידענט. בײדע ייִנגלעך זע־נען אַרויס מיט אַ געוויין. דער יאָסלטע האָט זיך דערמאָנט די נעכט פון רעגנס, די שוואַרצע נעכט, ווען זי איז געלעגן אין די גריבער, אין די סטאַדאָלעס.

די ייִנגלעך האָבן געריסן פון איר שטיקער, געוואָלט אַנטלויפן פון דעם הויז, פון דער בודע. זי האָט געזוכט אַ שוץ, אָן אָנהאַלט אָן עפּעס. זי איז אַנידערגעפאַלן פאַר דער צעפּראַלטער טיר, פאַרן שלאַקסרעגן. עס האָט זיך איר עפּעס פאַרדרייט דער קאָפּ.

אין אַ ווייל אַרום איז יאָסל אַהיימגעקומען; אים האָט באַגעגנט אַ היס־טעריש כליפּען פון ווייב, באַגלייט מיט אַ געוויין פון בײדע יונגען.

**

קיין מזל ברכה איז אין דער שוסטעריי נישט אַריינגעקומען, כאָטש שיך צו פאַרריכטן איז געווען לרוב. יאָסלען איז נישט געגאַנגען אין דער

אַרבעט. דער שוסטער־מעסער האָט זיך איינגעשניטן נישט אינעם לעדער, נאָר אין זיין האַנט, די אָפּגעפּרעמדטע, אָפּגעווייַנטע און אָפּגעשוואַכטע, אויסגעדרייטע און אויסגעקרומטע. די האַנט האָט נישט געטויגט צו גאָר־נישט.

מעכל־פּרעזידענט פלעגט זיך אַנטראָגן אומגעריכט און שנעל, זיך געאײַלט:

— יאָסל, דאָ מוז מען זיך אויסטויגן, דאָס איז נישט שעראַדז, עס איז נישט די אַמאָליקע צייטן. פונדעסטוועגן האָט ער באַלד דערנאָך אַריינ־געשיקט אַ פּורל שפּייז, האַלץ־קוילן און זייף.

דאָס פלעגט אָבער ווערן זעלטענער און זעלטענער, ביז די שעראַד־זער האָבן זיך מער אין גאַנצן נישט באַוויזן. אַנשטאָט זיי האָבן זיך אָפּ־געפונען יידישע שכנים, בעסאַראַבישע פּרויען, וואָס האָבן געוווינט אין יענער געגנט.

צו ערשט האָט די דערשראָקענע שרה נישט אויפגעכאַפּט זייער לשון, אָבער ווען זיי פלעגן אַרויפלייגן אויפן טיש זיסע געבעקסן און טאָקע אויסשפּרייטן אַ טישטוך, וואָס זיי האָבן געשאָנקען דער יאָסלטע, האָט זי זיך צו זיי וואָס אַ מאָל מער צוגעוווינט און די ייִנגלעך, וואָס האָבן שוין באַוויזן צו נאַשן אַ פּאָר פּאָרטוגעזישע ווערטער, האָבן שוין גע־ענטפערט אויף זייערע פראַגעס און די בעסאַראַבישע ווייבער זענען גע־וואָרן וואָס אַ מאָל היימישער און שרה רויקער, איינגעזעסענער, און די בליקן האָבן שוין נישט אַזוי זיך געוואָרפן.

אין איינעם אַ טאָג קומט אַריין אַ שכנהטע און זאָגט צו איר אַזוי ליב:

— נאַט, טייערינקע, אַ קויש, און קומט, לאָמיר גיין אויף דער „פעירע"... און איר אַריינגעלייגט אין קויש אַ פּעקל פּאַפּירגעלט.

נאָך זיי איז נאָכגעגאַנגען אַ שוואַרצע דינסט.ביידע ווייבער האָבן אַנגעקויפט אַלדאָס גוטס און דער יאָסלטעס ייִנגלעך האָבן מיט פרייד אַהיימגעטראָגן דער מאַמעס נייעם קויש, אַ גרויסן, פול אָנגעפּאַקט מיט פרוכט און גרינס. פאַר פרייד האָט עס שרהן פאַרקלעמט אַזש.

— טייערינקע, — האָט די שכנהטע זיך אַנגערופן, — לייגט אַוועק

ס׳שוסטעריי. עס איז נישט פּאַר אײערע כּוחות. איר וועט צו גאָרנישט קומען און תמיד אונטערהונגערן. אַ רחמנות אויף אײער אויסגעמוטשעטן מאַן און די קינדערלעך.

נאָך מיטאָג איז די בעסאַראַבערין צוריקגעקומען און, ווי תמיד, נישט מיט ליידיקע הענט. עס איז געווען ערב שבת. די יאָסלטע האָט אין גאַנצן פאַרגעסן ווו זי האַלט, וואָס פאַר אַ טאָג ס׳איז. די שכנטע האָט אויסגעשפּרייט אויף ס׳ניי דעם טישטעך און פון געבראַכטן פּעקל אַרויסגעשטעלט צוויי שבת־לייכטער און אַ פּאָר פרישע, ברוין־גלאַנצנדיקע חלות און אַ שיסל פיש, יידיש־געפילטע, לכבוד שבת.

— זייט אַ כשר ווייב צו אײער מאַן און אַ יידישע מאַמע צו אײערע קינדער, צו גלייך מיט אונדז — האָט זי געזאָגט צו דער יאָסלטע, — היינט איז ערב שבת, קומט אַריין צו מיר גלייך נאָך מיטאָג, מיט די קינדער, וועט איר זיך גוט אויסבאָדן, — אַ ווארעמע, אַ הייסע שפּריץ ביי מיר. די קינדער אײערע זענען ווי מײנע. איר ווייסט דאָך, מיר איז נישט באַשערט...

אַ נייע הויט איז אַרויף אויף שרהן און די אויגן זענען שוין נישט געווען מער טיף פאַרבאָרגן אין זייערע לעכער. אויך אַ שמייכל אויף די האַרטע, רויטע באַקן האָט זיך באַוויזן. ביסלעכווייז האָט זי געכאַפּט אַ פּאָר פּאָרטוגעזישע ווערטער; די יינגלעך האָבן שוין נישט געריסן פון איר שטיקער; זיי פלעגן זיך פרי אויפכאַפּן, צוזאַמען מיט יאָסלען, און פאַרגאַפט קוקן אויף די בערג, וואָס שיילן זיך אויס פאַמעלעך פון די וואָלקנדלעך, פונעם נעבל. זיי פלעגן גיין בנימוס איבערן שטילן געסל און אַלע מאָל אַנטדעקן אַ נייע פרי, אַ ניי בלום, אַ גרינס.

שרה האָט זיך אַרומגעזען, אַז אויף איר יאָסלען קאָן זי זיך מער נישט פאַרלאָזן. עס איז נישט דער יאָסל פון אַמאָל. אין אָוונט קומט ער אַהיים אַ שווייגנדיקער, אַ פאַרקלעמטער, שווער פון אים אַ וואָרט אַרויס־צוקריגן.

זי האָט פאַרקלאַפּט יאָסלס וואַרשטאַט און פאַר אַ שיבוש פאַרקויפט די זאַכן, די כלים. זי האָט זיך געשלאָגן מיט דער דעה, יאָ, צי נישט אָפּ־געבן די שעראַדזער דאָס באַקומענע געלט.

— טייערינקע, לאָז דיינס איבערגיין, זיי האָבן דאָך געמיינט דיין טובה, — האָט די שכנהטע זי באַרויִקט.

עמעצער האָט צו וויסן געטאָן די שעראַדזער וועגן יאָסלס שוסטעריי, אַז זי איז פאַרקלאַפּט.

געשווינט איז געקומען צו לויפן מעכל, דער פּרעזידענט. ער האָט שאַרף אַריינגעטענהט:

— יאָסלס שוסטעריי האָט מיך געקאָסט אַ סך געלט. עס איז אַ בזיון, אַז איצט, נאָך אַלעמען, זאָל „אַזאַ איינער" ווי יאָסל גיין מיטן פּעקל! — „מ'עט שוין!"

**

זונטיק נאָך מיטאָג איז דאָס בעסאַראַבער ווייבל געקומען מיט איר מאַן, וואָס האָט מיטגעשלעפּט אַ גרויסן זאַק סחורה, אַ קראָם אַ גאַנצע.

דער בעסאַראַבער, מיט אַ ווייך, שטיל קול, נישט אויפצוּוועקן דעם שלאָפנדיקן שכן, האָט געלערנט דער יאָסלטע ווי אַזוי צו פירן דאָס מסחר, ווו צו גיין קלאַפּן, וועמען נ י ש ט צו פאַרקויפן.

— די ערשטע וואָך, — הערסט, רעזשינע, — זאָלסטו מיט איר מיטגיין, פאַרטייטשן אַלץ און גוט אַכטונג געבן. עס איז אַ שאַד יעדער גראָשן. זאָל אונדזער מצווה זיי ווויל באַקומען, אמן! — האָט ער געזאָגט צו זיין ווייב. שרהן האָט ער דערקלערט:

— איך באַצאָל א י י ך, וואָס איך בין שולדיק אַנדערע יידן, וואָס האָבן מיר אויך געהאָלפן מיט יאָרן צוריק. זאָל אַריינקומען אַ מזל ברכה ביי אייך, און אייער מאַן זאָל וואָס שנעלער קומען צו די כוחות. און הלוואי וואָלט איך געהאַט — דאָ האָט ער מיט אַ מילדן בליק געקוקט אויף שרהס צוויי יינגלעך — צוויי בחורים, ווי איר, כאָטש איינעם, גאָטעניו טייערער! דערציט זיי אין נחת און אין פרייד, שכנטע!

די יאָסלטע האָט געקוקט אויפן צעשאָטענעם פּאַק, אויפן בלאַסן, שלאָפנדיקן מאַן, אויף אירע צוויי יינגלעך און טרערן האָבן זיך געקייקלט איבער אירע באַקן...

די דרשה

— איז נאָך אַ מאָל: ווו אַרבעט איר? האָט איר שוין אַ סך קונדן? און ווער נאָך גיט אייך, וועלכער סוחר, קרעדיט? האַ, ווער? קאָזלאָווסקי? קומט מאָרגן, יונגערמאַן.

עס איז אים, משה ביאַלאָביעסקין, באמת שוין פשיקרע אָט דאָס אויסקוועטשן אים פון אַלע זייטן מצד די סוחרים אויף זשאָזע פּאָולינאָ, וועגן זיין מסחר, „קלאָפּערײ״, כאָטש פילן פילט ער, אַז זיי גייט מער אין זיין „אָרנטלעכקייט״, ווי אין דעם פּאַקטישן עקאָנאָמישן מצב זיינעם. אָבער, וואָס הייסט ביי די סוחרים בכלל, און ביי די בעסאַראַבער בפרט, „אָרנטלעכקייט״?

די פּוילישע מאַכן עס גלאַט: פאָרשן נאָך דורך זייערע משרתים, צי זייערע קונדן, די „קלאָפּערס״, שפּילן ביליאַרד. וויי איז צו יענעם, וועמען מען האָט געזען שטיין נעבן דעם גרויסן, גרינעם טיש, אין דעם באַר, צי מ י ט אַ שטעקן, צי אָ ן אַ שטעקן. קיין קרעדיט וועט ער שוין נישט קריגן. ביי די בעסאַראַבער איז עס געוועזן קאָמפּליצירטער.

אַמאָל איז „אָרנטלעכקייט״ נאָר אין שייכות מיטן פּינקטלעכן באַצאָלן, אַמאָל קען עס הייסן, אַז ער שטאַמט נישט פון „י ע נ ע״ משפחות, פון די „פּוילישע״, מיטן באַקאַנטן אַנצוהערעניש... ווייל כאָטש עס האָט זיך שוין געהאַט איינגעשטילט דאָס אומברחמנותדיקע אַרויסשטויסן פון די „חברה־לייט״, און די לעצטע זענען אין גאַנצן איזאָלירט געוואָרן פון ישוב, ווי אַ פּעסט, — האָט נאָך אַלץ געטליעט דער חשד צו יעדן נייעם פּוילישן.

ווייל אַזוי האָבן די בעסאַראַבער סוחרים, דער רוב פון זשאָזע פּאָוּלינע, גאָרנישט געקאָנט אויסזעצן קעגן משהן. אַז ער פלעגט אַריינקומען אין די פאַרנאַכט־שעהן אין די געשעפטן צונויפשטעלן די „ענקאָמענדאָס״ באַשטעלונגען, פלעגט פון אים אַרויסזעצן די ברענענדיקע זון, וואָס האָט

אין אים געהאַט אַריינגעשטראַלט אַ גאַנצן טאָג און עס האָט אויסגעזען ווי די שטראַלן שטויסן איצט צוריק אַרויס. אַז ער איז געשטאַנען ביים געשעפטס־טיש, איז אַזוי ווי מע וואָלט געעפנט דאָס פאַרקלאַמערטע טירל פון באַק־אויוון. זיין ווייס פנים איז געווען איין גליענדיקע מכה, מיט אַ זיך־שיילנדיקער נאָז, נאָך רויטער ווי זיין גליענדיק פנים.

זענען דאָס געווען גוטע סימנים — אַ „גרינער" יונגערמאַן אין סאַמע ברען זיך צו עפעס צו דערשלאָגן, זיך וועלן „אַרויפאַרבעטן". נישט איין סוחר, אַפילו אַן „עטאַבלירטער", פלעגט זיך דערמאָנען זיין אַקערשט־פאַרלאָפענעם נעכטן, ווען ער איז געגאַנגען „קלאַפן" מיטן פעקל, אַזוי ווי איצט דער פוילישער. אויך משה ביאַלאָביעסקיס הילוך, זיינע צייגענע הויזן און די גראָבע, פראָסטע שיך, האָבן פאַרטריבן יעדן ספק בנוגע אים:

— אַן אָרנטלעכער, פלייסיקער „קלאַפער".

משה האָט דאָס ביסל קרעדיט געדאַרפט ווי דאָס לעבן. קומענדיק אַהער קיין בראַזיל, בעורום וחוסר כל, אָן אַ גראָשן ביי דער נשמה, אויף אַ שיפסקאַרטע, וואָס פריינט האָבן אים געקויפט און וואָס ער האָט געדאַרפט צוריקצאָלן, האָט ער נישט געהאַט מיט וואָס אָנצוהייבן. ביי אַרבעט וואָלט ער זיך קוים־קוים אַליין דערנערט און נישט אימשטאַנד געווען קיין מאָל אַהערצוברענגען זיין ווייב און קינד, וועלכע ער האָט איבערגעלאָזט אין פוילן. באין ברירה, האָט ער געפאָלגט די עצה, וואָס אַלע האָבן אים געראָטן און וועגן וואָס ער האָט שוין געהערט אויף דער שיף: „קלאַ־פעריי".

אמת, עס איז אים געווען דערווידער אָט די פרנסה, אָבער די חרפה איז נישט געווען זיין פערזענלעכע. ער האָט זיך נישט געשעמט פאַר זיך פערזענלעך, נאָר פאַרן גאַנצן כלל און ממילא איז פאַרשוווּנדן דער אייגענער בושה־געפיל. אדרבא, אים האָט געקרענקט ווען ער האָט געהערט ביי מאַנכע: „איך קאָן נישט זיין קיין קלאַפער". ער האָט אין דעם געזען אַ מין צביעות, אַ מין פורש זיין פון קהל; דאָס איז אים געווען דערווידער.

נאָר מיט איין זאַך האָט ער זיך קאַליע געמאַכט די מערכה און צעטומלט די פונדאַמענטן פון די סוחרימס קריטעריום לגבי אים: זיי האָבן,

נעמלעך, אָפּט באַמערקט ווי ער, משה ביאַלאָוויעסקי, האַלט אַ ביכל אונ־טערן אָרעם... ער פּלעגט דאָס ביכל טראָגן צונויפגעקוועטשט אונטערן אָרעם, הינטער די פּאַכוועס, עס זאָל זיך נישט צו פיל וואַרפן אין די אויגן, אָבער פאַר די אומצוטרוילעכע און פאַרשעריש בליקן פון די „ראַפּעס־פּעיטניקעס״, על פּי רוב בעסאַראַבער, פּלעגט דאָס ביכל נישט אַדורכגיין אומבאַמערקט.

די בעסאַראַבער יידן האָבן נישט, חלילה, פּיינט געהאַט ביכער, יידישע דערצו. מסתמא איז אין זייערע פּריוואַטע שטובן פאַראַן קליינע ביבליאָ־טעקן, ווי ס'פּירט זיך ביי לייטישע מענטשן. עס איז אָבער נישט געווען אין זייער נוסח אַרומצוטראָגן זיך מיט ביכער, גלאַט אַזוי. יעדער בעסאַ־ראַבער ייד איז געווען אַ „סאָסיע״ אין אַ צדקה־חברה, „עזרה״, ליִנת הצדק, אין דער שול, וואָס זיי, די בעסאַראַבער, האָבן די ערשטע געהאַט אויפגעשטעלט גלייך ווי עס איז געווען אַ מנין יידן אין ישוב. ביי יעדן סוחר איז געלעגן אויפן טיש, אין געשעפט, די יידישע באַלעבאַטישע צייַ־טונג פון ריאָ, וואָס אַ בעסאַראַבער האָט רעדאַגירט.

דאָס איינציקע בוך, וואָס פּלעגט ליגן אין געשעפט פון אַ בעסאַראַבער איז געווען דער חיבור פון אָרטיקן רב, וואָס די בעסאַראַבער האָבן געהאַט אַראָפּגעבערענגט פון סעקוראָן. אַ חיבור פון הספדים און אזכרות, פון ברכות און מזל־טובס צו בר־מצוות און חתונות, דערמאָנונגען צו משפחה־געשעע־נישן ביי די לאַנדסלייט.

דאָס ביכל פון פּוילישן, האַלב באַהאַלטן, האָט די סוחרים דעזאָריענ־טירט. פון איין זייט דאָס פאַרברענטע, אָפּגעשיילטע פּנים, וואָס דערמאָנט זיי אָן אַ ייד, וואָס ראַנגלט זיך, נעבעך, צוליב פּרנסה און עס איז אַ הייַ־ליקע מצווה אים צו העלפן, פון דער אַנדערער זייט, דאָס ביכל, וואָס דער־מאָנט זיי די פרעמדע וועלט פון די פּוילישע מיט זייערע נייע אָנשיקענישן, די פּאָליטיק און די פּאַרטייען, די רייסערייען: „רעכטע״, „לינקע״!

עס האָט זיך געהאַט נאָר וואָס געשלאָסן דאָס טרויעריקע קאַפּיטל „חברה־לייט״, וואָס די בעסאַראַבער גלייבן, אַז עס איז פאַרשלעפּט גע־וואָרן נאָר דורך די פּוילישע, — די לעצטע טוען אָן נייע צרות דעם ישוב: זיי פאַרפּלייצן די יידישע היימען מיט פּאָליטישע בלעטלעך, „לינקע״, מיט

אַפּיקורסישע טומלערייען, מיט קלובן און ביבליאָטעקן. עס זאָל זיך נאָר נישט אויסלאָזן צום שלעכטן פאַרן גאַנצן כלל־ישראל... זיי האָבן געגעבן דעם גרינעם, משה ביאַלאָוויעסקין, דאָס ביסל קרעדיט מיט ציטערדיקע הענט.

משה גופא האָט נישט קלאָר פאַרשטאַנען די סוחרימס וואַקלונגען, כאָטש געפילט האָט ער, אַז דאָס ביכל האָט עפּעס אַ שייכות דערצו. דער־פאַר פלעגט ער מיט כוונה קלאַמערן דאָס ביכל, ווי דערמיט ווייזן, אַז כאָטש ער טראָגט אַ פּעקל און קלאַפּט אָן בעטלעריש און בזיונותדיק אין די פאַר־שלאָסענע טירן פון פרעמדע מענטשן מיט כלומרשטע קאָמערציאָנעלע אָנבאָטן, אָבער אין תוך מיט אַ תחנונים־טאָן, — האָט ער נישט אין גאַנצן אַוועקגעוואָרפן זיין נעכטן, איבערגעביטן זיין פּרצוף.

ער האָט געוווּסט דעם טעם פון פּסוק לוה עבד לאיש מלווה... אָבער עס מוז האָבן אַ גרענעץ. האָבן די יידן געהאַט די מינדסטע אַנונג וועגן זיין עבר? עס איז דאָך נאַריש: ער וועט דאָך נישט גיין פּויקן אין די גאַסן און שרייען אני שלמה, געווען אַ באַקאַנטע פיגור אין יידישן פּוילן, געפירט די יוגנט, געלערנט, צעצונדן ביי זיי אידעאַלן, חלומות, — קען ער דאָס אַלץ אַריינוואַרפן אין וואַסער אַריין, בלויז דערפאַר וואָס צוליב חיונה האָט ער געמוזט טוישן פּוילן אויף בראַזיל?

איז דאָס ביכל אונטערן אָרעם געווען דער שטילער און געהיימער צייכן פון זיין נעכטן, פון זיין איך. אַ מין פאָן כלפּי דער פאַרמסחרטער וועלט פון בראַזיליאַנישן ייד בכלל, פון בעסאַראַבישע, וואָלינער, ליטווישע.

ער האָט זיך נישט אַריינגעלאָזט אין שמועסן מיט זיינע סוחרים און זיי האָבן לגמרי נישט תופס געווען, צו וואָס דאַרף אָט דער פאַרשרפּהטער ייד מיטן אָפּגעוועלקטן און אָפּגעבליאַקעוועטן מלבוש אויסמישן זיינע פּעק־לעך, וואָס זענען אַ פּרנסה־זאַך, מיט... מיט אַ בוך?

⁂

אַז עס האָבן זיך אַהערגעטראָגן די וויי־געשרייען פון אייראָפּעישע יידן, איז זשאָזע־פּאולינאַ, באָם רעטיראָ אויפגעציטערט געוואָרן, בעסאַראַ־בער האָבן מיט אַ מאָל פאַרגעסן די חשבונות מיט די פּוילישע. אַלע האָבן זיך געטוליעט צום שול, צו די אזכרות, צו די פּראָטעסטן. בעת מעשה

האָבן די ראַדיקאַלע קלובן פון די פּוילישע עפּעס ווי געפילט, אַז עס איז נישט די שעה פון די קלובן, נאָר פון בית הכנסת...

די באַלעבאַטישע, איינגעפונדעוועטע יידן, לרוב בעסאַראַבער, האָבן אויפגעמישט די אַלטע באַקאַנטע פסוקים פון תהילים, די „מלאס״, דעם קדיש בציבור; צו „זאָגן״ האָבן זיי צוגעשאַרט די פּוילישע, זיי זאָלן אויס־קלויבן דעם רעדנער.

איז ביי די מענטשן פון די קלובן, ביי די פּוילישע, געבליבן, אַז משה ביאַלאָוויעסקי זאָל רעדן. די נעמען פון די קהילות וואָס אין די טעלע־גראַמעס אין דער לאַנד־שפּראַך זענען איבערגעגעבן געוואָרן צעדרייט און אומקלאָר, זענען דורך אים פאַנאַנדערגעשיפרירט געוואָרן. זיי זענען אים באַקאַנט געווען ווי זיינע צען פינגער. ער איז אין זיי היימיש געווען, ווי ער וואָלט זיי קיין מאָל נישט געווען פאַרלאָזט. אין דער אמתן האָט ער זיי אין געדאַנק נישט געהאַט פאַרלאָזט. ווען די בראַזיליאַנישע פּרעסע האָט דערמאָנט די אָפיציעלע געאָגראַפישע נעמען לויטן פּוילישן קלאַנג, זענען זיי ביי אים אויפגעשווומען, די יידישע קהילות, אָפּט מיט זייערע ראַטמענער, וואָס זענען אים געווען באַקאַנט, די ראשי־קהלס און וואָס יעדער קהילה שטעלט פאָר מיט זיך איצט און אויך אין עבר, מיט וואָס זי איז באַרימט אין דער יידישער געשיכטע.

ווען דער פּוילישער משה ביאַלאָוויעסקי האָט זיך געשטעלט צום עמוד, מיטן פּנים צום עולם, האָט זיין רויט־אָפּגעשיילטע געזיכט פון אַ דאַרפּס־שייגעץ עפּעס ווי ווידערגעשפּראָכן די אַרומיקע טרויעריקייט, וואָס איז איבערגעגאַנגען צו אַ פייערלעכקייט, ווי ס׳וואָלט געווען כל־נדרי.

די סוחרים, טאָג־געבערס פון יידישן באָם־רעטיראָ, אין וועמענס הענט עס זענען געלעגן די טויזנטער האַרעפּאַשניקעס „קלאַפּערס״, אַנקוקנדיק דאָס פּראָסטע, צעברענטע און צעוואונדיקטע פּנים פון פּוילישן, זענען גע־בליבן אַ ביסל געטראָפן, וואָס אַזאַ איינער וועט פאַר זיי רעדן, זיין זייער שליח־ציבור. זיי האָבן זיך געפילט מיט אַ מאָל אַ מדריגה אַראָפּ.

„ער גאָר וועט רעדן״? — האָבן זיי זיך דערשטוינט איבערגע־פרעגט.

דער גרינער האָט אָנגעהויבן מיטן פאַרטייטשן דעם יידישן פשט פון די טעלעגראַמעס:

— עס איז נישט קיין פאַרניכטונג פון פוילישע שטעט, נאָר פון אַלט־יידישע קהילות. ער האָט געשפרייזט איבער די מקומות, דערמאָנט זייער יחוס, פונאַנדערגעוויקלט פאַרן צונויפגעדריקטן עולם די פולע מגילה פון יידישן אומקום. ער האָט געדופן צו מעשים, נישט צו פאַרגליווערן אין הייליקע פסוקים, נאָר גיין שרייען אין די גאַסן, מרעיש עולם זיין, וועקן דאָס געוויסן פון אונדזערע שכנים, ראַטעווען יענע, וואָס ברענען נאָך נישט.

עס איז געווען ווי דאָס געשריי פון די קרבנות וואָלט זיך דערטראָגן דאָ, אַהערצו, ווי די פלאַמען פון דעם ברענענדיקן יידישן הויז וואָלטן דאָ געפלאַקערט, ווי דער שמע ישראל שפאַלט די הימלען פון דאַנען, פון בראַזיל.

***

צו מאַרגנס איז ער געקומען, ווי תמיד, אויף זשאָזע פּאַולינאַ מיט די פּעקלעך און מיטן בוך. ער איז געקומען מעשה העלד... כאָטש עס איז נישט די צייט אַרויסצושטעלן זיך. אין דער היים וואָלט ער זיך זיכער נישט אַרויסגעשטעלט. אָבער דאָ, ווו קיינער קען אים נישט, ווו יעדער משפט אים לויט זיין אויסערלעכן אויסזען, לויט זיין הלבשה, און ווו ער ליגט אין די הענט פון די פּאָר סוחרים, וואָס טיילן אים צו מיט ציטערדיקע הענט אַ ביסל קרעדיט, אַ פּעקל אויף אַ חודש צייט, ביז „פין דע מעז״, (סוף חודש) האָט אים אַן אינערלעכער חוש געשטויסן זיך צו באַווייזן.

ער איז עקסטראַ, כלומרשט מיט אַ תירוץ, געגאַנגען פון געשעפט צו געשעפט. די סוחרים האָבן אים געקוועטשט די האַנט, געקלאַפּט אין פּלייצע, געפּרעפּלט „אַ יישר כוח״: גאָר נישט געוווסט, וואָס אין אייך שטעקט — „אָר־האָ, איצט וועלן מיר שוין האָבן ווער עס זאָל פאַר אונדז רעדן״ — אַזעלכע און ענלעכע קאָמפּלימענטן זענען אים צוגעוואָרפן געוואָרן און די סוחרים, סיי די בעסאַראַבער און סיי די פוילישע, האָבן בשעת מעשה זשעדנע געקוקט אויף די פּעקלעך...

— איר וועט סיי־ווי קיין קליענטעלשטשיק נישט בלייבן. אַזאַ מענטש, מיט אַזאַ וויסן, אַזוי אויסגעלערנט דאַרף גאָרנישט גיין מיטן פעקל, — האָט איין סוחר גענומען זיך קוראַזש און געקוקט גלייך אין משהס אָפּ־געשיילט פּנים. בשעת מעשה האָט דער סוחר געטראַכט:

מע דאַרף ראַטעווען וואָס עס לאָזט זיך. מע זעט דען נישט דעם סוף פון דעם יונגנמאַן? ער האָט אין זינען ביכער, קען האַלטן דרשות: וועט אַזאַ איינער קלאַפּן קליענטעלע און באַצאָלן דעם חוב?

אַ צווייטער, גראָד אַ פּוילישער, האָט אים טרוקן צוגעוואָרפן, — נאָך דעם ווי ער האָט אים געבענטשט מיטן יישר כוח: — „איר וועט מאַכן ליטעראַרישע קאַרטאָנען, „טשוועקעס", און, אַוועקשאַרנדיק דאָס „פּעקל", צוגעגעבן: „שלאָגט זיך אַרויס פון קאָפּ קליענטעליע. ווערט אַ לערער, אַ מלמד"...

און משה האָט פארלוירן ס'לעצט ביסל קרעדיט...

שכר דער רויטער

זיי זענען געקומען די סאַמע לעצטע און מיט זיי האָבן זיך מיט־געבראַכט, אויף טשיקאַוועס, אייניקע קריסטלעכע אָפיצירן, וואָס זענען גע־קומען הערן דאָס דראַמאַטיש־געטלעכע געזאַנג פון כל־נדרי.

באַלעבאַטים פלעגן זיך קנאַפּ וואָס איבערנעמען פון אַט דעם ערב־רב; די דאַוונערס פון די לעצטע בענק, באַלמעלאָכעס און טרעגערס, האָבן אָבער אָנגעקוואָלן:

„אָי־וואַ, ווער ס׳קומט צו כל־נדרי״! און אַממייניסטן האָבן זיי אָנגע־קוואָלן פון שכרן דעם רויטן.

ווער איז געווען דער „רויטער שכר״?

⁂

קיינער פון די אויסטערלישע שול־גייער צו כל־נדרי האָט נישט אַרויס־גערופן אַזאַ סענסאַציע, ווי דער „רויטער שכר״.

ווייל ווער איז נאָר נישט געקומען אין שול אַריין צו כל־נדרי? גע־קומען אַפילו דער משומד, דער אַפּטייקער, וועגן וועלכן עס זענען אַרומ־געגאַנגען מעשיות, אַז ער איז אַמאָל געווען אַ ישיבה־בחור און קען נאָך היינט גוט לערנען; געקומען דער מיליטערישער אויגן־דאָקטאָר, דער מסור, וואָס האָט ביטער געטראָפּט יידישע רעקרוטן, כאָטש מען האָט שטענ־דיק זיך דערמאָנט, אַז אַ משומד איז ער נישט; געקומען די אַלטע גוואַרדיע פון פאַרגרייזשטע יחסנים, אַסימיליאַנטן, וואָס האָבן נישט פאַרשטאַנען קיין וואָרט יידיש און קיין שייטל עברי.

אין דער איבערפולטער און געפּראַפּטער שול האָבן זיך ביי דער טיר געשטויסן צענדליקער יידישע סאָלדאַטן פון די „קרעסן״, וואָס האָבן געדינט אין אָרטיקן גאַרניזאָן.

ווער האָט נישט געקענט דעם „רויטן שכר״? זיין נאָמען איז אַפילו דערגאַנגען ביז וואַרשע, געוואָרן אַ שם־דבר אַזש אין די שפּיצן פון די

פּאָליטישע פּאַרטייען (די פּראָלעטאַרישע) און, — מילא, מע קען דאָך שוין איצט אויסזאָגן דעם אמת, — ער האָט אויף זיי אָנגעיאָגט אַ שרעק, אַן אימת מוות.

געווען איז שכר דער רויטער דער געזונטסטער און אָנגעגעסנסטער פון אַלע זיינע פּאַרטיי־חברים, די איינגעדאַרטע און אויסגעהונגערטע רעוואָלוציאָנערן פון דער יידישער געטאָ־עקאָנאָמיק, וואָס אַלע זענען זיי געווען כראָניש אַרבעטסלאָז אָן שום אויסזיכט אויף אַ מאָרגן און רק געוואַרט אויף דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, וואָס האָט זיך יאָקאָש נישט געאיילט אַריינצוקומען אין דער יידישער גאַס.

דער „רויטער שכר" איז געווען דער איינציקער באַלעבאַטישער בחור, וואָס האָט פאַרבלאָנדזשעט צו אָט דער גרופּע. ער איז געווען אַ נגידישער בן־יחיד און טאַטע־מאַמע האָבן אים געקעכלט און געפּיעשטשעט, געשטאָפּט ווי אַ גענדזל. דאָס האָט מען ביי אים אָנגעמערקט: אַ רויטער, געפּאַלדעוועטער קאַרק, מיט אַן אַפּאָפּלעקציע־פּרצוף און מיט קליינינקע אייגעלעך, וואָס האָבן אַזוי אומשולדיק־קינדעריש זיך געבעטן מען זאָל זיי ראַטעווען, נישט דערטרונקען צו ווערן אין דעם פּוכלען פלייש, און ועל כולם, אַ דיך, מעטאַלן־מוזיקאַליש שטימעלע, וואָס האָט זיך אַרויסגעשטופּט מיט כוח דורך אַ שמאָל גאָרגעלע פון זיין דיקן האַלדז.

דער „רויטער שכר" איז געווען דער עקסטרעמסטער און אַקטיווסטער רעוואָלוציאָנער אין דער חברותא און האָט טאַקע אַריינגעלייזט אַממייניסטן קלעפּ פון דער פּוילישער פּאָליציי. „סאיז דאָ ווו אַריינצוקלאַפּן" — האָט זיך פאַר די שטעטלשע קרעמער גערימט דער פּאָליציי־קאָמענדאַנט — „נישט אַזוי ווי די איבעריקע זשידאָווסקע קאָמוניסטעלעך, וואָס אַלע זענען זיי סוכאָטניקעס און קאָנען פאַלן אונטער די קלעפּ, אַ סכנה זיי אָנצורירן".

קיין אייגענע פאַרלעזונגען האָבן די יידישע קאָמוניסטן, ווי עס איז באַקאַנט, נישט געטאָרט איינאָרדענען, האָבן זיי אויסגענוצט די „פרעמדע טריבונעס" און דער „רויטער שכר", אַליין אַ קנאַפּער אינטעליגענט, קוים־קוים געלייענט אַ „בלעטל", האָט עס איבערגענומען אויף זיך, פאַר זיין מיסיע.

זיינע צווישנרופן האָבן אָנגעשראָקן דעם פּרעלעגענט נאָך אין וואָר־

שע... מען האָט בפירוש, צוליב אים, זיך געקווענקלט אַראָפּצוקומען אין אונדזער שטאָט מיט אַ רעפעראַט און ערשט נאָך דעם, ווי מען האָט גאַ־ראַנטירט דעם וואַרשעווער רעדנער, אַז מע וועט אים שוינען פון „שכר דעם רויטנס" צווישנרופן, האָט ער ריזיקירט און מסכים געווען אויפן רעפעראַט.

די אָרטיקע פּאַרטייען (די פּראָלעטאַרישע; צו די בירגערלעכע האָט דער „רויטער שכר" נישט געהאַט קיין „אינטערעס") האָבן דערייבער אויס־געקליגלט פאַרשיידענע תחבולות קעגן דעם „רויטן שכר". נישט תמיד האָט מען געקאָנט אים נישט אַריינלאָזן צו די רעפעראַטן פון די וואַרשע־ווער פּרעליגענטן. גראָד ביים אַריינגאַנג, בעת דער פּאָרלעזונג, האָט זיך געיאָוועט אַ פּאָליציאַנט, מעשה שטן, און ער האָט כלומרשט נישט פאַר־שטאַנען קיין חכמות: געהאַט אַ בילעט? — אַריין!

מען האָט זיך געבעטן רחמים ביים „רויטן שכר", „פאַרהאַלט זיך רויק!" דער „רויטער שכר", מיט זיינע שמאָלע אויגן־שפּעלטעלעך, ווי ביי אַ יאַ־פּאַנטשיק, פלעגט הייליק שווערן:

„ביי מיין פּראָלעטאַריש ערן־וואָרט; דאָס מאָל וועל איך נישט מאַכן קיין שום צווישנרוף; וואָס האָב איך צו אים, צום רעדנער?" — און באַ־שיידן, מיט אַ קינדערישער אומשולד זיך אַוועקגעזעצט אויף דער לעצ־טער באַנק.

ווי נאָר דער רעדנער האָט זיך צעוויגט, דערוואָרעמט, באַמיט זיך אויפצווועקן דעם מידן שבתדיקן עולם, וואָס האָט געחלשט נאָך אַ דרימל, זיך ביטער געראַנגלט נעבעך מיטן שלאָף, וואָס איז זיי באַפאַלן, — האָט דער „רויטער שכר" אָנגעהויבן שליידערן זיינע פיילן, וואָס האָבן גלייך וואָך געמאַכט דאָס שלאָפנדיקע פּובליקום.

פון דער לעצטער באַנק האָט ער שוין באַוויזן זיך אַריבערצורוקן העכער אַרויף, נעענטער צו דער טריבונע, צום אומגליקלעכן רעדנער. די הענט פאַרלייגט, מיט די טיפע חן־גריבעלעך אין די פליישיקע באַקן, מיט זיין שמאָל קלינגענדיק קולעכל, וואָס האָט זיך ווי מיט כוח אַרויסגעצ־קוועטשט פון זיין דיקן האַלדז, האָט דער „רויטער שכר" אַרויסגענומען פון זיין אַרסענאַל די צוגעגרייטע כלים, די צווישנרופן:

„ווּ זענט איר געווען אין יאָר איין טויזנט ניין הונדערט און אַכצן?"

די אויסגעצויגענע פראַזע, וואָס האָט זיך צום רעדנערס טעמע גע־קלעפּט ווי אַן אַרבעס צו דער וואַנט, האָט אַ ווײַלע צעמישט דעם לעקטאָר, וועמען מען האָט נאָך אין וואַרשע געגעבן אַ גאַראַנטיע קעגן דעם „רויטן שכר"... פּרוּווט ער, דער לעקטאָר, צו איגנאָרירן דעם צווישנרוף און צוריק איינפעדעמען דעם איבערגעריסענעם פאָדעם פון דער טעמע, אַרײַנטאָן זיך אויף דאָס ניי אין דער וואַרעמקייט פון זײַנע געדאַנקען, פון זײַנע גע־פליגלטע ווערטער. אָבער אומזיסט. דער „רויטער שכר" האָט שוין אַלץ גע־האַט איבערגעפּירט מיט זײַן סאָפּראַן־קולעכל, וואָס האָט זיך ווי אַ גלעקל צעשאָטן איבערן זאַל און פאַרקלונגען די מידע, אויסגעריבענע שטימע פון וואַרשעווער אינטעליגענט.

„משרת פון דער בורזשואַזיע", „שטיוול־פּוצערס ביי די פּע־פּע־עס", „שטרייק־ברעכערס". ביי די פּראָלעטאַריש־ציוניסטישע רעפּערענטן זענען עס געווען פון אַן אַנדערער קאַטעגאָריע:

„כותל־מערבי־סאָציאַליסטן", „איר ווילט אונדז פאַרפירן הינטער די הרי־חושך". „איר פאַרטרייבט די אַראַבער פון זייער ערד".

איינער אַליין, אָן מיטהילף פון זײַנע חברים, וואָס האָבן געזשאַלעוועט אַ בילעט אויפן קעגנערס אונטערנעמונג, האָט דער „רויטער שכר" אויס־געקוויטשעט, ווי פון אַ מאַשינקע, זײַנע צווישנרופן און ווי אַ גולם גע־שטאַנען, ביז ער האָט אויפגעריסן די פאַרלעזונג, סײַדן דער רעדנער האָט געראַטעוועט זײַן בידנעם פּרעסטיזש און בחפזון פאַרענדיקט.

איצט פאַרשטייען מיר שוין דעם חידוש, ווען דער „רויטער שכר", אין יום־טובדיקע מלבושים, מיט אַ נייעם קאַפּעליוש. איז געקומען אין שול אַריין צו כל־נדרי, מיט אַ קליין, שפּאָגל־ניי מחזורל. עניוותדיק האָט ער זיך אָוועקגעשטעלט נישט ווייט פון דער טיר, אין אַ שורה מיט נאָך שטייענדיקע דאַוונערס, צו וויסן „ווּ מען האַלט"... זײַן סאָפּראַן־שטימעלע האָט אַריבערגעקלונגען דעם פולן עולם, זיך אַרויפגעקײַקלט העכער, צום בעלעמער, צו דער מזרח־וואַנט. „ברוך הוא, ברוך שמו. אמן". — דעם רויטן שכרס מעטאַלענעם קלאַנג האָט מען אַרויסגעהערט צווישן אַלע דאַוונערס.

און אַז עס האָט זיך געפונען אַ באַלעבאָס, צי גלאַט אַזוי אַ בחור אַ דאַווענער און האָט אים געפּרוּווט טשעפּען:

— שכר, ביסט געקומען אין שול אַריין מאַכן אַ צווישנרוף דעם חזן?

האָט שכר, דער רויטער, אויפגעמאַכט די קליינטשינקע שליפּיעס, מיט מורא אַ קוק געגעבן אויף די טריפנדיקע נשמה־ליכט, אויף די פייערלעכע הענג־לייכטער, אויף דעם עולם אין די ווייסע קיטלען, אויף דעם בעלעמער, וואָס איז באַזעצט מיט משוררימלעך אין די טליתימלעך, זיך איינגעהערט צו דעם געשטיקטן כליפּן פון דער ווייבערישער שול און, צולייגנדיק אַ פינגער צו די ליפּן, געשעפּטשעט:

— „ששש, שטיל... דאָ איז אַ מקום קדוש". און דער רויטער שכר האָט געבלעטערט און געבלעטערט אין זיין קליין מחזורל.

די מאַמע האָט באַשלאָסן, אַז דאָס בעסטע וועט זיין — איר בן־יחיד משלח צו זיין. און דער בחור האָט זיך צונויפגעקאָמפּאַניעוועט מיט אַ גרופּע עמיגראַנטן, וואָס זענען געפאָרן קיין בראַזיליע.

עס האָט נישט לאַנג געדויערט און שכר האָט זיך ווידער גענומען צו זיין אַרבעט, און די באַם־רעטירער פּאָרלעזונגען און קאָנפערענצן זענען זעלטן אַדורך אָן זיינע: „ווו זענט איר געווען אין טויזנט ניין הונדערט און דרייסיק"... ער איז געווען אָבער אויך פון די פלינקסטע ביים בויען דאָס הויז פון די לינקע, דער פלינקסטער אין די קלובן, דער פלינקסטער אין די „קאַמפּיינען".

אָבער אויך אין דער שול, וואָס נעבן לינקן הויז, אין באַם רעטירא, איז דער „רויטער שכר" צו כל נדרי געשטאַנען נכנעהדיק, ווי אַ בעל־תשובה, ביי דער טיר. אַוועקגעלייגט די ליסטעס, די אויפרופן, די קאַמפּיינען, מיטן קליינעם סאַמעטענעם מחזורל, איז ער געשטאַנען ביי דער טיר און גע־מישט מיט אַראָפּגעלאָזטע, פאַרזשמורעטע אייגעלעך.

ווען דער פּרעזידענט פון דער שול איז צו אים צוגעגאַנגען און אים געלויבט:

— סעניאָר איך האַלט פון אייך, — האָט אים שכר שטיל געענטפערט:

— ששש... דאָ איז אַ מקום קדוש...

נעוראָזע

פערנאַנדאָ האָט פאַרלאָזט די אודיטאָריע באַלד נאָך דעם ווי דער באַרימטער פסיכיאַטאָר האָט פאַרענדיקט זיין לעקציע פון דער סעריע „פסיכישע אָפנייגונגען אויפן יסוד פון פיזישע אַנטאַרטונגען”.

עס איז אייגנטלעך נישט זיין דיסציפלין. ער האָט זיך פריייוויליק פאַרשריבן אויף אָט דער סעריע לעקציעס, כאָטש זיין אויסגעקליבענע צוקונפטיקע ספּעציאַליטעט, לונגען־קראַנקייטן, האָט נישט קיין שייכות מיט אַזעלכע קאָמפּלעקסן. פערנאַנדאָ איז געווען דערשיטערט פון דער לעקציע צוליב דער פיינלעכער ענלעכקייט פון די דעמאָנסטרירטע קאָנסטיטוציעס מיט אייניקע פון זיינע נאָענטסטע קרובים, פון דער מאַמעס צד.

די לעקציע פון באַרימטן פּראָפעסאָר האָט געהאַט אַ גרונט־טעזע: טייל, אין תוך אומשולדיקע, אָבער בולט־ווילקירלעכע העוויות, אַנטיעסטעטישע מאַניערן, זענען נישט אַ רעזולטאַט פון מאַנגל אין גוטער דערציונג, — נאָר פון דער אַלגעמיינער צעשוואומענקייט און פון דעם פרימיטיוון בוי פון די געהירן־געוועלבן. אָט די „נעוראָזע”, הגם אומשעדלעך און נישט אַגרעסיוו, ווירקן אָבער אירע מאַניפעסטאַציעס באַלעסטנדיק און אומאָנגענעם. דאָס הויכע שרייען, דאָס הילכיקע לאַכן, די פלאַטפיס, די אַנאַרכיע פון זשעסטיקולאַציעס זענען דערשיינונגען אין רעזולטאַט פון דער סטרוקטור פון מוח און נישט פון דערציונג.

נאָך איידער פערנאַנדאָ האָט געהערט אָט די אַקאַדעמישע רייד, אילוסטרירט מיט געהעריקע אַנאַליזן פון דעם געהירן־בוי ביי פרימיטיווע טיפן, האָט ער שוין חושד געווען, אַז געוויסע פאַקטאָרן, געווירשנטע אין שייכות מיט די טראַדיציאָנעלע מנהגים און קולטור־מצב, האָבן זיך אַזוי פאַרוואָרצלט אין זיינע מומעס און פעטערס, אַז קיין דערציערישע קאָרעקטור וועט נישט

העלפן זיי אויסצוואָרצלען. איצט איז ער געוויר געוואָרן, אַז זיי זענען אַן אָרגאַנישער טייל פון זייערע קאָנסטיטוציעס. פשוטע קרעטינישע פאַר־קרימונגען און פלאַכע מוח־געוועלבן...

אָט די „וויסנשאַפטלעכע" רייד האָבן נישט ביי אַלע סטודענטן אַרויס־גערופן אַזאַ הסכמה, ווי ביי פערנאַנדאָן. דער פּראָפעסאָר, הגם אַ באַרימטער אויטאָריטעט אין לאַנד, איז געווען אונטער דער קענטיקער השפעה פון די נאַצישע ראַסן־טעאָריעס און פערנאַנדאָ, ווייט פון פּאָליטישער אָריענטאַציע, האָט נישט געקענט חושד זיין, אַז אין דער פאַרהייליקטער אודיטאָריע פון אוניווערסיטעט זאָלן דערלאַנגט ווערן פינצטערע טעאָריעס און ער האָט אָנגענומען ווי אַן אמת די דערקלערונגען פון פּסיכיאַטאָר.

פערנאַנדאָ איז אַ פעיִקער, שאַרף־שכלדיקער סטודענט, איז באַהאַוונט אין זיינע דיסציפּלינען מיט אַ זיכערער קלאָרקייט, איז אויסגעבונדן מיט אַלע ווינקעלעך פון דער אַנאַטאָמיע, פון דער כירורגישער טעכניק. זיינע פינף יאָר שטודירן האָבן אים געשטעלט אויף זיכערע פיס און ער זעט שוין פאַר זיך זיין צוקונפטיקע קאַריערע אין דער מעדיצינישער פּראָפעסיע.

אפילו זיין „נאַמאַראַדאָ", זיין צוקונפטיקע פרוי, האָט ער זיך צוגעקליבן צו זיין פּראָפעסיע: עס הייסט, אַז עס איז געשען דורך אַ גליקלעכער פאַרליבונג, — מאַרטאַ איז אויפן לעצטן אוניווערסיטעט־יאָר פון פלעגע־רינס־קורס.

ביז איצט איז פאַר אים אַלץ — און אוודאי דער ניצחון־מאַרש צום ציל — געווען קלאָר און זעלבסטפאַרשטענדלעך. דאָ אָבער, ביים אויסהערן דעם פּסיכיאַטאָר, איז צום ערשטן מאָל אַראָפּ אויף אים אַ צעטומלונג, אַ דערשיטערונג. ער האָט זיך דיסקרעט דערנענטערט צו אַ טואַלעט־שפּיגל און באַטראַכט זיין אייגענע פיזיאָנאָמיע...

ער איז געווען אַ הויכוווקסיקער, אַ ביסל איינגעבויגן. אַ לאַנגע און געפלאָכטענע נאָז, — קאָלעגן־סטודענטן האָבן וועגן זיין נאָז געפּסקנט, אַז זי וואַרט אויף אַ פּלאַסטישער אָפּעראַציע... גרויסע, שוואַרצע אויגן און אַ קאָפּ געדיכט־באַדעקט מיט טונקעלע קרויזן־האָר. פון דער משפחה, פון דער מאַמעס זייט, האָט ער געירשנט אַ בולטן סימן: גרויסע, אָפּשטייענדיקע אויערן, ווי קליאַפּעס. דאָס גאַנצע פּנים, כאָטש רוי און צעוואָקסן,

האָט געהאַט אַ קענטיקן אויסדרוק פון אינטעליגענץ און אַנטשלאָסנקייט.

זיין מיידל, מאַרטאַ, אַ ביסל נידעריקער פון אים, האָט געהאַט אַ קליינ־שטעטלדיק, נאַיוו פּנימל, מיט גריבעלעך אין די ווייכע באַקן און מיט מילדע, רחמנות־טיילנדיקע אויגן.

*

מאַרטאַס עלטערן זענען געווען „יעקעס", דייטשע יידן, באַלעבאַטישע און פּאַרמעגלעכע. פון זיי האָט מאַרטאַ איבערגענומען די סאָלידע באַנעמונג און באַשיידנקייט, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר דייטשע יידן.

באַשיידן, פריי פון אַמביציעזע פּלענער, האָט זיך מאַרטאַ באַגנוגנט מיטן האַלב־אַקאַדעמישן קורס פון אַ סאַניטאַרין־צוהעלפערין, וואָס האָט זיך צוגעפּאַסט צו איר געמיט, — אַן פּרעטענזיעס און אחריות. אין אירע באַציונגען מיט פערדינאַנדאָן האָט זי אַריינגעגעבן דעם מילדן טאָן, ווייך געמאַכט זיינע קאַטעגאָרישע, טייל מאָל, בייזע, פאַראורטיילנדיקע מיינונגען וועגן מענטשן און דערשיינונגען.

פון אַן אַנדערער סאָציאַלער סביבה האָט געשטאַמט פערנאַנדאָ. זיינע עלטערן: פּוילישע יידן, וואַרשעווער — אַ קאָמפּאַקטע משפחה, פּאַלקס־מענטשן, מאַרק־שטייערס אין פּוילן, אויפקויפערס פון „שטיקלעך", „זעקל־יידן" — האָבן זיי געשאַפן אַ היימישע אַטמאָספער בעת זייערע צונויפ־קומען זיך אין הויז פון דער מומע שפרינצע. דאָס פּאַרביקע, פּאָלקלאָריס־טישע לשון, די אַריינזאָגעכצער, „שטעכלערייען", אויסגעמישטע מיט וואַר־שעווער ווילערישע ווערטלעך, האָט אויפגעלעבט דעם אַמאָליקן היימישן קאָלאָריט פון דער הינטערגאַס אין פּראַגע, פון וואַנען דאָס גאַנצע געזינדל איז געקומען קיין בראַזיל מיט קנאַפּע צוויי צענדליק יאָר צוריק.

פערנאַנדאָס עלטערן האָבן זיך פאַרנומען מיט אויפקויפן „שמאַטעס", אַלטע מלבושים. באַלד אין די פריע שעהן פלעגן זיי זיך לאָזן פון זייער „קאַרטיסאָ", וואָס איז אַן אָרעמע הינטערגאַס פון באָם־רעטירא, צו די רייכע קוואַרטאַלן, און גייענדיק פון ווילאַ צו ווילאַ, אַנקלאַפּנדיק אין יעדע טיר, פרעגן צי עס איז נישטאָ קיין אַלט מלבוש. אין די פאַרנאַכט־שעהן פלעגט דער „הויכער לייבעש", פערנאַנדאָס פאָטער, רעווידירן די איינגעקויפטע זאַכן, אָפּשאַצן זייער ווערט און זיי פאַרקויפן אין די ספּעציעלע געשעפטן

פון אַלטע מלבושים, וואָס האָבן געהאַט אַן עקסטראַ־צענטער אַרום די וואָקזאַלן.

פערנאַנדאָ פלעגט אויפשוידערן, בעת ער פלעגט אַנטרעפן די שטילע טאַטע־מאַמע, ווי זיי צעשפרייטן די מענערישע הויזן, ווי זיי זוכן אין די פאַלדן, קערן אויס די קעשענעס...

וויפל מאָל, בעת ער, פערנאַנדאָ, פלעגט זיך באַטייליקן אין פאַלמעסן אַ בר־מנן אין דעם נעקראָטאָריום פון אוניווערסיטעט, האָט זיך אים גע־דאַכט, אַז דאָס טוט ער בודקן אַלטע הויזן און וועסטן... אָט די אַסאָציאַציע פלעגט אים פאַרפאָלגן און שרעקלעך פייניקן און עס האָט זיך אין אים איינגעוואָרצלט אַן אָרגאַנישער עקל, וואָס איז אָפּט אַריבער אין האַס, צו די זייניקע...

וויפל מאָל האָט ער זיי אָפּגערעדט פון אָט דער באַשעפטיקונג! אויף טאַטע־מאַמע האָט דעם יינגלס טענות נישט געווירקט און בעתן צונויפ־קום פון דער משפחה, אין דעם הויז פון דער מומע שפרינצע, האָבן די שוואָגערס און די שוועסטערס זיי באַרויִקט: הערט נישט דעם יאָלד... פון וואָס דען וועט עך לעבן? — ווען נישט די פרנסה, וואָלט ער געקענט זיך לערנען? ווערן אַ דאָקטער? עך טוט דאָך אַלעס נאָר פאַר אים!

די מומע שפרינצע, דער מאַמעס עלטסטע שוועסטער, איז געווען די צענטראַלע פיגור פון דער משפחה. זי האָט געוווינט אין הינטערגרונט פון אַ פיר־עקיקן „קאָרטיסאָ" אין באָם רעטיראָ און בעת די משפחהדיקע צו־נויפקומען האָט זיך דאָס געזינדל צעזעצט אויפן הויף און אויף אַ היציקן שטייגער איבערגעוואָרפן היימישע ענינים און עסקים, וואָס די שכנים האָבן זיך צו זיי גערן צוגעהערט. מיט דער צייט זענען די שכנים אַריינגע־צויגן געוואָרן אין אָט די ענינים און זענען געוואָרן זייערע ראַטגעבערס.

אין מיטן איז תמיד געווען די מומע שפרינצע. אַ הויכע, שטאַלטנע, אַ ביסל איינגעבויגן, אַ באַדעקטע מיט פּיעגעס, אַזוי ווי אַנגעקלעפּטע שטיק־לעך שטרוי, אַ רירעוודיקע און רעדעוודיקע, האָט זי איינגעהאַלטן און באַלאַנסירט די היציקע און שטרייטנדיקע משפחה. זי האָט גוט און געשמאַק געקאָכט און געבאַקן און כאָטש איר פאַרטעך איז נישט תמיד געווען פינ־קלדיק ריין, האָבן די געסט גערן טועם געווען פון איר כיבוד און אויך

הנאה געהאַט פון איר מאַמע־לשון. כאָטש זיי האָבן דערביי געציטערט פאַר איר שאַרף צינגל:

„מע זאָל חלילה, נישט אַריינפאַלן אין איר מויל אַריין...”

*

פון אַט דער סביבה האָט זיך פערנאַנדאָ אַרויסגעריסן מיט רוגזה, מיט אימפעט און מיט אַ שבועה אין האַרצן קיין מאָל נישט זיין ענלעך צו זיי. וואָס מער די מאַמע האָט אים געשלעפּט צו דער מומע שפּרינצע, אַלץ מער האָט עס אים אָפּגעשטויסן און ער האָט כסדר אַנטדעקט נייע און נייע פיזיש־עסטעטישע דעפעקטן ביי איר. דאָ די „לעבערלעך” אויפן האַלדז, — וואָס איז גראָד געווען הויך און שיין, — דאָ די אַרויסשטאַרצנ־דיקע פּיענטעס, די העסלעכע פּלאַטפיס, וואָס האָבן צוריקגעשטויסן די אָפּצאָסן; די כראָנישע קאַטאַרן; ער האָט זי תמיד געזען אַנאַטאָמיש, ווי ער וואָלט דורכגעפירט איבער איר אַ פּאָלמעסונג...

עס איז אים בכלל געווען פשיקרע אַנטייל צו נעמען אין די משפחה־דיקע צונויפקומעניש, ווו קיינער האָט נישט רעספּעקטירט קיינעמען; ווו יעדער האָט מיט כוח זיך אַריינגעריסן אין אַנדערנס רייד, ווו די גרעסטע חכמה איז באַשטאַנען אין כאַפּן יענעם ביי אַ וואָרט, אים „אַריינזאָגן”.

ביי אים, דעם אַקאַדעמיקער, האָט אַט די גאַנצע וועלט פון טאַטע־מאַמע, פון די פעטערס און מומעס, אַרויסגערופן אַ ווידערגעשמאַק... אים איז אויסגעקומען, אַז די סביבה איז אַ רעשטל פון אַ צעפאַלענעם דור, וואָס איז נעבעכדיק און נישטיק אַקעגן די מעכטיקע שטראָמען פון דער קולטור און וויסנשאַפט פון דער נייער וועלט אין וועלכער ער, פערנאַנדאָ, איז אויך באַטייליקט.

ביז מיט אַ צייט צוריק פלעגט ער, פון דעסטוועגן, מיטנעמען זיין מיידל, מאַרטאַן, אויף די דאָזיקע משפחה־צונויפקומעניש, צוליב־טוענדיק טאַטע־מאַמע. דאָס דייטש־דערצויגענע מיידל איז פון אַט די וויזיטן געווען אַנטציקט, — ווי מאָדנע דאָס האָט נישט אויסגעזען ביי פאַרנאַנדאָן!

גראָד דאָס פשוטקייט פון אַט די מענטשן, דאָס כאַאָטישע שמועסעריי און הילכיק געלעכטער האָט מאַרטאַן באַצויבערט. זי האָט ווי דורך אַ קוים־געעפנט שפּעלטעלע דערבליקט אַ וועלט, צו וועלכער עס האָט איר געצויגן...

איין מאָל אין אַ פאַרנאַכט האָט ער זי געבּרענגט גראָד אין דעם דראַס־טישן מאָמענט, בעת מען האָט בודק געווען אויפן הויף אַ טראַנספּאָרט פון איינגעשאַכטע אַלטוואַרג. אין מיטן הויף איז געלעגן אַ באַרג שמאַטעס.

פערנאַנדאָס טאַטע, מיטן צופרידענעם שמייכעלע אויף די וואַנסעס, האָט גראָד אויפגעהויבן אַקעגן דער זון אַ פּאָר לאַנגע, אויסגעריבּענע מענער־הויזן. מיט אַ געלעכטערל האָט ער זיך אָנגערופן צו זיינע שותפים:

— אַ וואָזשנע מציאה, מע זעט אַדורך פּראָגע..

מאַרטאַ האָט זיך נישט געקענט באַרויקן פון געלעכטער איבער אָט דער גראָטעסקער סצענע...

אין פאַרגלייך מיט דער עלעגישער שטימונג אין איר היים, מיט דעם רעגלמעסיקן און אָנגעצויגענעם מעכאַניזם, האָט אָט דאָס הויז, מיט די הילכיק־שרייענדיקע, תמיד פריילעכע און הייטערע לייט, געטראָגן פרישקייט און לעבן.

מאַרטאַ פלעגט אַריינפאַלן צו פערנאַנדאָס עלטערן נישט־געבעטע־נערהייט, נישט צו וויסן געבנדיק פערנאַנדאָן, גראָד אין די מאָמענטן, בעת זיי האָבן אויסגעשפּרייט די איינגעקויפטע בגדים, ביים אויסשאָקלען דעם זאַמד פון די פאַלדן, פון די קעשענעס. אַ באַגייסטערטע פלעגט דאָס „יע־קיש" מיידל באַוווּנדערן דעם פלייס פון אָט די באַשיידענע מענטשן, וואָס קריגן אַרויס זייער „הויזהאַלט" דורך מי און אַרבעט, נישט אַזוי ווי אירע עלטערן, וואָס לעבן אין רו און אין לאַנגוויל פון „רענטן". מאַרטאַ האָט שטאָלצירט וואָס איר באַשערטער פערנאַנדאָ שטאַמט פון אַזעלכע אַרבעטס־זאַמע לייט און זי פלעגט זיך באַציען מיט גרויס דרך ארץ צו אירע צו־קונפטיקע שוויגער־עלטערן.

***

גראָד אַ פּאָר טעג פאַר דער פאַרלאָבונג איז געקומען צו אַ העפטיקן קאָנפליקט צווישן חתן־כלה. די לעצטע לעקציע, — אַ פּראָפעסאָרס אַ לעק־ציע איז ביי פערנאַנדאָן געווען קודש קדשים, — האָט אים מיט אַ מאָל „געעפנט די אויגן" אויף זיין משפחה, — דערפאַר איז ער קאַטעגאָריש

באַשטאַנען דערויף, אַז צו זייער פֿאַרלאָבונג זאָלן נאָר געלאַדן ווערן טאַטע־מאַמע.

די גוטמוטיקע מאַרטאַ האָט נישט געזען קיין סיבה, פֿאַרוואָס איר חתן קלייבט איבער די משפּחה און וואַרפֿט אָפּ די מערהייט. מאַרטאַ האָט ממש געוויינט, אָבער גאָרנישט געקענט אויסדינגען ביי פֿערנאַנדאָן.

— טאַנטע שפּרינצע איז אַ קלאַסישער טיפּ פֿון אַ בעוראַזע, ממש אַ מאָדעל פֿאַר אַ לעקציע פֿון פּסיכיאַטרע. מען דאַרף זיך נישט ווייזן מיט איר. זי איז ווי אַן אַרויסגעוואַקסן געוויקס פֿון דער „קאָרסיטאָ" — האָט פֿערנאַנדאָ געוואָרפֿן זיינע וויסנשאַפֿטלעכע דעפֿיניציעס קאַטעגאָריש און אומאָפּפֿרעגבאַר.

מאַרטאַס עלטערן האָבן געגעבן אָפּיציעלע תּנאָים. עס האָט זיי הנאה געטאָן, וואָס פֿערנאַנדאָ האָט אויסגעשטעלט אַ ליסטע פֿון אַ ריי קאָלעגן־מעדיקערס און אויך אייניקע פּראָפֿעסאָרן. עס האָט זיי נאָר געוווּנדערט, הלמאי פֿערנאַנדאָ געפֿינט פֿאַר אוממעגלעך איינצולאַדן זיין פֿיל־צעצווייגטע משפּחה.

מאַרטאַ האָט עס נישט פֿאַרטראָגן:

— מע שעמט זיך נישט מיט אייגענע, אדרבא, זאָלן די קאָלעגן זען פֿון וואַנען דו שטאַמסט און זיי וועלן נאָך מער שעצן דיין ווילנסקראַפֿט, דיין אינטעליגענץ — האָט זי אים געוואָלט איבערצייגן, באַהערשנדיק דעם אינערלעכן אויפֿברויז אין זיך, — און ווען נישט זייער אָנשטרענגונג, זייער אָפּפֿערווילּיקייט, וואָלסטו נישט דערגרייכט דיין היינטיקע פּאָזיציע... — האָט זיך אָנגענומען מיט מוט מאַרטאַ.

— נאָר קולטור־מענטשן זענען אימשטאַנד צו פֿאַרהוילן זייערע אומ־פֿאַרמיידלעכע מומים און נישט צו דעמאָנסטרירן מיט זיי, — האָט ער, מעשׂה גרעסערער אויטאָריטעט, געפּסקנט, אַ באַרויִקטער, וואָס אים איז געלונגען צו דעפֿינירן פֿאָרמעל־וויסנשאַפֿטלעך זיין בייזקייט און ווידער־ווילן.

פֿערנאַנדאָ האָט אין דער אמתן זיך מער געשעמט פֿאַר זיינע מחותּנים, ווי פֿאַר זיינע פֿריינט פֿון דער אַקאַדעמישער וועלט. וויפֿל מאָל האָט ער אין געדאַנק פֿאַרגליכן זיין נעבעכדיקע היים, די פֿול־אַנגעשטאָפּטע מיט

אַלטע הויזן, — מיט דער סאַלאָן־אַטמאָספער פון מאַרטאַס שטוב. מאַרטאַס עלטערן האָבן קאָנסערווירט דעם סטיל פון „דריבן", דעם סטיל פון אַמאָל. די סימעטרישע אויסשטעלונג פון די קליניקייט־צירונגען, די לאַנדשאַפט־בילדער, דאָס זילבער־באַשטעק, די בלאַנקענדיקע טישטעכער; די געמיטלעכע און דרך־ארצדיקע דיאַלאָגן...

מאַרטאַס עלטערן זענען באמת געווען אָנגענעמע מיטשמועסערס און גאַסטגעבערס. גוט־באַהאַוונט אין די טראַדיציאָנעלע יידישע מצוות: צדקה בסתר, ביקור חולים, הכנסת כלה, האָבן זיי מקיים געווען אָט די פליכטן מיט „באַשיידענער" און אויפריכטיקער ווילִיקייט און פאָרנעמלעכקייט.

דער זייער פאַרשפרייטער פאָראורטייל לגבי „אָסטיודן" איז ביי זיי נישט געווען אָנגענומען. אדרבא, פון באַקאַנטע דייטש־יידישע אויטאָריטעטן האָבן זיי געהערט גוטע מיינונגען וועגן די ברידער פון אָסטן. דאָס איינציקע, מיט וואָס דייטשע יידן האָבן זיך געקענט איבערנעמען, — די מערב־קולטור — האָבן זיי דאָך געירשנט פון די דייטשן. אָבער איצט, נאָך דעם נאַציזם, איז שוין נישטאָ מיט וואָס צו שטאָלצירן און פראַווען העכערקייט לגבי „פּאָלנישע יודן".

דעריבער האָבן זיי רעספּעקטירט זייער קינפטיקן איידעם, דעם „הער דאָקטאָר פערנאַנדאָ", און נישט אָן שטאָלץ פּרעזענטירט פאַר זייערע פריינט

די פאַרלאָבונג, אין גרויסן זאַל פון מאַרטאַס עלטערן, איז געווען פיין־צוגעגרייט. באַשיידן, אָבער מיט ראַפינירטן געשמאַק. מאַרטאַס עלטערן האָבן אויסגעדריקט זייער טיפסטע פאַרוווּנדערונג, וואָס דער הער דאָקטאָר האָט נישט איינגעלאַדן זיין גאַנצע פאַמיליע, אַפילו נישט די „וווּנדערבאַרע טאַנטע שפרינצע"... מאַרטאַס אויגן זענען געווען פייכטער ווי תמיד.

נאָך דעם קורצן רעליגיעזן אַקט האָבן די יונגעטשקע דאָקטוירימלעך, מיט די אויפגעהויבענע גלעזער, זיך פונאַנדערגעוויגט אין גוזמאָדיקע ווינטשערייען, אָנגעפּראָפּט מיט מליצהדיק־רעטאָרישע פראַזן, דערמאָנענדיק באַזונדערס דעם וועג פון אימיגראַנטישע קינדער, וואָס טרעטן אויף פרייע און זוניקע וועגן פון גרויסן בראַזיל.

דעם חתן איז געווען אַ ביסל אומאָנגענעם אָט די אָנצוהערעניש פון די קאָלעגן וועגן זיין אָפּשטאַם... זיין נאָז, וועגן וועלכער די קאָלעגן פלעגן

זיך וויצלען אַז זי וואַרט אויף אַ פּלאַסטישער אָפּעראַציע, — האָט געגלאַנצט און די אויערן, וואָס האָבן אויסגעזען ווי קליאַפּעס, זענען נאָך מער אָפּ־געשטאַנען...

צו מאָרגנס גאַנץ פרי, אַן וויסן פון חתן, האָט מאַרטאַ געאיילט צו דער טאַנטע שפּרינצע. אומגעריכט האָט זי דאָרט אָנגעטראָפן די שריים פון אַ סעודה:

— נאַ, מאַרטע־קרוין, פאַרזוך דעם קוכן, וואָס מיר האָבן אָפּגעבאַקן צו דיינע תנאים, מזל טוב דיר, האַרציק־געטרייע, — און די טאַנטע שפּרינ־צע האָט באַדעקט מיט קושן די ווייגענדיקע כלה...

***

די חתונה איז פאָרגעקומען גלייך נאָך דער גראַדואירונג. דאָס מאָל האָט מאַרטאַ קאַטעגאָריש פאַרלאַנגט פון פערנאַנדאָן ער זאָל די איינלאַדונג צו דער גראַדואַציע און צו דער חתונה צעטראָגן פאַר אַלע פון זיין משפחה, אָן אויסנאַם.

ד"ר פערנאַנדאָ האָט עס גלייך נישט אַראָפּגעשלונגען. אָבער עס האָט אים גאָרנישט געקענט העלפן.

ווי אַזוי וועט זיך זיין משפחה, פון אַלטוואַרג־אויפקויפערס, פון אַמ־בולאַנטן, די שרייערס און אויסלאַכערס, מיט זייערע שטופּענישן אין די זייטן, מיט די וווּלגאַרע אויסרופן זיך אויפפירן אין דער פיינער געזעלשאַפט פון מחותן?...

אין דער סינאַגאָגע, אַ העל־אָנגעצונדענע און מיט בלומען דעקאָרירטע, האָט זיך די משפחה גרופּירט אויבן־אָן, אַרום דער עסטראַדע. דאָס גרויסע געזעמל, אין ברוינע און אין געלע שיך, האָבן זיי אויסגעזען ווי אַריינ־געטריבענע מיט כוח פון דער גאַס, פון מאַרק... די טאַנטע שפּרינצע מיטן הויכן, שלאַנקן האַלדז, וואָס אַ שאַל האָט פאַרדעקט די „לעבערלעך" און האָט צופעליק אַראָפּגעשאָקלט דעם פּודער פון איר מיט פּיעגעס באַדעקטן פּנים.

די משפחה האָט זיך אָנגענומען מיט קוראַזש און זיך געקליבן אַרויס־צוגיין צו דער בימה, אַזוי ווי עס פירט זיך אין פּראָגע, אַרומצורינגלען דעם חתן. אָבער זיי זענען אַלע געשטאַנען פאַרבליפט און אין שרעק...

מיט אַ מאָל באַווייזט זיך דער חתן מיט טאַטע־מאַמע. דעם חתנס הויכע געשטאַלט, אַ ביסל איינגעבויגן, מיט ברוגזן בליק, וואָס האָט אַראָפּ־געקוקט אויף זיין געפלאַכטענער נאָז, האָט געגלאַנצט פון שוואַרצקייט. די אָפּשטייענדיקע, אָפענע אויערן, ווי קליאַפּעס, האָבן אונטערגעהאַלטן דעם חתונה־קאַפּעליוש, ווי זיי וואָלטן עקסטרע צוליב דעם אַנגעקלעפּט געוואָרן.

ער איז אַדורך דעם וועג פון דער טיר צו דער עסטראַדע. באַמערקנדיק צווישן די בענק זיין גאַנצע משפחה, וועלכע האָט זיך געגרייט אַרויפצוגיין מיט אים צו דער בימה, האָט ער שטרענג אַ ווינק געגעבן צו דער טאַנטע שפּרינצע און צו טאַטע־מאַמע און געגעבן אַ ברום אַרויס צווישן די ציין:

— וואָסער פּלעבעיש ספּעקטאַקל איז דאָ?

טאַטע־מאַמע האָבן אַפילו נישט פאַרשטאַנען דאָס וואָרט, אָבער זיך אָנגעשטויסן, וואָס זייער דאָקטאָר מיינט. די טאַנטע שפּרינצע האָט געפילט, אַז פערנאַנדאָ מיינט עס איר, איז זי אַוועק פון דער עסטראַדע, זיך אָפּגע־רוקט טיפער אין די רייען בענק. זי האָט געוואַרט אויפן אָנהייב פון צערעמאָניאַל.

ערשט שפּעטער, נאָך דעם ווי דער חזן האָט פאַרענדיקט די ברכות און דער חתן האָט צעקלאַפּט דאָס גלאָז, האָט טאַנטע שפּרינצע, אויסגע־מישט מיטן איבעריקן עולם, פאַרביימאַרשירט פאַר חתן־כלה. מאַרטאַ, מיט אַ מטושטשדיקן און ווייכן בליק אין אירע פייכטע אויגן, האָט באַדעקט דער טאַנטעס פּנים און איר אָנטבלויזטן האַלדז, — דער שאַרף האָט זיך געהאַט אַראָפּגעגליטשט, — מיט נאַסע און פעטע קושן...

**

אין אַ יאָר אַרום האָט מאַרטאַ געבוירן אַ מיידל. נאָך אין קימפּעטאָ־ריך־אַנשטאַלט האָט זי אַנטדעקט בולטע ענלעכקייטן ביי איר קינד צו דער טאַנטע שפּרינצע: אַ ברייט פּנימל, מיט ליפּעלעך פון איין עק ביזן צווייטן. אויפן העלדזל האָט מען נישט געקענט אָפּוואַשן די טונקל־געלע פלעקעלעך, „לעבערלעך". אויך די פּיענטעלעך פון קינד זענען געווען אַרויסגעשאַרצט אויף צוריק.

מיט אַ פּיל־זאָגנדיק שמייכעלע האָט די קימפּעטאָרין אָנגעוויזן איר מאַן, דעם דאָקטאָר פערנאַנדאָ, אויף אָט די מערקווירדיקייטן...

ב

דא נישט לאנג...

שוועסטער

א.

ברכה האָט דערהאַלטן אַ שרעקלעכע ידיעה, אַז איר איינציקע שוועסטער, מינע, וואָס איז „גרויס געוואָרן“ אין בראַזיל, — געווען דאָס געזעצלעכע ווייב פון אַ רייכן איטאַליענישן יובעליר — האַלט ביים שטאַרבן.

האָט זי, ברכה, איבערגעלאָזט איר רייכן האָטעל, וואָס זי פירט די לעצטע יאָרן איינע אַליין אין דער פּאָרטוגעזישער קאָלאָניע לאָרענסאָ אין אַפריקע, דעם האָטעל, וואָס איז געווען אָנגעביטשעוועט מיט די טייערסטע טעפּיכער, וואַזעס און גאַרדינען, אויפגעקליבענע אין די מוראדיקע יאָרן פון שאַנד און געהיטן געוואָרן פון איר ווי הייליקייטן, ווייל יעדע צאַצקע איז געווען אַרויסגעריסן פון דער וועלט מיט כעס, פאַר איר פאַרשטויסן און באַליידיקט לעבן.

זי האָט דאָס פאַרמעגן איבערגעלאָזט אויף דער השגחה פון איר מאַן, דעם ליטוואַק, וואָס האָט זיך צו איר צוגעטשעפּעט שוין אויף דער עלטער, זיך געלייגט אויף אירע פּלייצעס. זי האָט אַלץ איבערגעלאָזט און אַ דערשראָקענע, אַ צעטומלטע זיך אַרויפגעכאַפּט אויפן ערשטן אַוויאָן, וואָס איז געפלויגן אין דער ריכטונג פון בראַזיל, צו איר שוועסטער, וואָס האַלט ביים שטאַרבן.

דרייסיק יאָר האָבן זיי זיך נישט געזעהן געזען. געווען פאַרבונדן בלויז דורך די בריוועלעך, אינטימע און סודותדיקע בריוועלעך, וואָס זיי האָבן כסדר געשריבן צו אַנאַנדער. וועגן יעדער קלייניקייט און וועגן גרעסערע געשעענישן זענען אַוועק לאַנגע אויסגיסענישן מיט „טייערע שוועסטער לעבן“, „האַרציקע קרוין מיינע“, „טאַטע זיסער, פאָטער אין הימל“ און „שאָסטרע קאָכאַנעדיקע“. די בריוועלעך האָבן אויסגעגלייכט

זייער גורל, כאָטש איינע האָט געלעבט אין זינד אין אַפריקע, די אַנדערע, שוין אַן אויסגעלייזטע, — אין בראַזיל.

ברכה איז געפלויגן צו דער שוועסטער און איר גאַנץ לעבן איז איר אויפגעגאַנגען. זי האָט זיך דערמאָנט אַלע פּרטים, זינט איר פאַרשווינדן פון דער היים ביז איר צעשיידן זיך מיט דער שוועסטער אין דעם פאַר־נעפּלטן פּאָרט, וואָס זי געדענקט נישט זיין נאָמען. זי האָט נישט גע־שענקט קיין שום אויפמערקזאַמקייט די לייט, וואָס זענען מיט איר געזעסן אין אַוויאָן און וואָס האָבן געהלשט צו צעשמועסן זיך; דאָס הוידען זיך פון אַוויאָן זענען געווען אָפּקלאַנגען פון די עטאַפּן אין איר שלעפּן זיך איבער דער גרויסער אַפריקע.

מיט פאַרמאַכטע אויגן, פאַר בושה, קומט איר קאַפּויער יעדער בייט פון אָרט... גראָד די שווערסטע דערינערונגען פאַראַנקערן זיך איצט אין איר זכרון... פאַרלאָזן זי נישט במשך פון דער גאַנצער רייזע. זי עפנט טייל מאָל די אויגן, צי די מיטפּאַרער האָבן נישט באַמערקט דאָס בילד, וואָס לעבט איצט אין איר...

און ווען ס׳האָבן זיך ענדלעך געענדיקט אַלע עטאַפּן פון דער לאַנגער רייזע און דער אויטאָמאָביל האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר מינעס הויז און ברכה האָט גענומען שטייגן איבער די ווייסע מירמלנע טרעפּ פון איר שוועסטערס פּאַלאַץ, די זונטיק־רעזידענץ פון וויטאָריאָ מאַצוטי, וואָס אין אַריסטאָקראַטישן ווילען־קוואַרטאַל ביים ים, — האָט איר געשניטן ביים האַרץ, ס׳איז איר אויפסניי אויפגעגאַנגען איר פאַרשפּילט לעבן און עס האָט איר געשטיקט אין האַלדז.

ס׳איז גאָרנישט ווערט דאָס עשירות און די זיסע היים, ווען מען האָלט ביים שטאַרבן.

ב.

די שוועסטער מינע האָט זיך נאָך געהאַלטן גוט אויף די פיס און ס׳האָט גאָרנישט אויסגעזען, אַז ס׳איז מיט איר אַזוי שלעכט. שלאַנק און הויך, ווי אַמאָל, מיט דרייסיק יאָר צוריק, אין אַ הויכער קוילעטש־פריזור, וואָס האָט זי געמאַכט נאָך העכער, מיט אַנגעדראָלענע, שאַרפע און מיט פאַרדאַכט־אַנקוקנדיקע אויגן, — האָט זי געכאַפּט, אין ברכהס ערשטן בליק,

דעם אויסזען פון זייער מאַמען — אין אַ ווייסער בלוזקע, צניעותדיק פאַר־שנירלט ביזן האַלדז, אין אַן אויסגעלייגטן קאַלנער, האָט זיך טרויעריק געשאַרט אין די גרויסע, קילע סאַלעס פונעם פּאַלאַץ, וואָס איז געווען פול מיט קישעלעך, אויסגעשטעפּטע מיט מלאכימלעך און קריסטלעכע מאַדאָנעס.

אַן אויסגעלאָשענע האָט זי זיך באַוועגט אין די געוועלבטע סאַלעס, אָדער געהוידעט זיך אויף אַ וויג־שטול, בלעטערנדיק אַ גרויסע, גאָלד־באַ־צירטע, אילוסטרירטע עוואַנגעליע, וואָס איר מאַן האָט איר געקויפט ביי אַן אַנטיקוואַר.

ברכה האָט נישט געוואָלט מאַכן אַן איינדרוק, אַז זי ווייסט עפּעס וועגן מינעס האָפענונגסלאָזער לאַגע. זי האָט זיך אָנגעטאָן יום־טובדיק, מינע זאָל גאָרנישט אַרויסלייענען פון אירע בליקן. ס'האָט פון דער אַפריקאַנער שוועסטער אויפגעריסן מיט שמעקעכצער. איר קורץ קליידל, דאָס טענצל־דיקע גענגל, האָבן פאַריינגערט אירע יאָרן. דער העכער זעכציק־יעריקער ברכהן האָט מען אַ ליאַדע מינוט געקענט אָנגעמען פאַר אַ פינף און דרייסיק יעריקע. די שוואַרצע זאָקן, זיידענע לעטשעלעך האָבן צניעותדיק פאַריינ־געגרט איר אויסגעלאַטיקט, מיט אַן עלעקטרישער מאַשינקע אויסגעמאַסאַ־זשירט פּנים, וואָס איז געווען גלאַטיק און גלאַנציק, ווי די הויט פון אַ לימענע.

ברכה האָט געשלאָסן קאָנטשאַפט מיט איר שוואָגער, דעם איידעלן איטאַליענער, סעניאָר וויטאָריאָ. ער האָט דער געקומענער שוועסטער פון זיין ווייב אָנפאַרטרויט דעם שרעקלעכן סוד: דאָס רעוומאַטיש־געשוואָלן האַרץ פון מינען וועט נישט לאַנג קאָנען אַרבעטן און דאָס אומגליק קאָן קומען זייער פרי.

האָבן זיך ביידע שוועסטער צוגעקלעפּט איינאַנדער. נישט אָפּגעריסן זיך אויף אַ מינוט, זיך אויסגעוויינט צענדליקער מאָל אַ טאָג, פאַר יעדע זינד, פאַר יעדן דערמאָנטן בזיון. זיי האָבן זיך אָראָפּדערציילט, מתוודה געווען, ווי איצט וואָלט געקומען די צייט פון אַנטפּלעקן די אויסבאַהאַלטענע אוצרות.

יעדע סטאַרעט זיך צו ווייזן ווי ביטער און זינדיק זייער לעבן איז געווען.

אַנגעהויבן האָט ברכה. איר שוועסטער מינע, מיטן טאַרבלדיקן פּנים, אין דער צניעותדיק פאַרשלאָסענער בלוזקע, ווי אַן אַריסטאָקראַטישע סאַ־לאָן־דאַמע, מיט די פאַרשעמישע בליקן, וואָס האָט זיך פאַרלוירן אין דעם אַרומיקן רחבות און עשירות, האָט שטיל און שוואַך צוגעפּליסטערט צו דער שוועסטערס היימישע ווערטער פון יידישן מאַמע־לשון, וואָס זי האָט שוין זינט יאָרן און יאָרן נישט געהערט.

ברכה האָט אָנגעהויבן פון דער נאַכט, ווען זיי זענען ביידע אַוועק פון נאָוואָראַדאָמסק מיט יידלען, דעם שפּיליטער, וואָס האָט זיי אַריינגע־שטעקט פעסער און גרויסע זילבערנע רובלס אויף הוצאות...

ג.

... ביידע זענען געזעסן אין דער היים, ביי דער שווייגנדיקער מאַמען און דערצאָרנטן טאַטן, וואָס האָט זיי קיין מאָל נישט געזאָגט אַ גוט וואָרט. גרויס צעוואַקסן, מיט געדיכטע, ווייסע קאָפּ־האָר און שפּאַר־פאַרוואַקסענע ברעמען מיט פוך אויף די פליישיקע באַקן, האָבן ברכה און מינע מיט פערציק יאָר צוריק פול געמאַכט די ענגע שטיבלעך פון ר׳ אַלטער לע־קעכבעקער, וואָס כאָטש ער האָט נישט געהאַט פאַר זיי קיין נדן, האָט ער פונדעסטוועגן געטריבן פון זיך די בעקער־געזעלן, וואָס האָבן זיך געשדכנט צו זיינע טעכטער, די בוגרותן. פאַרקערט: יעדער בעקער־יונג, וואָס האָט געוואָרפן אַן אויג אויף איינער פון זיינע איבערגעוואַקסענע מוידן, האָט ער גלייך משלח געווען פון דער אַרבעט.

אַזוי זענען געגאַנגען חדשים און יאָרן און ר׳ אַלטער האָט נישט אויפ־געהערט צו וואָרטשען דאָ צו זיין ווייב, די גולמטע, דאָ צו די צוויי טעכטער.

און ווען יידל, דער שפּיליטער, איז אַמאָל שפּעט אין אָוונט אַריין צו ר׳ אַלטערן און פאָרגעשלאָגן אַ שטעל פאַר זיינע צוויי מוידן אין טשענס־טאָכאָוו, ביי אַ באַקאַנטן חסידישן באַלעבאָס, — איז ר׳ אַלטער מרוצה געוואָרן.

דער יידל שפּיליטער האָט געבראַכט באַשטעלונגען פון דער פרעמד. סע האָט שטענדיק געווייעט פון אים מיט אויסלאַנד, מיט פרייסישן שניפּ־

טאַבאַק, פּרייסישן ליקער און בראַנפן, וואָס ער האָט געבראַכט אין ווייסע פּלעשער מיט זילבערנע פּראָפּנס. אין בוזעם־קעשענע האָט ער תמיד גע־האַט מאָדנע פּאַפּירן מיט ליאַק־חתימות, געשריבענע אויף פרעמדע לשונות.

דאָס שטעטל האָט אים חושד געווען אין אומקלאָרע חטאים, „טונקעלע געשעפטן". פון זיינע געציילטע רייד, פון זיין אויסגעפּרעסט אויבערהעמד, פון די גאָלדענע ברילן, האָבן יידן אַרויסגעפילט אומהיימלעכס, ווי פון אַ גלח, אָדער מיסיאָנער. אין שמועסן האָט זיך קיינער מיט אים נישט אַריינגעלאָזט, אַפילו נישט מיט זיין בני־בית.

פונדעסטוועגן איז ער שטענדיק, ביי די „קלפות", אויסגעקליבן גע־וואָרן פאַר גבאי אין דעם יחוסדיקן חברה־תהילים שולכל, וואָס איז טאַקע געווען אין יידל שפּיליטערס מויער, און וואָס האָט שוין זינט יאָרן נישט באַקומען קיין דירה־געלט, און זיי האָבן אים געמאַכט פאַר גבאי, אי אויס מורא פאַר זיינע אויגן מיט די דינע, רויטע אָדערן אין זיי, — אי צוליב זיינע גרויסע נדבות ביי די עליות.

כאָטש שפּעטער, אין די וואָכעדיקע בין־מנחה־למעריבס, ווען יידל שפּיליטער איז געווען אין „פּרייסן", האָבן די דאָזיקע גרויסע נדבות אַרויסגערופן אַ סך נאָכקלערעניש ביים עולם.

אַז יידל שפּיליטער איז אין עפּעס געפערלעך,— איז געווען קלאָר פאַר אַלעמען. אָבער קיין שום באַלעבאָס האָט נישט געהאַט קיין מחלוקת מיט אים און ער האָט קיינעמען נישט באַוולט. גאַנץ־גאַנץ שטיל האָט מען זיך משער געווען אויף צוויי עסקים זיינע:

שפּיאָנאַזש און „לעבעדיקע סחורה". זיין שפּיליטערישקייט איז נאָר אַ צודעק.

מען האָט זיך אָבער געטרייסט, אַז אַ היימישן מענטשן, פון דער איי־גענער שטאָט, האָט ער קיין שלעכטס נישט געטאָן. אדרבא: טרעפט ער אַ בן־עיר אין דער פרעמד, אין פּרייסן, וואָס איז בשכנות, קלעפּט ער זיך צו צו אים. באַזאָרגט אים שוין מיט בכבודיקן גמילות־חסד, איז אים מכבד מיט אַ פעטער סעודה אין דעם איינציקן רעסטאָראַן, וואָס האָט אַן אויפ־שריפט „כשר".

אַ צייט שפּעטער, ווען ר' אַלטערס מוידן זענען אַוועק דינען אויף

דער שטעל, קיין טשענסטאָכאָװ, האָט זיך דאָס שטעטל אַ װיג־געטאָן מיט געמורמל.

דאָס געמורמל האָט זיך אָנגעהױבן פֿון קאַליע־געװאָרענע בחורים, צו די בעקער־ און קײלער־יונגען, פֿון די יאַטקעס צו די פּשעקופּקעס, די מאַרק־שטײערינס.

ערשט, אַז יידן־באַלעבאַטים האָבן אײניקע מאָל אָפּגעשטעלט ר׳ אַל־טערן און אים געפֿרעגט, װי גײט עס זײנע טעכטער אין דער פֿרעמד און װאָס זײ שרײבן, — זײ האָבן אים אין דער אמתן גאָרנישט געשריבן, — האָט זיך ר׳ אַלטער אױפֿגעהױבן אַ פֿאַרטאָגס און איז אַװעק קײן טשענ־סטאָכאָװ.

צוריק איז ער שױן נישט געקומען. זײן גולמדיק װײב האָט פֿאַר־קױפֿט פֿאַר אַ שיבוש די בעקערײ און דאָס שטעטל האָט נישט געװוּסט, װי פּותר צו זײן דעם סוד פֿון ר׳ אַלטערן מיט זײנע צװײ איבערגעװאַקסענע, לאַנג־צעפּעדיקע מוידן.

יידל שפּיליטער האָט זיך אין יענער צײט לענגער געזוימט אין פּרײסן. אַז ער איז צוריקגעקומען האָט מען שױן כמעט װי אױפֿגעהערט צו רעדן װעגן ר׳ אַלטערס משפּחה. נאָר די רױטע פּעדעם אין זײנע אױגן האָבן געװאָרפֿן מער אימה װי ביז אַהער.

ד.

שױן אַ סך יאָרן זענען אַװעק זינט מען האָט בײדע שװעסטער אַרױס־געפֿירט פֿון זײער נאָװאָראַדאָמסק אין דער װעלט פֿון שאַנד און דערני־דערונג. שױן אַזױ פֿיל יאָרן פֿאַרלאָפֿן פֿון יענעם פּײכטן פּרימאָרגן אין דער פֿאַרגעסער פֿאָרט־שטאָט, װוּ מען האָט זײ צעשײדט.

און אָט איז ברכה צוריק מיט מינען, פֿון איר טאָרבלדיק פּנים, פֿלײ־שיקער נאָז איז שװער אַרױסצובריענגען דאָס אַמאָליקע ליכטיק פּנים פֿון איר שװעסטער, װאָס דערװאָרעמט זיך, צעגײט װי לױזער טײג, װען ברכה צערעדט זיך אין איר הײמישן נאָװאָראַדאָמסקער מאַמע־לשון.

ברכה רעדט יידיש. װיטאָריאַ, איר שװאָגער, צי די משרתים, זאָלן נישט אױפֿכאַפּן אַ װאָרט פֿון איר לאַנגער געשיכטע, װאָס זי װיקלט איצט

אויף פאַר מינען, — די געשיכטע פון איר שפלות, אירע אויסשטייענישן און וואַלגערנישן איבער דער אַפריקאַנישער ערד, און ווי אַזוי זי האָט זיך אַרויסגעראַטעוועט פון תהום.

„... איצט, גאָט צו דאַנקען, בין איך שוין אַ בכבודיקע באַלעבאָסטע פון אַ האָטעל אין לאָרענצע־מאַרקעס, אַן אָנשטענדיקער האָטעל, כ׳האָב אַן אייגענעם מאַן, וואָס כאָטש ער האָט זיך געלייגט אויף מיינע פלייצעס, איז ער מיר געטריי. ער איז אויך אָנגעזען אין דער שטאָט, ווייל ער קען די פאַרשידענע לשונות פון די פּאָרט־מענטשן.

אין לאָרענצע־מאַרקעס איז מען ביזן היינטיקן טאָג נישט געוווּיר געוואָרן גאָרנישט פון מיין לעבן. און אפשר ווייסן זיי יאָ עפּעס, גייט עס קיינעם נישט אָן, — ס׳איז נישט נאָוואָראַדאַמסק.

... איך פיר די שענסטע שטוב אין דער שטאָט. ס׳איז דאָ ביי מיר פון שענסטן און טייערסטן מעבל, די טייערסטע גאַרדינען און גרויס־אַרטיקע וואַזעס און אַנדערע צאַצקעס.

קומט אַ רעדנער, אַ ליטווישער רב, — גאַנץ אַפריקע איז פאַרכאַפּט פון די ליטוואַקעס, — קומט אַ „זייאָניסט״, — מאַכט מען ביי מיר דעם באַנקעט.

איך גיב די גרעסטע נדבות אין שטאָט, פאַר יידן און פאַר גויים.

אַז די צוואַנציק ליטוואַקעס האָבן אָנגעהויבן צו בויען זייער סינאַ־גאָגע און געבליבן שטיין אין דער מיטן, ס׳האָט זיי אויסגעפעלט געלט, — האָב איך זיי אַרויסגעהאָלפן.

דער דאַך פון דער לאָרענצער־מאַרקעסער סינאַגאָגע איז מיינער. ווען עס קומען מיר צום געדעכעניש מיינע אַמאָליקע יאָרן, — שפּיגל איך זיך אין דעם דאָזיקן דאַך.

געדענקסט דעם תקיעת־כף, וואָס יידל שפּיליטער, ימח־שמו, האָט פון אונדז גענומען, צו עסן מצות פסח און צו פאַסטן יום־כיפור, — נו, האָב איך נישט שטרענג אָפּגעהיט?

די טריפהנע ליטוואַקעס שאַכערן אַפילו אום הייליקן יום־כיפור.

דער ליטווישער רב וואָלט שוין לאַנג געוואָרן אַ שאַכער איבער די הייזער, איך זאָל נישט אויסצאָלן אַלע חודש אַ שיינע פאַר פונט.״

ברכה באַמערקט ווי אירע רייד רירן אָן מינען, רודערן זי אויף און פירן זי צוריק צו אַ לאַנג־פאַרלאָזטער וועלט. לאָזט זי איבער דאָס דער־ציילן פון אירע מעשים־טובים און גייט צוריק צו די ערשטע יאָרן, ווען זיי האָבן זיך צעשיידט אין בעפלדיקן פרימאָרגן, אין אַן אָפּגעפּאַרעטן פּאָרט, וואָס זי ווייסט נישט זיין נאָמען. געמיינט דעמאָלט, אַז ביידע גייען זיי אַרויף אויף דער זעלבער שיף. ערשט ווען די שיף האָט זיך געגעבן אַ ריר, — נישטאָ מינע!...

ברכה באַגיסט זיך מיט טרערן. כליפּעט אויס די ווערטער. איר אויסגע־מאָסאָזשירט פּנים, ווי אַ לימענע־הויט, ווערט טונקל. דער אויסגעפּערפּו־מירטער גוף קאַרטשעט זיך אין זקנותדיק:

„... ווער ווייסט, צי די יידישע צרות זענען נישט געקומען צוליב מיר... מינע, שוועסטער, לאַכטעקע שאָסטרע מיינע...

אַפריקאַנישע נעכט, געוואַלד געשריגן, טאַטע אין הימל...

שוואַרצע הענט שטרעקן זיך צו מיין ווייסן האַלדז, מינע, קרוין מיינס...

מיט גראַפּטשעס, טויזנטער שוואַרצע הענט שטרעקן זיך צו מיין ווייסן האַלדז, טאַטע ליכטיקער, — און קרענגלען מיך, קרעלן מיך...

גראַפּטשן מיין לייב, די שוואַרצע בעסטיעס, און שטיקן מיך.

ווי כ׳וואָלט זיי אַ כישוף אָנגעטאָן. אין די אַפריקאַנישע שטעטלעך, — ווער ווייסט זייער נאָמען, — כליפּעט ברכה, — האָט זיך צעטראָגן מיין נאָמען, מיין טרפהנער נאָמען, ס׳זאָל זיין אַן אָפּקומעניש פאַר אלע יידי־שע זינד...

געדענקסט מיינע צעפּ... ווייסע... סאַמעט — פאַרשאָלטן זענען מיר געציִען פון געבוירן אָן...

מיינע ליכטיקע צעפּ אין די שוואַרצע הענט... אַ בראָך צו מיר...

זיי קומען צו חלום מיר נאָך היינט: אויסגעשטרעקטע שוואַרצע הענט גראַפּטשען אין מיין גוף און מיינע האָר, רייסן שטיקער פון מיין לייב... שלאַנגען פלעכטן זיך אַרום אין מיינע נעכט, ווען איך קלער איבער מיין זינדיקן לעבן... שלאַנגען איבערן בויך... בינדן מיך, פענטען מיך...

ראַטעווע מיך, מינע־קרוין, פון די חלומות... פון די שוואַרצע הענט, וואָס קומען קאַפּויער נאָך אַזוי פיל יאָרן פון תשובה־טאָן, נאָך אַזוי פיל

וויינען... זיי קנייפּן מיין פאַרשעמטן בויך — האַרציקע שוועסטער...

כ׳האָב געקאָנט אַ מאַמע זיין, אַ יידישע פרומע מאַמע, איצט מסתמא שוין אַ באָבע, האָבן אייניקלעך, סוחרים, דאָקטוירים, ווי די טריפהנע ליטוואַקעס.

אַ גליק וואָס זיי וויסן נישט פון מיינע חלומות, פון די שוואַרצע לאַפּעס...

איין מאָל האָט זיך מיר געחלומט יידל שפּיליטער מיט שוואַרצע הענט, נעגערישע. דוכט זיך אַ נעגער. ניין, ס׳איז יידל שפּיליטער..."

ברכה פאַרענדיקט מיט אַ ספּאַזמאַטיש געוויין. מינע ציט זי צו זיך און גלעט זי.

ביידע אַלטע ווייבער טוליען זיך צונויף, ווי זיי וואָלטן געווען צוויי יונגע מיידלעך. ס׳הערט זיך דאָס אויפגערעגטע דעכן פון מינען.

ח.

מינע רעדט נישט אַזוי שטראָמיק ווי איר שוועסטער. זי איז אויך עלטער פון איר. זי האַלט זיך כסדר ביי דער לינקער ברוסט, איינצושטילן דאָס „ציעניש" ביים האַרץ. אין דער שטייפער, אַריסטאָקראַטישער סביבה פון איר מאַן און זיין משפחה האָט זי דורך יאָרן צופּאַסונג זיך אויסגעלערנט ווייניק צו רעדן.

ברכה ווייסט שוין ווי ס׳איז געשען:

... ביים „פענצטער", דעם שטייג, וווּ מינע איז מיט כוח אַריינגעזעצט געוואָרן דורכן „מענטש", וואָס יידל שפּיליטער האָט זיך מיט אים באַוויזן דעמאָלט, ווען זיי זענען צעטיילט געוואָרן אין פייכטן, נעפּלדיקן פּאָרט, וואָס זיי וויסן נישט זיין נאָמען, — האָט זיך אייניקע מאָל אָפּגעשטעלט אַ שווייגנדיקער און טרויעריקער קאַוואַליער, אַ פּריצייטיק גראָ־געוואָרענער. ער האָט זיך צוגעקאָוועט מיט זיין בליק אויף מינען און שעהן־לאַנג זיך נישט גערירט פון אָרט.

„...איך האָב געקוקט אים גלייך אין זיינע אויגן, ער זאָל אויף מיר רחמנות האָבן. ער איז שוין נישט געווען דער ערשטער... שוין געהאַט

זיך אָנגעליטן געגוג, — פאַרמאַכט מינע די אויגן און שלינגט אַראָפּ די טרערן.

גאַנצן יאָר נאָך אונדזער ערשטער באַגעגעניש בין איך אַלץ אָפּגעזעסן אין „פענצטער“, ביז ער האָט מיך פון דאָרטן, אין אַ קאַטש, אויף שטענדיק צו זיך אַהיים גענומען“...

וויטאָריאַ איז דער איינציקער ברודער פון אַ סך שוועסטער, וואָס האָבן אים שרעקלעך ליב געהאַט. זיי האָבן געציטערט פאַר זיין צוקונפט. ער האָט אַ גוט האַרץ, אַ נאַאיווע נשמה פון אַ קינד און איז אומבאַהאָלפן, ווי אַ קינד.

די שוועסטער, שוין דעמאָלט פאַרהייראַטע און רייכע, מיט קינדער, האָבן נישט אויפגעהערט צו זאָרגן פאַר זייער וויטאָריאַ, דעם ערלעכן און שטילן ברודער, וואָס האָט אויסגעמיטן יעדע פרויען־געזעלשאַפט און זיך געפילט שעמעוודיק אין זייער אָנוועזנהייט. נאָך היינט דערציילן זיי זיך אָן וויצן, ווי ער האָט זיך אַנומלט אַרויסגעדרייט פון דער שטוב, ווען ס'איז איינגעלאַדן געוואָרן אַ מיוחסדיק פריילין, זיי זאָלן זיך באַקענען.

מינע דערציילט און אירע זעקעלעך אויף די באַקן גלעטן זיך אויס. דער פייכטער נעפּל אין די אויגן לייטערט זיך אויס.

„...ס'געשעפט האָט ער איבערגענומען בירושה פון זייער פאָטער. די שוועסטער האָבן געירשנט די הייזער און גיטער. ער — ס'מסחר. דאָ איז ער גראָד יאָ „אין דער היים“. ער פירט די געשעפטן מיט ענערגיע און מיט שכל. האָט קיין מאָל נישט באַפלעקט דעם פאַמיליען־נאָמען, וויטאָריאַ ווערט געריטמט אין דער משפחה פאַר זיין געשעפטלעכער חכמה און איידעלער באַציאונג צו מענטשן.

...ווען איך בין אָנגעקומען אין זייער שטוב אָן אויסגעשמאַכטעטע, אין די זיידענע שמאַטעס, מיט קאַלירטע זאָקן, אין די פּערפומירטע וויעכטשעס, מיט די אונטערגעהאַקטע אויגן, — האָט זיך געטאָן חושך ...

ער האָט זיי געהאַט פריער צו וויסן געטאָן און זיי אָנגעזאָגט, אַז זיי זאָלן מיך אויפנעמען פריינטלעך. נאָך היינט קען איך מיר נישט דערקלערן, ווי אַזוי צו דעם שוואַכן און בושת־פּנימדיקן וויטאָריאַן, דעם קינד, וואָס האָט זיך גערויטלט ביים מינדסטן שמועס וועגן פרויען, — האָט זיך

גענומען אַזאַ העלדישקייט, מיך אַריינצופירן גלייך פון „פענצטער" צו זיי, צו זיין אַריסטאָקראַטישער משפחה, צו די פּאַרריסענע שוועסטער.

...האָבן זיי אים אַריינגעשלעפּט אין אַן אַנדערער שטוב, מיך איבערגע־לאָזט אַליין אין געהאַקטע ווונדן. כ'האָב פון דאָרט געהערט קולות, וואָס כ'האָב זיי נישט פאַרשטאַנען. כ'האָב נאָר געפילט, אַז זיי וועלן מיך צע־שלאָגן, צערייסן מיך מיט מיינע וויעכטשעס און אַרויסוואַרפן פאַר דער טיר.

ברכה־קרוין, כ'האָב נאָר אויף דעם געוואַרט: ס'איז ביי מיר שוין געווען אַ גאַנצער פּלאַן. אַ ביסל געלט, באַהאַלטן אין בוזעם, האָב איך שוין געהאַט און ווו ס'איז אַ וואָקזאַל — האָב איך שוין געוווּסט...

וויטאָריאַ, כאָטש דעמאָלט שוין אַ פאַלנער מענטש, האָט זיך צעוויינט ווי אַ קינד. צעכליפּעט, ווי אַ יינגעלע, ועמען מען וויל נישט קויפן קיין שפּילצייג. ער האָט געסטראַשעט אַז ער וועט זיך ס'לעבן נעמען, דערשיסן אָדער איבערלאָזן דאָס געשעפט און ווערן אַ וואַגאַבונד, אַ שלעפּער.

...ער האָט געקעמפט ווי אַ גיבור. זיין גאַנץ לעבן האָבן אַנדערע זיך מיט אים געשאַפן און ער האָט אַלע נאָכגעגעבן. דעמאָלט, אין יענער שעה, — האָבן אַלע אים געמוזט נאָכגעבן.

איך האָב נישט געגלויבט, אַז וויטאָריאַ וויל טאַקע מיך נעמען פאַר אַ געזעצלעך ווייב. ווייסט נישט: ס'טרעפן זיך פאַרשידענע... געמיינט, אַז ער וועט מיך נאָך אַ פּאָר טעג, אָדער וואָכן, אַרויסוואַרפן, צוריקשיקן צום פענצטער... אפשר מיר אָנהענגען אַ ביסל געלט... שפּעטער זאָל איך זיך אים נישט געבן צו דערקענען אין אַ געזעלשאַפט...

דער רבונו־של־עולם האָט אַנדערש געוואָלט... ס'איז געווען אַ זיווג מן השמים... איך, מינע, פון נאָוואָראַדאָמסק, זאָל פאַרשלעפּט ווערן דורך יידלען שפּיליטער קיין בראַזיל און זאָל דאָ געפינען מיין באַשערטן, מיין שטערן..."

מינעס טאָרבלדיקע אויגן ווערן ווידער אויסגעלייטערט און די פייכט־קייט פאַרשווינדט. דער ווייסער שטערן גלעט זיך אויס. איר לאַנגע, פליי־שיקע נאָז ווערט ווי אויסגעטאָקט. זי שיינט אַרויס פון דער צניעותדיק־פאַרשנירלטער בלוזקע, ווי פון אַ געמעל.

מינע זוכט אויס דעם פֿאַמיליע־אַלבום, בלעטערט די בילדער און איר געזיכט ווערט פֿייערלעכער.

„...געטרייער ווי וויטאָריאַ איז צו מיר, — קאָן קיין שום מאַנספערשוין נישט זיין; אַזוי ווי איך וואָלט אים אַרויפגעפֿירט אויף דעם ריכטיקן וועג, אַרויסגעצויגן אים פֿון דער שמוציקער בלאָטע און נישט ער — מיך.

אַפֿילו יידישקייט האָט ער מיר דערמאָנט. שטענדיק געבעטן, איך זאָל אָפּהיטן אונדזער אמונה. געהייסן דאַוונען פֿון אונדזער געבעט־בוך, וואָס ער האָט מיר געקויפֿט: אַ סידור מיט אַ תחינה. זיינע שוועסטער רעספּעק־טירן מיך, ווען זיי זעען, אַז איך גיי אין סינאַגאָגע.

אָפֿט שטייט וויטאָריאַ דערנעבן, ווען איך צינד אָן די שבת־ליכט, ווי אונדזער מאַמע, פֿרייטיק־צו־נאַכטס...

די ערשטע צייט בין איך טאַקע געגאַנגען יום־כיפּור אין „אונדזער" שול אַריין, צו כל־נדרי. שפּעטער האָב איך אויפֿגעהערט. ווייסט דאָך מיט וועמען, מישטיינס געזאָגט, מען טרעפֿט זיך דאָרט. כ'האָב אויך נישט געוואָלט מצער זיין וויטאָריאָן, טאָמער גיט אים עמעצער צו פֿאַרשטיין, אַז דאָרט איז נישט די ריכטיקע סינאַגאָגע, נאָר פֿון די „פּאַליאַקאָס"...

צו „זיי", ברכה־קרוין, האָב איך זיך נישט דערוועגט צוצוגיין... ס'האָט אָבער אַזוי געצויגן, ווי אַ מאַגנעט. זייער שטאָלצער טעמפּל אין סאַמע מיטן פֿון באָם־רעטירא, נישט פֿאַרשטעלט, נישט פֿאַרשמירט, מיט די ברייטע טרעפּ, ווי די שענסטע קירך. נאָר דאָרט טרעפֿט מען ריכטיק צום רבונו־של־עולם...

און טייל מאָל האָט זיך געדאַכט — ווער ווייסט? כ'וועל אפשר דאָרט טרעפֿן דעם טאַטן, די מאַמען, וואָס מ'האָט אַזוי פֿאַרשעמט... זיי זענען אוודאי צו פֿרי פֿון דער וועלט אַוועק...

אַ האַלבן פֿאַרמעגן וואָלט איך אַוועקגעגעבן אויסצוקויפֿן אונדזער זינד, צו העלפֿן שטיצן אַ באַדערפֿיקן, טיילן צדקה פֿאַר אָרעמע, פֿאַר קראַנקע...

אפשר ווערט עס פֿאַררעכנט אויף יענער וועלט...

...אוי, ברכה־לעבן — כ'האָב נאָר מורא אויף יענער וועלט זיך צו טרעפן מיטן טאַטן. ווי וועל איך קאָנען אים קוקן אין די אויגן?

אַז איך וועל שוין זאָגן אַז איך בין רייך, באַהאָנגען מיט בייטשן קרעלן און פערל, בריליאַנטן, — וועט ער שרייען:

— אַוועק, טריפהנע מויד, אומלויף...״

ביידע שוועסטער ווישן זיך די אויגן. מינע, נאָך אַ ווײַלע אָפּרוען זיך, ווי זי וואַלט זיך אויף ס'נײַ דערמאָנט, ציט ווייטער איר ווידוי:

„...אונדזער רב, דער גנב, האָט נישט קיין פּאָוואַזשעניע ביים רבונו־של־עולם. ווייסט דען נישט גאָט, ווער ער איז?

צו „זייערן״ האָב איך מורא געהאַט צו גיין. ס'גאַנצע לעבן מורא גע־האַט. אוי, ווי מקנא בין איך די פּראָסטע יידענעס, די „יאַכנעס״, וואָס קאָנען קומען דאַוונען אין די שולן וויפל זיי ווילן, ווען זיי ווילן. זייער אויפגערוימט גיין צו אַ כל־נדרי, אַ „סאַנע טויקעף״, הערן זייער שופר־בלאָזן, מזכיר נשמות זיין, טונקען זיך אין זייערע מקוות...״

די פריער אויפגעלעבטע פּאַרב פון מינעס געזיכט איז אַוועק ווי מיט אַ בלאָז. דער לאַנגער מאָנאָלאָג און דאָס פולע וויינען האָט זי צוריק פאַר־וואַנדלט אין אַ חולה־מסוכהנע זקנה. זי ציט ווייטער, מיט די לעצטע כוחות, דעם פאָדעם פון שמועס:

„זייט ס'איז אויפגעקומען ס'ראַדיאָ איז מיר אַ סך לייכטער. אַ גאַנצע וואָך בין איך מיר אַליין אין שטוב. וויטאָריאָ איז נישטאָ. אַז ס'שפּילט די יידישע שעה, — איז מיין בעסטער פאַרגעניגן, די טייערסטע חזנים, דאָס שענסטע דאַוונען פון שראַטאַן הערט מען. די כל־נדרי, דאָס קדש־זאָגן, דאָס קידוש־מאַכן. דערנאָך ווי מען לאַכט אָפּ פון די פאַרשלומ־פּערטע ווייבער און פון די עובר־בטלדיקע מאַנסבילן.״

ס'ווערט טונקל אין די גערוימע חדרים, וואָס זענען געוועלבט ווי אַ קירך. שאָטנס קאָליערן זיך אויס אין אַלע ווינקלען. פון ים בלאָזט אַ שאַרפער ווינט. ביידע שוועסטער וויקלען זיך איין אין וואַרעמע קאָל־דרעס און דרימלען איין אין די וויג־שטולן מיד פון די ווידוים, מיט אַ גע־פיל פון זאַט־זיין, וואָס מען האָט נאָך אַ סך תפילה־זאָגן.

ו.

אַנגעלענט צום קריסטלעכן צמענטאַזש „שאַראַ־מעגינאַ" („וויין, קינד"), אָפּגעזונדערט מיט אַ פּאַרקאַן און באַדינט פון אַן אייגענעם אייזערנעם טויער, — ליגט אויפן באַרג דאָס „חברהשע" פעלד.

אַמפיטעאַטריש הייבט זיך דאָס בית־עולם אויפן באַרג. ביים טויער, נאָך דעם אַרויפגאַנג אויף ברייטע טרעפּ שטייט אַן אוהל מיט אַ גרויסן מגן־דוד, די שפּיצן אילומינירט מיט לעמפּלעך און מיט אַן אייביק געשאַנק פון איידעלן סעניאָר פלוני בן פלוני... פאַר דער „סאָסיעדאַדע פון קעגנזייטיקער הילף"...

דאָס חברהשע פעלד בלאַנקט פון אויסגעפּוצטע און אויפגערוימטע מצבות, שוואַרצע און ווייסע שטיינער אין גאָלד־געלייזשטע אותיות, באַהאָנגענע מיט פאָטאָגראַפיעס, מיט פיל אויפשריפטן און ווידמונגען.

אין דער פרויען־אַלייע ווינקן אַראָפּ יונגע, פרישע בילדער, אויפגערוימטע, לוסטיקע. עס זעט אויס, ווי זיי וואָלטן אַריבערגעפירט געוואָרן פון זייערע פענצטערס אויף דער „זאָנע", וווּ זיי זענען אַ לעבן לאַנג געווען צוגעשמידט צו די „ווענעזיאַנעס" ווי חיות אין אַ שטייג, — אַהערצו, אויף פרישער לופט.

רייענווייז ליגן זיי, איינער העכער פון דער צווייטער, אַמפיטעאַטריש, איינע זאָל דער צווייטער נישט פאַרשטעלן, מען זאָל אַלע זען מיט אַ מאָל...

די פּנימער אויף זייערע בילדער זענען יונגעטשקע. נאָך נישט געשענדעטע, נאָך נישט באַליידיקטע. צניעותדיקע, קליינשטעטלשע יידישע מיידלעך.

פון אַלע עקן פוילן און רוסלאַנד שטאַמען זיי, די „שוועסטער": אָדעסער, טשערנאָוויצער, קעשעניעווער, פּראַגער, לאָדזשער.

די אויפשריפטן אויף די מצבות דערציילן אַפילו וועגן אין היפּשן עלטער געשטאָרבענע, אָבער די בילדער זענען יונגעטשקע, זייער טיף־באַהאַלטענע, אויפגעהיטענע הייליקייטן פון זייער מיידלשער יוגנט.

די מצבות האָבן ווידמונגען פון „פריינדינס", איבערגעגעבענע חברה־טעס, וואָס שטעלן די שטיינער אין אויסדרוק פון טיפער ליבע צו דער געשטאָרבענער, צו איר אייביקן אָנדענק. אין די דאָזיקע ווידמונגען ליגט

באַהאַלטן דער באַגער, מען זאָל די שטעלער אויך נישט פאַרגעסן אין דער טרויעריקער שעה פון דעם איינזאַמען אָפּשטאַרבן און ס׳זאָלן זיך אָפּרופן נאָכפאָלגנדע פריינדינס, וואָס זאָלן זיי שטעלן דעם „שטיין".

ווייל קיין משפּחה לאָזט די שוועסטער נישט איבער...

די יונגעטשקע מיידלשע קעפּעלעך קוקן זיך אַריבער און ס׳דוכט זיך, אַז זיי רופן דאָ דעם פאַרבייגייער, ווי דאָרטן, ביים פענצטער, ביי דער „וועגעזיאַנע". און שטיל רוימען זיי איין אין אויער:

„צו מיר... שיינער... ווייסינקער... ליבינקער..."

פון די ווייסע און שוואַרצע מאַרמאָר־שטיינער גייט אויף דאָס שטענ־דיקע פליסטערן, ווי אַ געבעט בציבור.

באַזונדער ליגן די מאַנספּערשוינען, — אין אַ מענער־אַלייע. אויך מיט די בילדער: גראָבע פּנימער, אָנגעזויפּענע, כאָטש עלעגאַנט־אויפגערוימטע ביים אָפּפאָטאָגראַפירן זיך. די אויפשריפטן אויף די מצבות, טרוקענע, אָן ווידמונגען און אָן די אויפשריפטן, וואָס אויף די ווייבערישע:

„פּ נ. האשה החשובה". ווי פאַר די ממזרים, אָדער זעלבסטמערדער זע־נען די געציילטע מענער־מצבות, — אָן קיין שום אויפשריפט.

ז.

דער טויט איז געקומען אין אָן אָונט. מינעס געטרייער מאַן, וויטאָריאָ, איז שוין זייט אייניקע טעג נישט געגאַנגען אין געשעפט אַרייך; נישט אָפּגעטראָטן פון איר וויג־שטול.

מינעס האַרץ האָט וואָס אַ מאָל ווייניקער און ווייניקער געאַרבעט. די אַלערליי באַרוישנדע און היפּנאָטיזירנדע רעצעפּטן, וואָס די דאָקטוירים האָבן נישט געזשאַלעוועט, זענען געווען בלויז צו פאַרלענגערן אירע טעג און אירע יסורים.

די פּילע קריסטלעכע שוועגערינס, פרומע, האָבן אין גרויס צער און מיט טרערן אין די אויגן, אומבאַהאָלפענע, זיך צוגעקוקט צו מינעס גסיסה. ברכה, אין דער פרעמדער געזעלשאַפט פון איר שוועסטערס קרובים, האָט זיך אַרומגעדרייט אַ פאַרשעמטע און פאַרלוירענע.

פון דער ווייטנס האָט זי באַטראַכט דעם ווייסן קאָפּ פון איר שוועסטער, וואָס האָט ווי אַ פאַרחלשטע גאַנדז, פאַרשמאַכט זיך געוויגט אויף דעם לאַנגן שייגעם האַלדז — די אויגן, פאַרשיכורט פון די מעדיצינען, האָבן ברכהן געדופן צו זיך.

מינע האָט באַוויזן זיך צו געזעגענען אויף יידיש מיט דער שוועסטער. ברכה האָט אויך געהערט אירע לעצטע ווערטער צו וויטאָריאַן. זי האָט אים אויסגעדריקט אַ דאַנק פאַר זיין ליבע צו איר. ביי אַ טויט־שטילקייט פון אַלע וויטאָריאָס שוועסטער האָט מינע געבעטן איר געטרייען מאַן, ער זאָל דערלויבן דער שוועסטער, ברכהן, מקבר צו זיין זי צווישן „איזראַ־עליטן” אויפן איזראַעליטישן בית־עולם.

ס׳האָט נישט געהאָלפן דאָס לויפן פון ברכהן צום פרעזידענט פון דער חברה־קדישא און אַפילו נישט די גראָבע סומעס, וואָס זי האָט אים פאַר־געלייגט פאַר אַ קרקע. זאָל כאָטש זיין ביי דער וואַנט, גאָר אונטן, פאַר איר שוועסטער, וואָס איז געשטאָרבן, ווי זי האָט אים דערקלערט, אין גרויס פרומקייט.

דער דאָזיקער סעניאָר, דער פרעזידענט פון דער חברה־קדישא, האָט זי אויפגענומען אין זיין געשעפט פון טאַפּעטן, וואָס אין צענטער שטאָט. ער האָט געשמייכלט אין זיינע גוישע וואַנצעס אַריין און נעמענדיק דער געשטאָרבענערס פאַמיליע־נאָמען פון ברכהן, וואָס האָט גערעדט האַלב ענגליש און אַ ביסל פאָרטוגעזיש (יידיש האָט דער פרעזידענט נישט פאַר־שטאַנען), האָט ער פאַרדעכטיק אַנגעקוקט ברכהס אויסגעמאָסאַזשירט פנים, געל־גלאַטיק ווי אַ לימענע־הויט, באַמערקט איר טענצלדיק געגנגל און די שוואַרצע זיידענע לעטשלעך. ער האָט זי אויף ס׳ניי דרייסט אָפּגע־מאָסטן פון אויבן ביז אַראָפּ, אַזש ס׳האָט ברכהן אָנגעכאַפּט אַ גוואַלדיקע רציחה.

גלייך אויפן אָרט האָט זי פאַרגליכן איר מערכה דאָרט, אין לאָרענצע־מאַרקעס, צו דעם בזיון, וואָס זי שטייט אויס דאָ, ביים וועלן מקיים־זיין דער שוועסטערס צוואה — צו ברענגען זי צו קבר ישראל... איר שוועס־טער, וואָס איז געווען דאָס כשרע ווייב פון איידעלן וויטאָריאָ, וויטאָריאָ.

וואָס האָט געגעבן אַזאַ גרויסן קרבן... מסכים געווען צו באַערדיקן זיין געליבט ווייב אויפן איזראַעליטישן בית־עולם, כאָטש ער האָט צוגעגרייט אַ פאַמיליע־קבר אויפן אַריסטאָקראַטישן קריסטלעכן צמענטאַזש.

ס׳איז ברכהן ענג געווען די וועלט. ווי קאָן מען דאָס דערציילן ווי־טאָריאַן, אַז די „איזראַעליטן" זאָגן זיך אָפּ צו באַגראָבן זיין איידעלע פרוי אין דער ערד פון זייער בית־עולם?

ס׳איז איר געווען אַ בזיון פאַר דער גוישער משפחה מינעס, וואָס האָט שוין לאַנג געהאַט פאַרגעסן, אַז זייער שוועגערין איז געווען אַ „פּאָליאַקאַ". זיי זענען געקומען צו פאָרן אין אייגענע שוואַרצע אויטאָמאָבילן און האָבן געקושט דאָס טויטע, אין ליידן־אויסגעקרימטע פּנים פון זייער ברודערס פרוי, וואָס איז געוואָרן ווייס־דורכזיכטיק, ווי דינער, ווייסער פאָרצעלאַן.

ברכה איז דעריבער גלייך אַוועק פון דעם פרעזידענט צום פרעזידענט פון „חברהשן" בית־עולם, כדי איר שוועסטער זאָל למען־השם געברענגט ווערן צו קבר ישראל און זי האָט געציטערט, וויטאָריאָ מיט איר משפחה זאָלן דערוויל נישט באַשליסן זי איבערצופירן צו דעם קריסטלעכן פאַ־מיליע־קבר.

ווען דער לאַנגער צוג פון שוואַרצע אויטאָמאָבילן איז צוגעקומען צום טויער פון בית־עולם איז שוין געווען שפּעט־פאַרנאַכט. די מגן־דוד־שפּיצן האָבן שוין געלויכטן מיט זעקס־־קאָלירטע לעמפּעלעך...

אַ געדונגענער יידיד האָט געזאָגט קדיש; דער באַשטעלטער חזן פון דער חברה „קעגנזייטיקע הילף" האָט געזונגען אַ קאַפּיטל תהילים און געמאַכט אַן אלמלא־רחמים.

ברכה איז אַליין אַרויסגעגאַנגען אַ צעבראָכענע פון בית־עולם, וואָס איז געלעגן אַמפיטעאַטריש צוקאָפּנס פון דער שטאָט, וואָס האָט זיך באַר וואָס געהאַט אָנגעצונדן מיט אַ ים ליכט. פון די וואָלקנקראַצערס האָבן געשימערט די קאָלירטע רעקלאַמע־פייערן.

ס׳איז ברכהן נאָך אַ מאָל קלאָר געוואָרן, אַז דאָס לעבן איז גאָרנישט ווערט.

די מאָנאַ ליזאַ

„נאָסאַ סעניאָראַ! נאָסאַ דאָס דאָרעס! דאָס פּאָרטאָס... דאַ באָם פּענ־סאַמענטאָ! נאָסאַ סעניאָראַ דאַ אמפּאראָ! נאָסאַ סעניאָראָס פּאַר אַ ביליקן פּריין!"

הייליקע! הייליקע! די הייליקע פון וואַטיקן! די הייליקע פון קימ־פּעטן... די הייליקע פון גוטע כוונות! די הייליקע פון אונטערשטיצונג!

אברהמס קול צעטראָגט זיך איבער די זאַמדיקע און טרוקענע שטחים, אין דער קופּערנער לופט אָן אַן אָפּקלאַנג. די פענצטערלעך פון די שיטערע הייזלעך זענען צוגעקאָוועט און מען זעט נישט קיין ילוד אדם אַרום און אַרום.

ער איז אַ ביסל צו ווייט פאַרקראָכן היינט, דאָ אין דעם פרישן מקום, וווּ ער איז געווען צום ערשטן מאָל מיט אַ חודש צוריק און ער פאַרלירט זיך וואָס אַ מאָל מער צווישן די פאַלדן פון די בערג, וווּ דער שטעג פירט אין אָנגעגליטע זאַמדן, פאַרביי ווילאָס, און ער פאַרשט די שפּורן פון די קונדן, וואָס ער האָט דעמאָלט „אָנגעקלאַפּט". ער קוקט אין די קאַר־טאָנען, וווּ חוץ דעם נאָמען האָט ער נאָך צוגעשריבן אַנדערע סימנים ווי: „הינטער דעם באַרג", „נעבן קוואַל", „ביי ציפּרעס־ביימער" אדג"ל.

די לופט איז שטיקער פייער און ציטערט אַזש פון אָנגעגליטקייט. עס איז שפּעטער בראַזיליאַנער ווינטער. זייט חדשים און חדשים איז נישט געפאַלן קיין טראָפּן רעגן, בלויז אין דער פרי, פאַרטאָג, שפּרייט זיך אויס די „סירענאַ", דער געדיכטער נעפּל, וואָס באַנעצט אַ ווייל דאָס גראָז; באַלד ברענט די זון און די גראָזן. און קשאַקעס, ווי קרויז־האָר אויף נעגער־קעפּ, ליגן פאַרשפּהט. די לעדערנע בלעטער פון די געציילטע פאַר־בלאָנדזשעטע ביימער, דאָ און דאָרט, זענען באַדעקט מיט אַ שיכט גראָבער

ערד, אַ גראָבע, הויטע הויט. די לופט איז פול מיט צעמאַלענעם, פײַנעם שטויב, ווי טאַבאַק, און קיצלט.

אין אברהמס שווערער וואַליזע ליגן פּאַרפּאַקט די „הייליקע", די „געטער", ווי זײַנע חברים רופן עס. עס איז אַ סחורה ווי אַלע סחורות, ווי „קאַרטלעך" זייד, וואָס די רײַכערע און סאָלידערע קליענטעלשטשיקעס, די מיט אַ גרויסן קרעדיט, „קלאַפּן" מיט זיי.

אברהם איז געטראָגן געוואָרן צוזאַמען מיט פיל אַנדערע אויפן שטראָם פון די אַלערליי גליקזוכערס, — „גאָלדקלאַפּערס" — אויפקויפערס פון „אַלט" גאָלד און „געטער"־הענדלער. קיין גרויסע געלטער האָט מען דערצו נישט געדאַרפט און אויך נישט אויסשטיין בזיונות ביים בעטן דאָס ביסל קרעדיט ביי די יידישע אַרויפגעאַרבעטע סוחרים פון „באָם רעטיראָ". זײַנע חברים, וואָס האָבן געוווינט צוזאַמען מיט אים אין איין „פּענסיאָן", האָבן אים געשטעלט קרעדיט ביים פּאָרטוגעזער, דעם גוטן ברודער, וואָס האָט אים איבערגעשטאָפּט מיט סחורות...

דאָרט, ביים פּאָרטוגעזער, איז געווען אַנגעלייגט אין אַן ענגן סקלאַד, אין שטויב, אין שימל, גאַנצע בערג אַלערליי קאָשטשעלנע חפצים: צלמים, שטערנדלעך, שוואַרצע, אומהיימלעכע פּאָטשערקעס פון פאַרשיידענער גרייס און אומענדלעך לאַנגע אָן אַ שיעור קאַטעכיזמעס, בראָשירטע און מיט גאָלד און זילבער געליישטע,— אַלץ שפּאָט ביליק, ממש חצי חינם. דער פּאָרטוגעזער, אַ פלינקער און באַרעדעוודיקער, אין אַ סאַמעט וועסטל, וואָס האָט געשפּילט עפּעס לגבי אברהמען אַ פּאַטערלעכע ראָלע און אַנדערש ווי „זונעניו" אים נישט גערופן, — האָט רק געוואָלט אברהמען אַרײַנשטופּן סחורה פון אַלע מינים, — אָנגערופן זיי דערביי מיט גאָרנישט קיין שיינע נעמען... גאָרנישט קיין הייליקע עפּיטעטן.

אברהם, אונטער פאַרשיידענע אויסריידן, האָט זיך אָנועקגעדרייט פון אָט די אַרטיקלען און בלויז גענומען, ווי די אַנדערע יידישע חברים זײַנע, די „געטער־קלאַפּער", צו פאַרקויפן הייליקע די „נאָסאַ סעניאָראַס"; פיל־קאָלירטע ליטאָגראַפיעס אין ראַמען און אויך אין בליי־געגאָסענע, באַשמירטע מיט לאַק און גלאַזור.

אברהם איז אַ פּשענסטאַכאָווער. אין דער היים האָבן יידן מיט אַזאַ

סחורה נישט געהאַנדלט. אפשר בלויז מיט גאָלדענע צלמים, כאָטש די שטאָט איז פול געווען מיט קאָשטשעלנע פיגורלעך, הייליקע „מאַטקע באָס־קעס". דאָ איז אָבער נישט טשענסטאָכאָוו און ער זעט גוט מיט וועלכע צונעמענישן דער פּאָרטוגעזער רופט אָן די בילדלעך און פיגורן... סיי ווי ווייסט נישט זיין משפּחה, וואָס איז געבליבן אין דער היים, פון דער פּשיק־רער פּרנסה זיינער. אין גאַנצן בשלום מיט זיך איז ער פונדעסטוועגן נישט געווען און אַן אומבאַשטימטער געפיל פון בושה האָט אים באַגלייט און געגריזשעט. וויפל מאָל ער האָט באַשלאָסן, אַז ווי נאָר ער וועט פאַרקויפן דעם „טראַנספּאָרט", וועט ער שוין קיין נייעם נישט איינהאַנדלען. און וויפל מאָל איז ער שוין ווידער ביים פּאָרטוגעזער! עס האָט אים געצויגן און צוגעשמידט.

ביים אויסלייגן פאַר די ווייבלעך די אויסגעמאַנופאַקטורירטע, ביליקע בילדער און צאַצקעס האָט אברהם געזען זיינע יונגעטשקע קונהטעס אין זייערע דיסקרעטסטע, פאַרבאָרגנסטע נשמה־ווינקלען... זייערע אינטימע וועלטן און זייערע דראַמעס. יעדע „נאָסאָ סעניאָראַ" איז דאָך פאַר אַ באַ־זונדערן מין יסורים... ער (און דער פּאָרטוגעזער) ווייסט, אַז זיי האָבן אַלע איין פּנים און דאָס לאַנג־געכוואַליעטע קלייד ביז די פיס, ווי אַ פּיראַ־מידע. דער חילוק איז נאָר אין דער אויפשריפט.

עס איז אין דער דאָזיקער פּרנסה געווען פאַר אברהמען עפּעס פּי־קאַנטס און מאַגנעטיש, אַוואַנטוריסטיש, וואָס אים אַליין איז עס נישט געווען אין גאַנצן קלאָר. אפשר דערפאַר, ווייל דאָס האָט אים צונויפגעפירט מיט יונגע פרויען, געבראַכט צו דיסקרעטע שמועסן מיט זיי, און מע ווערט אַזוי אַריינגעוועבט אין זייערע צאַרטע נעצן?...

ווייבער קויפן די הייליקע בילדער און פיגורן זייער גערן, בפרט פון אַזאַ יונגן „רוסאָ". זיי קוקן צו אים אַנדערש, — אַזוי דוכט זיך אים, — ווי צו געוויינלעכע „קלאַפּערס". זיי קויפן די הייליקע בילדער פאַר די לעצטע פּרוטות און שמייכלען צו אים, ווען ער קומט צו זיי אַהער, אין פאַרלעגענע און פאַרגעסענע ווילאַס, ווייט פון שטאָט.

אין די שעהן פון איינזאַמקייט און אין די שעהן פון ליידן, אין די נעכט, ווען זיי ווערן איבערגעלאָזט, צי פאַרלאָזט פון זייערע מענער, ווענדן

זיך די אָרעמע ווייבער צו די „הייליקע” „נאָסאַ סעניאָראַס” דע באָם פּאַרטאָ, דע באָאַ וואנטאדע פון אַ גוטער קימפּעט, פון אַ גוטן רצון... נישט איין ווייבל דערמאָנט זיך דאָ דעם שיין־געשטאַלטיקטן יונגן רוסאָ, וואָס האָט איר דעם הייליקן אַריינגעבערענגט אין שטוב...

**

עס איז שוין שפּעט נאָך מיטאָגצייט. אברהם האָט נאָך היינט גאָרנישט „אָנגעקלאַפּט”. אין דער וואַליזע ליגט ביי אים דאָס פאַרגרעסערטע בילד פון דעם נייעם קונד, דער סעסיליאַ, וועמענס הייזל דאַרף דאָ ערגעץ ליגן פאַרשטעקט צווישן בערגלעך. זוכנדיק עס, רופט ער דערווייל מאַנאָטאָן דעם איינגעחזרטן פּיזמון:

„הייליקע, הייליקע פון ווייטיקן, פון גליקן, הייליקע פון גוטע כוונות, הייליקע פון שיינקייט”...

און אָט האָבן זיך מיט אַ מאָל געגעבן אַ שאָט אַרויס פון שטיבל אַ גרופּע יונגעטשקע ווייבער; פאַרזאַמלט געווען, זעט אויס, ביי אַ שכנה. פרויען יונגע, כמעט נאָך קינדער, האָבן זיי געשלעפּט אויף די אָרעמס פּיצלעך עופהלעך.

די יונגע מאַמעס רינגלען אַרום אברהמען און פרעגן אים אויס וועגן די פיגורן, וועגן די בילדער, ווי ער וואָלט געווען פון איין משפחה מיט די הייליקע, ווי ער וואָלט געווען אַ געשיקטער פון זיי...

אברהם נעמט אַרויס די גלאַטע, צאַצקעדיקע, גולמדיקע „הייליקע” מיטן אָפּגעבליאַקעוועטן און פאַרשטאַרטן בליק און קלערט זיי אויף מיטן לאַנג־איינגעחזרטן שפּרוך:

— די איז פאַר אַ לייכטער קימפּעט; די אַנדערע אויף צו האָבן ריינע מחשבות; און אָט־אָ די, — פאַר זוכה בגורל זיין...

דער ערשטער ענטוזיאַזם איז פאַרביי. קיין איין ווייבל באַשליסט נישט צו קויפן. פון דער אייגענער פּראַקטיק און פון די דערציילונגען פון זיינע חברים ווייסט אברהם, אַז ווען אַ סך ווייבער זענען צוזאַמען, היטן זיי זיך צו קויפן „הייליקע”, כדי נישט מגלה־סוד זיין פאַר זייטיקע, וואָס עס קוועלט און דריקט זיי... זיי קויפן נאָר, ווען זיי געפינען זיך אויג אויף אויג מיטן פאַרקויפער.

ס'איז אַנטשטאַנען אַ קאַלטע שטילקייט. אין גאַנצן אַפּזאָגן דעם פּאַר־קויפער האָט זיי אויך נישט געפּאַסט, ווי דער שטייגער איז ביי די בראַ־זיליאַנער פרויען, די זייער איידעלע. אברהם קען שוין אַזאַ סיטואַציע און ער האָט אָנגעגרייט דערויף די הייליקע „נאָסאַ סעניאָראַ דע בעלעזאַ", דאָס איז די מאַנאַ ליזאַ... זי ליגט אויפן סאַמע דנאָ פון דער וואַליזע. אברהם דערוויטערט זיך אויף אַ פּאָר שריט און הייבט הויך אויף דאָס שטאַלטנע בילד פון דער וווּנדערלעכער פרוי, „די הייליקע שיינקייט" — „נאָסאַ סעניאָראַ דע בעלעזאַ". די ווייבלעך ווערן צעטומלט... ער דערקלערט זיי, אַז דאָס בילד איז אַ סגולה אייַנצוהאַלטן די יוגנט־שיינקייט און אויך צו פאַרענדערן דאָס פּנים פון יענער, וועמען די נאַטור האָט „קויטאַדאָ" פאַר־טיילט...

אברהם פאַרקויפט אייניקע מאַנאַ ליזאַס, פאַרפּאַקט זיין קראָם „געטער" און פרעגט, ווו געפינט זיך דאָ ערגעץ דאָס הייזל פון דער דאָנאַ סעסיליאַ.

***

דער באַרימטער און געניאַלער איטאַליענישער מייסטער האָט זיך זיכער נישט פאָרגעשטעלט סאַראַ ראָלע זיין ווערק וועט שפּילן... דער פּאַרטוגעזער, דער באַלעבאָס פון הורטסקלאַד, פאַרנעמט זיך אויך מיטן פאַרגרעסערן און פאַרוואַנדלען אין אַלערליי קאָלירן פאָטאָגראַפישע ביל־דער און די פאַרקויפער פון די „געטער" זענען זיינע אַגענטן, וואָס נע־מען אָן צו פאַרגרעסערן און צו פאַרשענערן בילדער פון דער כלה צייט, צי פון דער יוגנט, איידער דאָס ביטערע לעבן האָט באַוויזן צו צעאַקערן דאָס געזיכט. די „דזשאַקאַנדע" ווערט ביי אַזאַ משא־ומתן פאַר־וואַנדלט אין אַ מאָדעל. די הינטערשטאָטישע, נאַיווע בראַזיליאַנער פרויען קאָן מען אַלץ איינרעדן...

איצט שלעפּט זיך אברהם צו זיין לעצטן קונד. איר הייזל דאַרף זיין אויף יענער זייט דאָרף, וואָס איז אין דער ווילאַ און וואָס שטייט אַליין, גע־דענקט ער, און פראַוועט איינזאַמקייט אַזוי ווי די דאָנאַ סעסיליאַ. זי איז אַ קינדערלאָזע און אַן אלמנה זייט יאָרן. מיט אַ חודש צוריק, ווען אברהם איז געווען אין אָט דער געגנט צום ערשטן מאָל, האָבן די פרויען, וואָס

אַרום אים, געהאַט געבעטן ער זאָל נישט אויסמיידן די דאָנאַ סעסיליאַ, „קוטאַדאַ”, ווייל ערשט זי נייטיקט זיך אין דעם מיטלייד פון די „נאָסאַ סעניאָראַס”, אויך פון די מענטשן, מחמת זי איז פול מיט „יסורים” און קומט אָפּ פאַר פאַלשע שריט און קרומע וועגן, „וואָס בעסער נישט צו רעדן וועגן זיי”...

אַזוי האָבן דאַן די שכנים וועגן איר אָנגעוויזן און עס איז אים שווער געווען צו דערקענען צי זענען עס אויפריכטיקע רייד, צי איראָנישע.

ער האָט דאַן לענגער זיך פאַרזאַמט ביי איר. להיפּוך צום אָנגענומענעם שטייגער ביי די ווייבער אין בראַזיל, וואָס לאָזן קיין מאָל נישט אַריין אינעווייניק אַ פרעמדן מאַן, אַפילו נישט ביי אַ קאָמערציעלן משא־ומתן, האָט די דאָנאַ סעסיליאַ אים דאַן אַריינגעבעטן אין שטוב. ווען אברהם האָט געהאַט אויסגעלייגט די גאַלעריע „הייליקע”, האָט דאַן די דאָנאַ סעסיליאַ זיך פאַרקרימט און בלויז זיך געלאָזט צורעדן צו פאַרגרעסערן אירס אַ בילד אויף אַ גרויסן וואַנט־פּאָרטרעט. ער האָט צייט געהאַט זיך אַרומצוקוקן אויפן אויפגערוימטן צימער, אין וועלכן עס האָט געדרוט אַ מיידלשע ציכטיקייט און געוויעט אַ געדיכטע לופט פון בלומען־ריח. די דאָנאַ סעסיליאַ, שוין אַ פאַרוועלקטע, האָט נאָך, פונדעסטוועגן, קאָנסערווירט עפּעס אַ געוועזענעם רייץ. די בליקן פון אירע גראָע אויגן האָבן געזייט צער און דערוועקט דאַן ביי אברהמען רחמנות, געמישט מיט נאָך אַנדערע געפילן.

ער האָט זיך דעמאָלט לענגער פאַרזאַמט ביי איר און צוליב דעם פאַרשפּעטיקט דעם לעצטן צוג. זי האָט אים דאַן באַגלייט אין די שטאָק־פינצטערע דורכגעגנג פון די בערג, ביז צו דער עסטראַדע, צו אַן אויטאָבוס. זיי האָבן זיך דאַן צעשמועסט וועגן גורל פון איינזאַמע מענטשן. איז דאָך אברהם אויך אַן אַליינינקער...

***

איצט האָט ער זיך דערנענטערט צו איר מיט אַ געפיל פון שפאַנונג. זי האָט שוין געוואַרט אויף אים, ווייל עס האָבן זיך דערטראָגן צו איר הייזל די קלאַנגען פון דעם מסחר, וואָס זענען נאָר וואָס פאַרשטילט געוואָרן ביי אירע שכנות.

זי איז, ווי דעמאָלט, מיט אַ חודש צוריק, געזעסן אויף די טרעפּלעך פון איר גאַניק, ווי אַ קינד. פון דער ווייטנס האָט זי אין אברהמס אויגן אויסגעזען ווי אַ פאַרעלטערטע, אויסגעטריקנטע פרוי. פון די צעלאָזענע האָר האָט דאָס פאַרנאַכטיקע ווינטל אָוועקגעבלאָזן דאָס ביסל יונגקייט און זי נאָך מער פאַרעלטערט. אָבער ווען אברהם איז געשטאַנען פּנים אל פּנים מיט איר האָט ער אויפסניי דערפילט דעם בליק וואָס מיט אַ חודש פריער, דעם זעלבן צער און דאָס זעלבע פייערל פון אַ, אין גלוסטן־טליענדיקער, פרוי.

— באָאַ טאַרדיע, דאָנאַ סעסיליאַ, קאָמאָ וואַי סעניאָרא? (אַ גוטער פאַרנאַכט דיר, וואָס מאַכסטו?) — באַגריסט זי אברהם און שלעפּט אַרויס פון דער וואַליזע דאָס פאַרגרעסערטע בילד, וואָס איז געווען פאַרפּאַקט צוזאַמען מיטן קליינעם אָריגינאַל.

— קאָמאָ וואַי, סעניאָר? (וואָס מאַכסטו, סעניאָר?) — ענטפערט אים אָפּ די פרוי — קום אַריין אין שטוב. אינעווייניק איז קיל, וועסטו זיך אָפּרוען אַ ביסל.

אברהמען קומט אַנטקעגן אַ דערקוויקנדיקע קילקייט. אין שטוב איז נאָך געשטאַנען דער זעלבער אַראָמאַט וואָס מיט אַ חודש צוריק און די זעלבע רויִקע ציכטיקייט. די דאָנאַ סעסיליאַ דערלאַנגט אים אַ האַנטעך זיך אָפּצווּווישן דעם שטויב און דעם שווייס. זי גיסט אים אָן פון פילטער אַ גלאָז קאַלט וואַסער.

אברהם, אַן איבערגענומענער פון דער פריינטשאַפט, פון דער שטילקייט און קילקייט אין שטוב, רוט זיך אָפּ. ער וויל אייִנפּעדעמען דעם שמועס אויף דער איבערגעריסענער טעמע: איינזאַמקייט, אָבער ער געפינט נישט דעם פאָדעם... נישט געפינענדיק קיין ווערטער, דערלאַנגט ער איר גלייך דעם צונויפגעוויקלטן פּאַקעט:

— נאַ, זע, ווי געראָטן און ענלעך דו ביסט אַרויסגעקומען, דאָנאַ...

בעת דער פּאָרטוגעזער האָט איינגעפּאַקט דאָס בילד האָט אברהם עס נישט געהאַט געזען. ווען נישט, וואָלט ער עס זיכער נישט געווען צוגעטראָגן צו דער דאָנאַ סעסיליאַ. פון דעם אויפגעוויקלטן פּאָרטרעט האָט אַרויסגעגרויט אַ פאַרקנייטשט באַשעפעניש, מיט צונויפגעפּרעסטע ליפּן און

בייזע, צאָרנדיקע בליקן, געוועגדט אַראָפּ, צום אייגענעם געזיכט, — אַ מאַטס, אַ פאַרזאָרגטס, ווי אַ בילד פון אַ פאַרשטאָרבענער.

אברהם איז געבליבן אַ פאַרקלעמטער... די שפּאַנונג פון גאַנצן חודש־צייט זיך אויף ס׳ניי צו באַגעגענען מיט דער דאָנאַ סעסיליאַ און שפּינען דעם נישט פאַרענדיקטן שמועס, איז פּלוצלינג פאַרשוווּנדן, אויסגערונען. אַ גרויס רחמנות האָט זיך אין אים אָנגעצונדן אי צו דער פרוי, אי צו זיך...

די דאָנאַ סעסיליאַ האָט געמישט אין דער וואַליזע פון אברהמען, כדי צו באַהאַלטן די פאַרשעמונג און באַליידיקונג. זי האָט מיט צער און פאַר־אַכטונג אַוועקגעשטויסן די ביליקע בילדער פון די געטער, די פיגורן פון די הייליקע, ביז זי האָט זיך אָנגעשטויסן אין דעם שמייכלענדיקן פרויען־קאָפּ, מיט די צעלאָזענע האָר־פּאַסן, מיט דעם גליקזעליקן בליק פון דער מאָנאַ ליזאַ.

אָפּווענדנדיק זיך פון אברהמען האָט זי צעקנייטשט איר אייגענעם פאַרגרעסערטן פּאָרטרעט. זי האָט זיך געשפּיגלט אין דעם אָפּבילד פון ד׳ער פרעמדער פרוי און ביסלעכווייז האָט זיך איינגעשטילט דער צער אין אירע בליקן, ווארעם האָבן זיי דאַן געלויכטן צו אברהמען...

איציקל דער גאָלדקלאַפּער.

ער איז נישט דזשעק לאָנדאָנס אַ העלד, פון די גאָלדזוכערס, צי גאָלד־גרעבערס, וואָס האָבן געוואַנדערט אין די קאַליפאָרנישע און אַלאַסקישע מדבריות מיטן גאָלד־הונגער אין האַרצן, מיט אַ פיבער, און מיט מעסערס און פיסטאָלן אין די גאַרטלען.

איציקל איז אַ סטאַשעווער, פון פוילן. איינער פון יענע יידן, וואָס לאָזן זיך אין די בראַזיליאַנישע ישובים זוכן שריים גאָלד, פאַרוואַלגערטע אין דאָרפישע שטיבער, ביי מענטשן, וואָס קענען זיך נישט אויפן פרייז פון געלן מעטאַל און עס ליגט ערגעץ, ווי ברוך, אין די אַלטפרענקישע מעבלשטיקער, נאָך פון די קאָלאָניאַלע צייטן, א זכר פון די פאָרטוגעזישע שווערד־העלדן. איבער די וועגן חזרן זיי איבער מאָנאָטאָן:

„כ׳קויף אַלט, צעבראָכן גאָלד, פאַרזשאַווערטס; אַלטע גאָלדענע ציין, צעבראָכענע קייטלעך".

באַקומט אַ גאָלדקלאַפּער אין האַנט אַריין אַ שטיקל „אַלט, פאַרזשאַ־ווערט" גאָלד, — מעגט איר זיכער זיין, אַז עס בלייבט ביי אים. צי ער באַצאָלט יושרדיק, צי ער נאַרט אויס, — עס איז זיינס.

משפחהדיקס איז פאַראַן צווישן יידישן גאָלדקלאַפּער און די דזשעק־לאָנדאָנישע גאָלדגרעבערס און אַוואַנטוריסטן: די צעהיצטע פאַנטאַזיע. די דזשעק־לאָנדאָנישע העלדן זענען אָבער פאַרביסענע שווייגער און די יידישע גאָלדזוכערס — באַרימערס און „דיכטערס"...

אַז איציקל איז געקומען פון סטאַשעוו דאָ אַהער, האָבן זיך אַ סך בני־עיר זיינע שוין געהאַט גוט אַרויפגעאַרבעט, אַ טייל ביי קליענטעלע און אַ טייל טאַקע ביי „גאָלד". איציקל, נאָכן מוטשען זיך אַ צייט ביי אַנ־דערע געשעפטן, איז אַריין אין מסחר פון גאָלד מיטן גאַנצן לעבן און מיטן באַקאַנטן הונגער נאָך פרנסה.

צי האָט ער זיך אַרויפגעאַרבעט נאָך יאָרן „קלאַפּן" ווייסט מען נישט. ער איז אָבער דער העלד פון די באַרימערייען און פאַנטאַזיעס צווישן אַלע סטאַשעווער גאָלדקלאַפּערס.

קומט דער זונטיק, קלייבן זיך אַלע צוזאַמען ביי אַ טיש אין קאַפע־הויז און איציקל דיכטעט:

— אַז כ'בין געווען אַ גרינער, האָב איך פאַרדינט אַ קאָנטע אַ טאָג, אַ קאָנטע אַ טאָג.

— ביי גאָלד, איציקל?

— נאָך נישט געווען דעמאָלט קיין גאָלד... דעמאָלט איז געגאַנגען „אַן אונטערגעגאַנגענע שיף": איך נעם מיר אַ גומי־קאַפּע אין באָם רעטירא, פאָר אַ 40 מיל, וואַרף זי אַריבער אויף די פּלייצעס און שפּאַציר אַרויף און אַראָפּ אין סאַנטאָס, ביי דער פּראַיע, דאָרט, ביי די רייכע האָטעלן און קאַסינאָס. שפּאַציר איך אַזוי לאַנג ביז די הערשאַפטן ביי די טישלעך ווערן אויפמערקזאַם און פרעגן מיך:

„ווילסט עפּעס, סעניאָר, זוכסט עפּעס?"

— דערצייל איך זיי אויף ענגלישן שטום־לשון:

„מיסטערס! מיין שיף איז אונטערגעגאַנגען... פאַרמעגן פאַרלוירן. אין קעשענע נישטאָ קיין פעני. אַ גומימאַנטל פון מאַנטשעסטער, געקאָסט 12 פונט. פאַר 8 פונט פאַרקויף איך.

זיצן זיך דאָרט אין די קאַסינאָס, — דיכטעט אַלץ איציקל, — די רייכע פאַזענדעיראָס, ווי איר ווייסט, אויסגעשוואַליעטע, וואָס ווילן זיך אויספּיינערן פאַר זייערע נקבות. געהערט אַן ענגלישן גומימאַנטל, „ריין מאַנטשעסטער", ווערט ביי זיי אַ דינגעניש און אַלע ווילן קויפן. האָב איך שוין געקריגן קאָסטן־פּרייז: 12 פונט!

פאַרטיק געוואָרן מיט איין קאַסינאָ, גענומען נאָך אַ מאַנטל און ווידער דאָס אייגענע ביי אַ צווייטער קאַסינאָ: „אַ שיף אונטערגעגאַנגען"... אַזוי האָב איך פאַרדינט אַ קאָנטע אַ טאָג, אַ קאָנטע אַ טאָג".

די טישזיצערס ווערן ברייטער און לענגער פון הנאה פון איציקלס גוזמאות, וואָס זיי האָבן שוין געהערט מער ווי איין מאָל. איינער אַ סטאַשעווער, אַ פעטט יידל, אַ גאָלדקלאַפּער, וואָס האָט זיך גוט אַרויפגעאַרבעט

און האָט ליב, לויטן שטייגער פון אַ גביר, צו הערן באַרימערישע מעשיות פון קבצנים, רופט זיך אָן:

— לאָז שוין אָפּ די דערטרונקענע שיף, איציקל. דערצייל בעסער די מעשה מיט די שעלקעס!

— וואָס איז דאָ צו דערציילן, — אַ פּשוטע מעשה:

„אַז כ'בין צוריקגעפאָרן פון מינאָס, ווי כ'האָב אָנגעקלאַפּט אַ מאַסע גאָלד, בין איך אַראָפּ אויף דער סטאַנציע אין מאָזשין־דאָס־קרוזעס כאַפּן אַ קאַוועלע. ערשט געטראָפן אַ באַקאַנטן פאַזענדעיראָ און פאַרפירט מיט אים אַ שמועס. מיר פאַררייכערן אַ סיגאַרעט, ערשט פלוצלינג — דער צוג רירט זיך. נו, שפּרינג איך אַרויף אויפן צוג, — כ'האָב דאָרט געהאַט איבער־געלאָזט מיינע פּעק גאָלד, — גיט זיך אַ שעלקע אַ זאַטשעפּע אין אַ סלופּ פון מאָזשינער־סטאַנציע... די באַן פאָרט און די שעלקע ציט זיך און ציט זיך...

ערשט, אָנקומענדיק אין אַ שעה אַרום צו דער סטאַנציע דע נאָרטע, קריג איך אַ שנעל פון דער שעלקע. זי איז דעמאָלט אָפּגעשפּרונגען פון מאָזשין!"

איציקל קוקט זיך אַרום אויף דער אודיטאָריע. חברה, אַרויפגעאַרבעטע גאָלדקלאַפּערס, קוועלן פון זיינע מעשיות. פון זייערע פּנימער לייענט מען אַראָפּ די גראָבע הנאה. ער אַליין, איציקל, איז אַ בלאַסער, מיט גרוי־סע טיפע אויגן, אַ מעפיסטאָפעל־מאַסקע. וואָס מע קען קיין מאָל נישט דערגיין דערפון דעם אמת: צי האָט ער געלט, צי איז ער אַ דלפון. טייל זאָגן, אַז ער האָט געלט, אַ סך געלט „אין די בענק". טייל זאָגן אַז, אדרבא, ער איז אַן אָרעמאַן, וואָס האָט אפילו נישט אויף אַ רעמעדיע פאַר די קינדער.

— נו, איציקל, און די וואָך האָסטו עפּעס געמאַכט? געהאַט אַ גוטע וואָך? ווי ביסטו געפאָרן קלאַפּן? ווידער אין מינאָס? — פרעגט אים דער זעלבער „קלאַפּער".

— הייסט דערלאַנגען אַ קאַוועלע, וועל איך אייך דערציילן, ווי אַזוי כ'האָב געמאַכט דעם חודש מיט איין מאָל, מיט איין קלאַפּ, און איציקל שפּינט:

„געווען איז עס אין דער שטאָט פון טוביהס ו ל ח ל ק ל ק ו ת, ווי הייסט זי: אַראַקאַסאַבאַטובאַ. אַמאָל איז דאָרט געווען אַ סך גאָלד... גע־וואַלגערט זיך אין אַלע שאַקרעס. דאָס מאָל גיי איך אַזוי אַ גאַנצן טאָג פון איין שאַקרע צו דער צווייטער, פון פאַזענדע צו סיטיע און — גאָרנישט, נישטאָ קיין פעטשאַטעק.

קוים זיך געשלעפט, נישט געהאַט קיין כוח אפילו צוריקצוגיין צו דער סטאַציע אַהיימצופאָרן, איר ווייסט דאָך; אַז מע מאַכט גאָרנישט, ווערט מען מיד, פאַרלירט מען די כוחות. די זון שרפהט, — אַ פייער פון הימל, נישטאָ אַפילו ווו אַ טרונק צו געבן. קלער איך, כ'וועל נאָך צוגיין צו דער גרויסער פאַזענדע, צו דער לעצטער, אויף דער עסטראַדע.

קוים זיך צוגעשלעפט צו דעם טויער, קלאַפּ איך אָן דריי מאָל מיטן שטעקן!

קומט מיר אַרויס אַ שוואַרצער און פרעגט:

„קע דעסעזשאַ? ווער ביסטו, וואָס ווילסטו?" ענטפער איך:

„כ'האָב אַ געשעפט צום פריץ, צום פאַזענדעיראָ. גיי זאָג דיין דאָנאַ, אַז אַ רוסאָ האָט צו אים אַ געשעפט."

איציקל שטעלט זיך אָפּ, קוקט מיט פאַראַכטונג אויף זיינע צוהערערס:

„איר ווייסט דאָך, אַז איך האָב פיינט האָבן צו טאָן מיט משרתים. איך גיי שטענדיק צום דאָנאָ.

מיין פריץ האָט געהערט אַ רוסאָ, קומט ער אַראָפּ, דערלאַנגט מיר מיט פּאָוואָזשעניע די האַנט און פרעגט מיך:

„וואָס ווילסטו פאַרקויפן? און אפשר ווילסטו עפעס קויפן?" ענטפער איך קורץ און שאַרף:

„איך קויף־אויף גאָלד! אַלט גאָלד. און איך עפן אויף מיין פאָרטפעל און וויַיז ס'פּאַפּיר פון היגן מלכות, אַז איך, איציקל פון סטאַשעוו, בין רעקאָמענדירט אויפצוקויפן גאָלד פאַר דער „באַנקאָ דע בראַזיל". מילא, איר ווייסט דאָך...

רופט זיך אָפּ דער פאַזענדעיראָ:

„זעסט די קייט, וואָס דער הונט איז מיט איר צוגעבונדן צו דער בודע? זאָג, רוסאָ, וויפל איז זי ווערט?"

כ׳גיב אַ קוק, — אוי־וואַ! — אַ גאָלדענע קייט, זהב טהור... אפשר אַ פוד די וואָג... כ׳נעם מיין צוועגגל, וואָס כ׳טראָג שטענדיק מיט זיך און ביים באַטראַכטן די קייט פרוביר איך אָפּצובייסן אַ פּאָר רינגען. ס׳הייבט זיך נישט אָן! האַרט ווי שטאָל! דער פּריץ באַפעלט צו ברענגען אַ קאָוואַדלע מיט אַ שווערן האַמער און מיט אַלע כוחות האַקן מיר אָפּ אַ שפּאָר ביסל רינגען פון דער קייט. מיט אַ פורל האָב איך זיי צוגעשלעפּט צו דער סטאַ־ציע פון אַראַקאַסאַבאַטובאַ, באַצאָלט אַ שיבוש דעם פּאַזענדעיראַ, זיך געזעגנט מיט אים ביי אַ כוסה פינגאַ (בראָנפן), און אַהיימקומענדיק האָב איך אָנגעזאָגט ס׳וויב אַ בשורה: געמאַכט ס׳יאָר! אַ פוד גאָלד!״

איציקל זאָגט עס טרוקן, כמעט מעלאַנכאָליש און עס דוכט זיך אַפילו, אַז ער האָט גאָר שטיל אָפּגעזיפצט. חברה גאָלדקלאַפּער דערשרעקן זיך פונדעסטוועגן, כאָטש זיי קענען שוין איציקלס גוזמאות. אָבער אַ קשיא: אויף איציקלען? אפשר איז עס אמת?

איינער קאָן עס נישט פאַרטראָגן. אַ קלייניקייט, אַ פוד גאָלד?! און שטייט צו:

— וויפל וועסטו אַרונטערלאָזן? אפשר איז עס אַ ביסל ווייניקער

— מילא, זאָל זיין ווייניקער. אַ האַלבער פוד איז זיכער געווען...

— אַ האַלבער פוד?! גאָרנישט ווייניקער?

— מילא, זאָל זיין ווייניקער. אַ קילאָ איז זיכער געווען...

ווערט דער עולם שוין פריילעך, אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצן... דער דיקער סטאָשעווער נעמט זיך צו איציקלען שטרענג:

— זאָג דעם אמת, איציקל, וויפל גאָלד האָסטו געמאַכט ביים פּאַ־זענדעיראַ אין אַראַקאַסאַבאַטובאַ?

איציקל הייבט אויף זיינע גרויסע, טיפע און טרויעריקע אויגן, באַ־טראַכט דעם גראָבן לאַנדסמאַן זיינעם און ענטפערט אים גלאַסן:

— ווילסט וויסן? — פאָר אַהין, וועסטו געוויר ווערן. אַ שטיקל קייט איז דאָרט נאָך געבליבן; נאָר גיב אַכטונג אויפן הונט....

מײַן ערשטע באַגעגעניש

...שוין אויסגעשפּילט אַלע שפּילן און אויסדערצײלט אַלע װיצן. אויס־געטרונקען אַלע, פון דעם לעצטן פּאָרט מיטגעבראַכטע געטראַנקען. אַ נער־װעזע אומגעדולד האָט אונדז, עמיגראַנטן, אַרומגענומען צום „אומבאַקאַנטן".

די שפּאַנענדע שעהן פון איבערפאָרן דעם עקװאַטאָר, װאָס מיר האָבן געװאָלט אויפכאַפּן װי מע כאַפּט אויף דאָס קװיטל הושענה רבה בײַנאַכט, בעת דער הימל עפנט זיך, כידוע, אויף איין אויגנבליק, — זענען מיר פאַרשלאָפן. די װײַטע מוזיק פון ערשטן קלאַס איז צו אונדז, אין דעם דריטן, נישט דערגאַנגען. עס איז געװען דער לעצטער עטאַפּ פון דער לאַנ־גער נסיעה: מיר זענען ענדלעך צוגעשװוּמען צום ערשטן בראַזיליאַנער פּאָרט: פּערנאַמבוקאָ.

מיר, זאַרגלאָזע, צי כלומרשט זאָרגלאָזע, עמיגראַנטן, זענען זיך נוהג געװען אַראָפּצוגײן אין אַלע פּאָרטן טועם צו זײַן דעם לאַנדס פּרות און װײַנען. אַ פּשיטא שוין — בראַזילס, דעם לאַנד פון אונדזער מאָרגן. און עס דערמאָנט זיך מיר אין דעם בעל קורא, אין אונדזער בעל־מלאכהשן בית־מדרש, בעת ער האָט פּאַטעטיש אָנגעזאָגט די אָנזאָגעכצער צו די מרגלים: „השמנה היא או רזה". װי זעט אויס די ערד? װאָס זענען די מענטשן?... און מיר גײען אַראָפּ פון שיף.

דער האָפן איז אַן אויסשטעלונג פון מאַלפּעס און שלאַנגען, אַ מאָזאַיק פון פּירות און באַשעפעניש, חיות און פײגל. פּאַמעראַנצן, גרויסע װי דיניעס (אָבער אינעװײניק אַ זיסלעכער שטרוי); טשערעפּאַכעס און ליליפּוט־קראָקאָדילן, עקדישן, „פּיפּערנאָטערס" אַזעלכע, און טויזנטער ים־שי־סעלעך, שטעקעלעך, פאַרדאַרטע סקאָרע פון חיות, — אַלץ אויסגעמישט, װי פאַרב אויף אַ פּאַליטרע.

אויסגעצװאָגענע באַאַמטע, אין װײַסע אַנצוגן, שטײען אומבאַװעגלעך

ביי די אימפּאָזאַנטע צאָל־געביידעס. צום ערשטן מאָל זעען מיר די כאַראַק־טעריסטישע פּנימער פון ווייסע, וואָס לעבן אין דער טראָפּיק: אַזעלכע גור־מענע מוסקלען פון אַש־קאָליר, פאַרקנייטשטע. ביי אונדז אין שטאָט האָט דער גוי פון דער שוויץ־באָד געהאַט אַזאַ פּרצוף, — ער האָט געאַרבעט אַ צוואַנציק יאָר אין דער פּאַרע...

גייען מיר אַראָפּ אין האַפן, וואָס איז פול מיט געזעמלען פון מענטשן, שוואַרצע, דער רוב, און שרייענדיק־קאָלירטע. די לופט כוואַליעט אונדז אַנטקעגן מיט היץ און פּאַרע. מיט אַ מאָל באַווייזט זיך אַ יונגערמאַן, קאַנטיק אַ ייד, און פרעגט אונדז אויף יידיש טאַקע, צי מיר זענען פון פּוילן און צי איז עמעצער פון דער שטאָט וולאָצלאַוועק?

אַלע עמיגראַנטן שרייען מיט שמחה:

„אָט־אָ דער איז אַ וולאָצלאַווקער”

איז מיך באַפאַלן אַ גוואַלטאַוונע פרייד... נאָך געהאַט אין האַרץ שטי־קער פון דער שטאָט, דעם טרויער פון די געזעגענונגען און די אויפגעוועק־טע בענקענישן בעת דער רייזע — און דאָ אַזאַ אומגעריכטע באַגעגעניש, — אַן אייגענער, פון מיין שטאָט, דער ערשטער ייד, וואָס איך באַגעגן אין נייעם לאַנד, אייגנטלעך, דער ערשטער מענטש, — אַ וולאָצלאַווקער!

האָט אונדז אַרומגענומען אַזאַ פרייד, ווי מיר וואָלטן געווען צוויי ברידער, וואָס האָבן זיך אַרומגעזוכט זייער גאַנץ לעבן און לסוף זיך גע טראָפן צופעליק.

אויף מיין פראַגע, ווי קומט ער אַזש קיין פערנאַמבוקאָ, ענטפערט ער ווי דער קונצנמאַכער ביי פּרצן:

— איך קום פון אַפריקע און פאָר קיין פּאַריז...

ווער איך געוויר, אַז ער רוט זיך אָפּ אין אָט די מקומות פון דרום־אַמעריקע. אַ פּאַס און וויזעס האָט ער — צו פאָרן „ווו ער וויל נאָר און מיט יעדער שיף” — זאָגט ער מיט חשיבות. מיין לאַנדסמאַן, איינקוקנדיק זיך גוט אין מיר און נאָך מער אין דער קליינער גרופּע פרויען־עמיגראַנטן, מיידלעך און יונגע ווייבלעך, וואָס זענען געפאָרן צו זייערע מאַנען, — רופט אויס:

— האָב איך שוין געטראָפן אַ לאַנדסמאַן, וועל איך מיטפאָרן אויף זיין

שיף, זיך קוויקן מיט זײַנע גרויסן פֿון מײַן שטאָט, צו װעלכער איך גײ אויס פֿאַר בענקעניש. געמוזט זי פֿאַרלאָזן מיט צוואַנציק יאָר צוריק.

מײַן בן־עיר אײַלט צום האָטעל זײַנעם און עקספּעדירט אַרויף זײַן באַגאַזש אין אונדזער שיף. דערווײַל דינגען מיר אַן אויטאָ און פֿאָרן אַרום אין דער ווײַסער שטאָט, וואָס האָט אַזאַ האַרטן נאָמען: פּערנאַמבוקאָ.

מיר גאַפֿן מיט אונדזערע קלײנשטעטלדיקע אויגן: אויף יעדער גאַס מאָנומענטן פֿון מענטשן מיט אַזעלכע אויסטערלישע נעמען, העלדן מסתּמא, פֿון װעלכע מיר הערן צום ערשטן מאָל. צי איז מירמלשטײן אַזוי ביליק, צי איז דאָס לאַנד טאַקע אַזוי רומרײַך אין איר געשיכטע און די מענטשן איבערפֿולט מיט בירגער־פֿליכט לגבי זײערע העלדן?

פֿאַר די װאַרשעװער עמיגראַנטן גילט אַן אַנדער מאַסשטאַב צו מעסטן דאָס לאַנד: די האַליעס. מיר פֿאָרן צו די פּערנאַמבוקאַנער האַליעס (מער־קאַדאָ) און שטײען פֿאַרגאַפֿט פֿאַר יענער מאַשינקע, וואָס כאַפּט אַ צוקער־רער און קוועטשט פֿון איר אַרויס אַ טונקעלע פֿליסיקײט, אַ זיסלעכע, ווי לאַקריץ. די װאַרשעװער רופֿן אָן די מאַשינקע „וויזשימאַטשקע”. דערווײַל שוויצן מיר אַזוי שטאַרק, ווי אויף דער אײבערשטער באַנק אין אַן אַנגע־הײצטער באָד, בעת אַ געוועט, ווער וועט לענגער אויסהאַלטן...

*

ווען די שיף האָט זיך גערירט פֿון פּערנאַמבוקאָ, ווײַטער צו דרום, אין דער ריכטונג פֿון ריאָ דע זשאַנעיראָ, האָב איך זיך נעענטער באַקאַנט מיט מײַן לאַנדסמאַן.

אַ הויכער, טונקעלער, קאַנטיק אַ מידער, אַ נישט־אויסגעשלאָפֿענער. אַ ביסל „שנויפּלדיק” („פּאַנפּאַטע”), וואָס האַרמאָניזירט מיט זײַן פּײַכטער נאָז. ער רייכערט און שפּײַט, שפּײַט און רייכערט. זיצט מיט שטראָם־אויס־געשטרעקטע און צעשפּרײטע פֿיס און דערציילט. דערציילט מעשיות, נסים, „האָר און נעגל” ממש:

— איך בין אַ פֿראַנצויזישער מלוכה־אַגענט, פֿון קאָלאָניאַל־מיניס־טעריום. מײַן שטענדיק וווינאָרט איז פּאַריז, „אויף די בולוואַרן”... דאָרט איז מײַן פּריוואַטע דירה און נישט ווײַט, — מײַן אַרבעטס־ביוראָ. צוויי יאָר פֿאַרברענג איך אין פּאַריז און איין יאָר אין אײנער פֿון פֿראַנקרײַכס

מדינות, „צו פֿאַרשטאַרקן פֿראַנקרייכס איינפֿלוסן צווישן די איינגעבוירע־נע"..., איצט קום איך פֿון אַפֿריקע און פֿון דער פֿראַנצויזישער גוויאַנאַ, וווּ איך האָב זייער פֿיל אויפֿגעטאָן פֿאַר די ווילדע דאָרט.

ער רעדט סודותדיק. די אודיטאָריע אַרום איז פֿאַרבלעפֿט, דערשי־טערט, כאַטש אין דער שטיל קנייפּן זיך די עמיגראַנטן. דער שיפֿס־אָפֿיציר, וואָס פֿאַרשטייט אַ ביסל יידיש, הערט זיך צו אַ ווײַלע צו זיינע מיט פֿראַנ־צויזיש פֿאַרבראָקטע געשיכטעס. ער גיט אַ מאַך מיט דער האַנט, ווי אייגער זאָגט:

„דערציייל דער באָבען..."

און מיין לאַנדסמאַן הערט נישט אויף צו דערציילן:

— מיר, איך און אַ חבר מיינער, ווּעמען אַ שלאַנג האָט פֿאַרגיפֿטעט צום טויט מיט אַ ביס, — אָט־אָ־דאָ האָב איך זיין בילד ווו ער ליגט אַ טוי־טער, — קומען אַריין אין אַ נעגער־דאָרף, באַלאָדנט מיט מתנות: פּייפּעלעך, קרעלן, שפּיגלען, מעסערלעך, טאַשן־לעמפּלעך. מיר הייסן זיך פֿירן צום נעגער־מלך. נו יאָ, די נאָז מוז מען גוט צוהאַלטן אין מלכס פּאַלאַץ... אַני־דערגעלייגט פֿאַר אים די מתנות אין נאָמען פֿון דער פֿראַנצויזישער מלוכה, פֿאַרשרייבן מיר זיין נאָמען, — אָט־אָ־דאָ האָב איך אויפֿגעשריבן אַ סך נע־מען, זיי זענען אַזוי שווער, אַז איך קען זיי נישט איבערחזרן פֿון אויסנ־ווייניק. איך פֿאָטאָגראַפֿיר אָפּ דעם הויף, דאָס דאָרף, נעם צונויף וויפֿל ס'זענען דאָ פֿרויען, פֿאָטאָגראַפֿיר אָפּ אַ טייל, — יאָ אָנגעטאָן, נישט אָנ־געטאָן, נעם עפּעס פֿון זייער כלי־זין און בין טועם, פֿון יוצא וועגן, פֿון זייע־רע מאכלים, — אויב איך ברעך עס נישט באַלד אויס... די נעגער, פֿון זייער זייט, זענען אונדז מכבד: העלפֿאַנטביין, פֿויגל־פֿעדערן און... מיט יונגעטש־קע מיידעלעך, כמעט קינדער...

מיין לאַנדסמאַן פּאַקט אויס פֿון זיינע טשעמאָדאַנעס פֿאַרשיידענע חפֿצים, צו דערווייזן, אַז ער איז נישט קיין ליגנער. ער ווייזט אונדז פֿאָטאָ־גראַפֿישע בילדער, ווי ער איז אָנגעטאָן אין ווייסן, מיט אַ קיווער, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אַ ווייסן פֿאַרשער אין דער טראָפּיק, מיט לע־דערנע „שטולפּן", מיט ביקס און שווערד, צווישן אַ מחנה שוואַרצע. מיין לאַנדסמאַן זאָגט אגב־אורחאדיק:

„פון איינס פון מיינע דערפער"...

ער האַלט אין איין ווייזן פעסער, באַפעלן, אָרדערס, וואָס דאַרפן פאַר־יאָגן די ספקות בנוגע זיינע רייד.

ער קומט צוריק צו דער שלאַנג, וואָס האָט אים און זיין חבר צעביסן. זיין חבר איז געשטאָרבן. מיין לאַנדסמאַן, צו פראַנקרייכס גליק, איז אויס־געהיילט געוואָרן... ער ווייזט אַ בילד וווביידע ליגן אויף אַ ראַגאָזשע.

ער רופט אָן אַלערליי נעמען פון דער עקזאָטישער געאָגראַפיע — „אומעטום געווען, אומעטום עפעס איבערגעלאָזט", ווי אויגוסטוס, אין קנוט האַמסונס „וואַגלער".

***

אָבער דער עולם האָט אים אויפגעהערט צו גלייבן, כאָטש אַלץ איז „כמעט" געווען דאָקומענטירט. עפעס האָט מען דערשמעקט אין אים. וואָס? — וועגן דעם האָט קיינער נישט געפּרוּווט זיך אָפּגעבן אַ רעכענונג.

אפשר זיינע פּראָפאַנישע רייד, מיט וועלכע ער האָט זיך נישט זשע־נירט אַפילו פאַר מיר, זיין „געפונענעם לאַנדסמאַן? גיכער ווי אַלץ אָבער, דוכט זיך, זיין קבצנות: וועדליק אַ פאַרשטייער פון אַזאַ באַרימטער מלוכה, איז ער געווען צו שנאָרעריש, כאָטש אויך אויף דעם האָט ער אַ דער־קלערונג: „נאָך נישט געקומען דאָס געהאַלט פאַר אַ גאַנץ יאָר און אַ סברה, אַז עס קען אָנקומען טאַקע אויף דער שיף, אין מיטן פאָרן..."

עס איז מיר געווען אַ רחמנות אויף מיין לאַנדסמאַן, וואָס ער מוז, לא עלינו, שנאָרען אַ פּאַפּיראָס, אַ גמילת חסדל, דאָ ביי דעם, דאָ ביי יענעם.

***

אונדזערע מיידלעך און די אַליין־פאַרנדיקע פרויען האָבן זיך דער־וויטערט פון מיין בן־עיר. די רייזע פערנאַמבוקאָ־ריאָ דע זשאַנעיראָ דוי־ דויערט 4 טעג. אויפן צווייטן טאָג, נאָך דעם ווי ער איז „איזאָלירט" געוואָרן

פון אונדזערע פרויען, איז ער אַריין אין אַן אַפּאַטישער גלייכגילטיקייט...

ער האָט מער נישט דערציילט און עס איז פאַר אונדז פאַרבליבן פאַר־הוילן דער ריכטיקער אמת פון זיינע וואָגלענישן, פון זיינע אַוואַנטורעס. ער האָט אָבער נישט געהאַט קיין מזל צו אונדז.

געווען צווישן די עמיגראַנטן אַ וואַרשעווער „ווילער יונג", אַן אַסי־מילירטער, אַ פויליש־רעדער און נישט פאַרשטאַנען גאַרנישט פון מיין פיל־באַרייזטן בן־עירס מעשיות. אַ דאָקטאָרס אַ זון, אַ ווייבערניק און הולטיי, האָט אים דער טאַטע פאַרשיקט קיין בראַזיל, אַזוי ווי עס איז געווען דער שטייגער אין יענע צייטן. אָט דער דאָזיקער האָט גוט גערעדט פראַנצויזיש, צו מיין לאַנדסמאַנס אומגליק... דאָס האָט אים אין גאַנצן אַוועקגעקוילעט.

אַז די שיף האָט זיך אָפּגעשטעלט אין ריאָ דע זשאַנעיראָ („דאָס פּאַ־ריז פון זאָדעק־אַמעריקע" — ווי מיין חברהמאַן האָט עס אָנגערופן), איז מיין לאַנדסמאַן פאַרשוווּנדן אַן אַ זיי־געזונט.

דאָס איז געווען מיין ערשטע באַגעגעניש אויפן וועג צו דעם קאָנ־טינענט, וואָס האָט דעמאָלט געהאַט נאָך דעם באַוווּסטן שם, וואָס איז פאַראייביקט ביי שלום עליכמען אין „אַ מענטש פון בוענאָס איירעס"... מיין פאַרוואָגלטער און אויסגעגליטשטער לאַנדסמאַן איז, זעט אויס, געווען אַ לעצט־ראַנגיקער משורת ביי אָט די „מענטשן". אפשר איז ער שוין געווען פון די לעצטע פון יענע פאַרשוינען? — ווייל מער האָב איך שוין אַזעלכע נישט באַגעגנט.

ג

שכנים

לאַדראָן דע גאַליניאַס

(דער הינער-גנב)

זיי האָבן געהאַלטן אין מיטן „דערהרגענען דעם וואָרעם״. אין דער ווענדע, וואָס איז געווען די שענק פון דער ווילאַ, האָט זיך אָנגעהויבן דער געוויינלעכער פּזמון:

„מיניא טעררא, סוא טעררא, אַ טעררא דע עללע״ (מיין ערד, דיין ערד, יענעמס ערד...) דאָס מאָל איז דער שמועס נישט געגאַנגען וועגן דעם, ווי אַזוי און מיט וואָס מע טרינקט ווײַן אויף „מיין ערד״, אויף „דיין ערד״ אא״וו., נאָר וועגן שרעקלעכן הינער־גנב, וואָס האָט זיך פאַרלייגט אויפן דאָרף.

דער פּאָרטוגעזער, מיט אַ פּנים פון אַ ציגיינער און מיט שאַרפע אויגן פון אַ וואַלד־גזלן, וואָס מי יודע וואָס פאַראַ רציחה ער איז אומשטאַנד צו באַגיין, אָבער אין דער אמתן אַ רוי און פריינטלעכער פאַרשוין, איז אַמ־מייניסטן באַרעדעוודיק:

„אויף מיין ערד, אַז אַזאַ הינער־גנב פאַרפלאָנטערט זיך אין קרימינאַל...״

„אויף מיין ערד״, — רייסט אים איבער דער שפּאַניאָל, — אַ באָר־וועסער, מיט פאַרשאַרצטע הויזן, וואָס איז נאָר וואָס אַרויסגעקראָכן פון דעם ברונעם, וואָס ער האָט געגראָבן אין אַ שכנותדיק הויז, — „אויף מיין ערד״, ביילט ער די מאָגערע פויסטן, „פאַרוואָרפט מען אים אין קייטן, ווי דעם לעצטן רוצח און ער פינצטערט אָפּ אַ וואָך צוויי אין אַ תפיסה־לאָך״.

„אויף מיין ערד״, — בלייבט נישט שולדיק דער איטאַליענער, — דער שוסטער פון דער ווילאַ, — „משפט אים אַ טריבונאַל פון ווייבער, קענט איר זיך שוין פאָרשטעלן ווי אַזאַ איינער שניידט אָפּ !״

„נו, זשאַפּאַנעז, און אויף דיין ערד, ווי איז?" — פרעגט דער שענ־קער, אַ האַלב־טונקעלער, פון מינאס, דעם אין דער זייט־שטייענדיקן יאַפּאַנטשיק.

„כי־כי־כי" — ציט דער יאַפּאַנטשיק זיין קאָפּ אין די פּלייצעס אַריין, בייגט זיך אַראָפּ, ווי עפּעס אויפצוהייבן, גיט אַ פיר אַ פינגער איבערן האַלדז און מע ווייסט נישט צי ער מיינט דעם גנב, צי די הינער...

עס איז נאָך געווען פרי. אין די טאָלן איז נאָך געלעגן דער טומאַן; עס איז אויפגעגאַנגען אַ פּאַרע פון די גראָזן, און אויף די בלעטער פון די ביימער האָט דער טוי זיך צונויפגעקייקלט אין טרערן. פאַר דער טיר איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך בענעדיטאַ, מיטן גרויסן שטאָק אין דער האַנט. מיט אַ געלעכטערל האָט ער זיך צוגעהערט צום שמועס „מיין לאַנד, דיין לאַנד, יענעמס לאַנד".

אַ באַרוועסער, אַרומגעטוליעט אין שמאַטעס, מיט אַ צעכראַשטשעט העמד, פון אונטער וועלכער עס האָבן אַרויסגעקוקט די וואָלענע האָר־קרויזן פון זיין גרויער ברוסט; מיט קראַנקע פאַרראָפּעטע אויגן, באַ־גייסטערטע און יום־טובדיקע, ווי ער וואָלט אַנגעקוואָלן פון די בערג, פון דער סירענע, פון דעם שמועס, וואָס ווערט באַגאָסן מיט אַ „פינגע". די הויט געקנייטשט און געפאַלדעוועט אין טויזנטער קליינע שפּעלטלעך און צייכנס זיג־זאַגיקע, ווי ביי אַן אַלטן העלפאַנט. די פיס קורצע און דיקע מיט פיר־קאַנטיקע פינגער, ווי אַ וואָרצל, וואָס האָט זיך אַרויסגעסקראָבעט פון דער ערד אויפן אויבערפלאַך.

בענעדיטאַ איז געווען דער עלטסטער תושב אין דער ווילאַ. ער גע־דענקט גוט די שקלאַפעריי. מע ווייסט נישט ווער עס האָט אים דאָ איי־בערגעלאָזט אין דער ווילאַ און אַפילו וווּ ער וווינט. קומט דער פריער אָוונט פאַרשווינדט ער אין די בערג און אין דער פרי באַווייזט ער זיך פלוצלינג פון דער סירענע אַרויס, פאַרן קוואַל, צי פאַר דער ווענדע.

גאָר נאָענט צו זיך לאָזט מען אים נישט צו, — עס שפּירט זיך פון אים... אָבער מע זעט אים גערן און מע פילט זיך זיכער בעת מעשה.

קען מען זיך פאַרשטעלן די ווילאַ אין די קאַנטאַרעיראַ־בערג אָן בענע־דיטאָן? ער איז אַ רעקוויזיט־טייל פון דער לאַנדשאַפט, אַזוי ווי דער קוואַל,

אַזוי ווי די הויכע קרוין־סאָסנעס, וואָס גליווערן אויף די האָריזאָנטן פון די נאַקעטע, אָפּגעקראַכענע, מיט פעלדזן פאַרזייטע בערג.

קיין פאַמיליע־מענטש איז ער נישט און מע געדענקט נישט, צי ער האָט געהאַט אַמאָל אַ ווייב. ער שלעפּט מיט זיך תמיד אַ טאָרבע וואָרצלען, ווילדע ציטרינען, זיסע קאַרטאָפל, גרינעם טאַבאַק. מע דערלאַנגט אים, פאַר די שוועלן, אַ ביסל געקעכץ; אין דער ווענדע איז מען אים אָפּט מכבד מיט אַ טעפּל בראָנפן, א שיקרא (טעפל) קאַווע.

עס איז קיין מאָל נישט געווען קיין גנבות אין דער ווילאַ. נישט אַוועק־געקומען קיין הינדעלע, קיין טויב, קיין קאַנאַריקל. ווער שמועסט — אַ ציגל, צי אַ זעקל מיליאָ. מען האָט עס צוגעשריבן דער שכינה פון שוואַרצן בע־נעדיטאָ, ווי ער וואָלט געווען דער פאַנטיניאָ (היילקער) פון דאָרף. טייל האָבן אַפילו דערציילט, אַז ביינאַכט באַוואַכט ער דאָס דאָרף, אַראָפּלאָזנ־דיק זיך פון די בערג.

זייט עטלעכע טעג ווי די ווייבער האָבן זיך אָנגעהויבן איבערצושמועסן:

— סאָבי... זי ווייסן... דוכט זיך מיר, אַז דער געשפּרענקלטער האָן מיינער, דער ראַסאָווער, האָט זיך פאַרקליבן צו פרעמדע ווייבער... אפשר איז ער ביי דער דאָנאַ?

— אינגראַסאַדאַ! מיר פעלט מיין פערקאַל־הון! געמיינט, אַז זי איז גאָר אַוועק אויף נאַכט אין דער „שאָקרע". בין איך אַוועק אַהין, האָט מיר דער דאָנאַ אָנגעזאָגט אַ פינצטערע בשורה: אים פעלן פראַנגעס (הינדלעך).

***

אַזוי האָבן זיך די שמועסן געקייטלט, געפלאָכטן, אַריבערגעשפּרונגען פלויטן, ביז זיי האָבן זיך צעוואָקסן איבער דער גאַנצער ווילאַ און אָנ־געיאָגט אַ טויט־שרעק אויף אַלע איינוווינער:

אַ הינער־גנב!

מען האָט זיך געסודעט ביי די שוועלן, ביים דורכפאָרנדיקן ברויט־צושטעלער, אַ געפיל פון חשד האָט פאַרסמט די גוטע באַציונגען. קינדער האָבן אויפגעהערט זיך צו שפּילן מיט קינדער פון שכנים. די הינער האָבן

נישט אויפגעהערט צו פֿאַרשווינדן נאַכט נאָך נאַכט, דאָ ביי דעם, דאָ ביי יענעם.

*

צו דער ווענדע איז פּלוצלינג צוגעלאָפֿן אַ שווער־אָטעמענדיקער פּרעמ־דער מאַן, אַריינגעריסן זיך מיט פֿאַרצווייפֿלונג, אַ בלאַסער, ביז צו גרין־געל, אַנגעטאָן אין ווייסן ברין און אין האַרמאַניקע־שטיוועלעך.

נאָך אים זענען נאָכגעלאָפֿן אַ המון ווייבער, „מאַלעקעס" (שקצימלעך) און געשריגן:

„כאַפּטס אים, כאַפּטס אים, דעם הינער־גנבֿ!"

פֿון אַלע סאָבידעס און דעסידעס זענען אַרויף אויף דער עסטראַדע פֿאַר דער ווענדע די לייט פֿון דאָרף. באַמבו־שטעקנס און בייטשן האָבן געפּאַכעט אַנטקעגן דעם שרעקלעכן פֿאַרברעכער, וואָס האָט צוגערויבט זייער רו און פֿאַרגיפֿטעט די גוט־שכנישע פֿריינטשאַפֿטן. ווייבער האָבן געקוויטשעט:

— מיין געשפּרענקלטע שאַקע (קוואָקע)!

— מיין קאַראַזשאַ־האָן

— מיינע קאַטשקעלעך! ניין שטיק! — האָט איבערגעשריגן אַלע אַ יונג ווייבל מיט אַן איטאַליענישן ניגון.

אין דער ווענדע איז געוואָרן פֿול. די ווייבער האָט מען נישט אַריינ־געלאָזט. דער עולם מאַנצבילן, — זיי האָבן דורך דער צייט דעם „וואָרעם" צום צווייטן און דריטן מאָל דערהרגעט, — זענען געבליבן קאַלט צום ווייַ־בערשן טומל. אָבער אויך זיי זענען געוואָרן ערנסט.

מען האָט פֿאַרהאַקט די ווענדע, דער גנבֿ זאָל נישט אַרויס.

די ווייבער און די „מאַלעקעס" זענען נישט איינגעשטאַנען. עס האָט זיי באַהערשט אַ לינטש־פּסיכאָז.

דער פּרעמדער האָט זיך געדרייט אין קראַמפּן און קוים אַרויסגעפּליס־טערט מיט אַ פֿאַרקרומט מויל:

— קע לאַדראָן (ווער גנבֿ)... קע גאַליניאַס (וואָסערע הינער)... קע פּאַטיניאַס (וואָסערע קאַטשקעס), כ'בין נישט קיין גנבֿ!

די ווערטער זענען אַרויסגעבראָכן געוואָרן אין גוואַלטיקע יסורים. די מאַנצבילן האָבן איינגעשטילט די ווייבער:

— קעטאַ! קעטאַ (שטיל, שטיל)!

עס איז געוואָרן שטיל. ערשט איצט האָט מען דערהערט דייטלעכער זיינע אָפּגעהאַקטע רייד:

— כ׳בין פון אינטעריאָר... פון דער ראָסע (פעלד)... כ׳האָב אַ געשוויר אין מאָגן... שוין וואָכן נישט געגעסן... פאַרטראָג נישט קיין עסן... געקומען צו פוס... וויל זיך דערשלעפּן ביז סאַן־פּאַולאָ, צו אַ שפּיטאָל... זיך לאָזן אָפּערירן... אַ ווונד אין מאָגן...

— טאָ וואָס האָסטו זיך דערקליבן צו מיין הינער־שטאַל, אין מיין קינטאַל (הויף)? — איז נישט אָפּגעשטאַנען דאָס איטאַליענישע ווייבל, מיט איר זינגעוודיקן געבייזער.

— געזוכט קרייטעכצער, שיקאָריע (אַ מין וואָרצל) געזוכט... מע זאָגט סע שטילט די ווייטיקן. שיקאָריע, — האָט דער פרעמדער אַרויסגעקרעכצט. — ווער הינער, ווער קאַטשקעס? די דאָנאַ, וואָס וויל זי פון מיר?

די ווערטער זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן מיט גרויס אָנשטרענגונג, דאָס פּנים האָט זיך אים פאַרקרומט ביי יעדן וואָרט. עס איז שטיל געוואָרן צווישן די ווייבער.

— ווייז די האַנט — האָט דער אַלטער בענעדיטאָ פּלוצלינג אַרויסגעפּלאַצט און די צונויפגעדריקטע אין דער ווענדע האָבן ערשט איצט אים באַמערקט.

דער פרעמדער האָט אויסגעשטרעקט די הענט, די דלאָניעס. בענעדיטאָ האָט זיי באַטאַפּט, געפּירט זיינע קלעציקע שוואַרצע פינגער איבער יענעמס דלאָניעס, איבער די אָנגעדראָלענע אָדערן, ווי אַ כיראָמאַנט, וואָס ציילט איבער יעדן נערוו און יעדן קנייטש פון דער האַנטפלאַך. דער עולם האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם.

— ער איז נישט קיין גנב, אַ גנב האָט איידעלע הענטלעך, גלאַטינקע, גראַן־פינאָ (אַריסטאָקראַטישע), איר זעט דאָך, — און בענעדיטאָס פּנים האָט זיך נאָך מער צעשטראַלט, — זיינע הענט זענען פול מיט מאָזאָליעס!

— פון דער ראָסע, פון דער ראָסע — האָט דער פרעמדער אַרויס־געקרעכצט.

די ווייבער האָבן זיך פאַרשעמט. די „מאַליעקעס״ האָבן אין דער שטיל און הינטערווײלעכץ אַוועקגעוואָרפן די באַמבוס. די מאַנצבילן האָבן אים געשטופּט אין מויל אַריין בראָנפן, ווײן, קאָניאַק; פאַרן טישל האָט זיך באַוויזן אַ הויפן „דאָסעס״ און ווורשט. יעדער האָט אים געוואָלט מכבד זיין.

די ווייבער זענען זיך צעגאַנגען. פון אַלע מיילער, פון אַלע זייטן, פון אומעטום האָט זיך צעטראָגן:

— קויטאַדאָ, קויטאַדאָ, מאיס קויטאַדאָ (נעבעך, נעבעך, אַ גרויס רחמנות)...

דיא דאָס נאַמאָראַדאָס

(דער טאָג פון געליבטע)

ווען זשאָאַנאָ האָט איבערגעריסן מיט איר נאַמאָראַדאָ, — איבערגעריסן אויף שטענדיק, ווי זי האָט דערקלערט, — איז זי געקומען צו דער אַר־בעט כלומרשט אַ פריילעכע, מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ, אַ העלדין. קעגן די הברטעס אין ווערקשטעל, וואָס האָבן אַלע געהאַט געליבטע (נאַמאָ־ראַדאָס), האָט זשאָאַנאַ אָנגענומען אַן אַרויסרופנדע האַלטונג, כדי זיי זאָלן זי נישט מאַטערן מיט צו פיל פראַגן:

— נאָן מי אַמאָלע, פאָר פאַוואָר (לאָזט מיך צו רו, כ׳בעט אייך).

סיי ווי האָט זשאָאַנאַ ווייניק דערציילט אירע אַרבעטס־חברטעס פון איר בחור, כאָטש מען האָט ראָבערטאָן גוט געקענט. ער האָט זי דאָך אָפט אָפּ־געוואַרט ביים טויער פון דער העמדן־פאַבריק וווּ זשאָאַנאַ אַרבעט. די מיידלעך האָבן נישט געקאַרגט קיין קאָמפּלימענטן אויפן אַדרעס פון זשאָ־אַנאַס אויסדערוויילטן:

— באָניטאָן, ראַפּאַז סעריאָ (אַ שיינער, אַן ערנסטער בחור).

כאָטש צווישן זיך האָבן זיך די מיידלעך גאַנץ געשמאַק געסודעט וועגן ראָבערטאָן — וואָס איז דאָס פאַר אַ שטייגער פון אַ בחור זיך צו פירן ווי אַ מאַליעקאָ (אַ יינגל, אַ לאָבוז): קומען צעשויבערט, מיטן פולאָווער אַרי־בערגעוואָרפן איבער דער פּלייצע, אַ צעכראַשטשעטע ספּאָרט־בלוזע, מיט פראַנדזן און שנאָלן אַן עלעגאַנץ און „קאָרטעזיע", אַ שלעפּ געבן די קליינע זשאָאַנאַ מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט, אַן גראַציע און אַן פיעטעט.

ראָבערטאָ האָט אָבער געהאַט אויסערגעוויינלעכע, שעלמישע אויגן... כאָטש מיט אַ געדיכט־באַדעקטן און קיין מאָל נישט אויפגעקעמטן קאָפּ, איז

זיין פנים געווען בלוט און מילך, מיט אַ ווייכן און קינדערשן טעם און זיין גאַנצער הילוך פון אַ „וואַגאַבונד" איז געווען ראַפינירטע געמאַכטקייט, אָנשטעל.

די קלוגע זשאַאַנאַ האָט זיך פאַרשטאַנען דערויף און זי האָט אים שטאַרק געליבט דערפאַר. אָבער שפּעטער האָט זשאַאַנאַ פאַרלאַנגט מער ערנסט און מער עלעגאַנץ און העפלעכקייט, דערהויפּט אין די זונטיקן:

— מע קען מיינען אַז דו ביסט אַ וואַגאַבונד, אַ מאַלאַנדראָ (אונטערוועלטניק), אַן אַנטלאָפענער פון דער קאַדעיא (תפיסה)...

ראָבערטאָ האָט אַ וואָרף געגעבן זיין פּולאָווער אין דער לופט און געענטפערט:

— נאָן מע ענקאָמאָדע (כ'פייף אויף דער וועלט).

פונדעסטוועגן האָבן די חברטעס געהאַלטן אַז זשאַאַנאַ האָט גוט געטראָפן: ראָבערטאָ איז געווען אַ ווילער פאַרדינער און אַ גוטהאַרציקער, צוגעוואָרפן זיין שעלמיש שמייכעלע יעדן איינציקן, צי אַ בחור, צי אַ מיידל.

ווען זי איז היינט, מאָנטיק, אַריינגעקומען צו דער אַרבעט אַ ביסל פאַרשפּעטיקט, מיט אומרו אין אירע אויגן, האָט מען זי באַוואָרפן מיט פראַגעס: „וואָס איז געשען? מיטן ווולגאַרן, מאַנדאָ פלאַנטאַר באַטאַטאַס (האָסט אים געשיקט פלאַנצן קאַרטאָפל)?" אירע שאַרפע בליקן, מיט וועלכע זי האָט אָפּגעענטפערט אירע חברטעס, האָבן ווי געזאָגט: „אַ שאָד אייער נייגער; איך וועל אייך גאָרנישט דערציילן, נאָן אדיאַנטאַ (ס'וועט אייך גאָרנישט העלפן)".

האָבן זיך די מיידלעך איבערגעוווּנקען און ווייטער געפירט די געווײַנלעכע פּלוידערייען, באַרעדט די נאַמאָראַדאָס (געליבטע). איבערצורייסן מיט אַ בחור איז אַפילו נישט מי יודע וואָס. מע נעמט אַראָפּ דאָס רינגל פון דער רעכטער האַנט און... אָבער געוויינלעך איז דער ברוגז אַ קורצער און אין אַ פּאָר טעג אַרום שטאַלצירט שוין דאָס מיידל מיטן גאָלדענעם רינגל אויף ס'ניי.

זשאַאַנאַ האָט נאָך נישט געהאַט אָנגעטאָן קיין רינגל: ראָבערטאָ האָלט נישט דערפון, ער האַלט אפילו נישט פון פּאַדרע (גלח), — „ציגאַנאָ דע ראָבערטאָ (אַ ציגיינער אָט דער ראָבערטאָ)."

ביז מיט אַ צייט צוריק האָט נאָך זשאַנאַ אָראָפּגעשלונגען זיין הפקירות, אָבער מענטשן האָבן אָנגעהויבן צו ווייכן פון איר און דאָס האָט איר גע־קרענקט און ס׳איז דערגאַנגען צו אַ סקאַנדאַל.

מיט טרערן אין די אויגן האָט זי זיך געבעטן: „ראָבערטאָ, שעגא, שעגא (גענוג, גענוג)״, אויף וואָס דער לאַכנדיקער יונג האָט מיט זיין סוועטער פאַרבונדן איר די אויגן און זי געוואָרפן אין דער לופטן: „שעגא באַדא? קען דיסאָ (ווער גענוג? ווער האָט דאָס געזאָגט?) ?״

און אפשר זענען געווען נאָך אַנדערע סיבות?

***

ווען עס האָט זיך דערנענטערט „דער טאָג פון די געליבטע״, איז דער געפילדער אין דער ווערקשטעל געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט פאַרטומלט דעם גערויש פון די ניי־מאַשינען. די מיידלעך־כלות האָבן איבערגעשריגן איינס ס׳אַנדערע. און ווער איז נישט געווען קיין כלה? ווער האָט נישט געפינקלט מיטן גאָלדענעם רינגל אויף דער רעכטער האַנט?

דער געפילדער איז געווען ווען קויפן מתנות פאַר די חתנים. צו ערשט איז געווען אַ געדאַנק צו באַשטעלן אַ סטאַנדאַרט־מתנה פאַר אַלע חתנים. דאָס האָט אָבער נישט אויסגענומען, ווייל יעדער בחור האָט דאָך אַן אַנדערן כאַראַקטער...

איז געבליבן, אַז מע זאָל נעמען יעדן בחור באַזונדער און צוקלייבן פאַר אים די פּאַסיקע זאַך. גענומען און פאַרשריבן אויפן פּאַפּיר: „דער נאַמאָראַדאָ פון דעם מיידל קריגט די און די מתנה״.

זשאַנאַ האָט מוראדיק געליטן. איין־און־איינציק אין דער גאַנצער „אָפּיסינע״ פאַר וועמען מע דאַרף גאָרנישט צוקלערן... זי האָט געפילט ווי די אַרומיקע האָבן רחמנות אויף איר. זי האָט שוין געוואָלט עס זאָל זיין נאָכן האַרמידער. יעדער פרייד־אויסגעשריי פון אירס אַ חברטע האָט גע־שטאָכן אין האַרצן. זי האָט בכלל נישט געוווסט וואָס צו טאָן מיט זיך.

אפשר איז זי געווען צו אייליק אין יענעם אָוונט און צו וואָס דאָס צעשיידן זיך? זיינע בליקן פאַרפאָלגן זי די גאַנצע צייט... אוי ראָבערטאָ, ווו ביסטו איצט?...

אין דעם אָוונט, וואָס איז ערב דעם „טאָג פון געליבטן", האָט מען צונויפגעלייגט די טאָטאַלע סומע פון אַלע אויסגערעכנטע און פאַרשריבענע פּרעזענטן. אויך זשאָאַנאַ האָט צו שטייער געגעבן צו דער אַלגעמיינער סומע איינצוקויפן די זיידענע קראַוואַטן, די קראָקאָדיל־פּאָרטפעלן, די פּאַס־קעס פון פיינעם לעדער. צעהיצטע און באַגייסטערטע כלות האָבן אַרומ־גענומען און געגלעט די קליינע זשאָאַנאַ און איר פאַרזיכערט: „דיין שטערן וועט נאָך שיינען".

מען האָט אויסגעקליבן אַ דעלעגאַציע, כדי ביליקער איינצוהאַנדלען די מתנות. זשאָאַנאַ, אַ געבראָכענע, אָבער אַ שטאָלצע, ווּעלנדיק דער־שטיקן איר טרויער, האָט זיך פרייוויליק געמאָלדן אין דער דעלעגאַציע. קליין, ווי זי איז געווען, האָט זי זיך זייער רירעוודיק און מיט שכל גע־דונגען אין דעם הערן־מאַגאַזין און איינגעקויפט אַלץ, וואָס איז געווען אויף דער ליסטע.

אויפן צוגערוימטן טיש, הינטער וועלכן עס שטאַרצן אַרויס די קעפּ פון די ניי־מאַשינען, ווי לעבעדיקע ברואים, האָט מען אויסגעסדרט די מתנות:

די קראָקאָדיל־טאַש — פאַרן געליבטן פון מאַריאַ; דער שלאַנגען־פּאַסעק איז פאַר גאַבריעל, אַן אָנצוהערעניש פאַר זיין פאַלשקייט; דאָס זיידענע העמד מיטן ווייסן קראַוואַט — פאַרן חתן פון דאָנאָדינאַ, די עלטסטע שניידערקע פון דער אָפּיסינע. איצט, אויף דער שוועל פון פאַרזעסנקייט, פון ווערן אַ „סאַלטעיראָנאַ" (אַ פאַרזעסענע), האָט זיך אַלבערטאָ באַוזינען און שוין באַשטימט דעם חתונה־טערמין.

נאָכן פאַרטיילן די מתנות האָט זיך זשאָאַנאַ אַרויסגעשאַרט און אָנגע־הויבן בלאָנדזשען איבער די גאַסן. פון די שוי־פענצטערס אין די הערן־און דאַמען־מאַגאַזינען האָבן „אַרויסגעקוקט" בחנטע כלה־מיידלעך, וואָס דערלאַנגען זייערע באַשערטע מתנות, מיט אויסדרוקן, אַז דאָס האַרץ צעגייט...

רעקלאַמעס, אין פּאַטעטיש־לירישע שורות, רופן מיידלעך און בחורים אויסצוקלייבן געשאַנקען פאַר זייערע אויסדערוויילטע, עס הערן זיך ראַ־דיאָ־קולות מיט אַלערליי סענטימענטאַלע ווענדונגען און שפּרוכן.

מיט אַ מאָל איז די שטאָט פול געוואָרן מיט ליבע־אידיליע. פּאַרביקע רעקלאַמעס פון אײדעלע בתולות, גלאַנצנדיקע און פּאַרשטאַרטע, אַנגעהאַנ־ גענע אויף מענערישע העלדישע געשטאַלטן — די אויסדערוויילטע זייערע, — רופן פון אַלע ווינקלען, פון אַלע געשעפטן, אפילו פון די סלופּעס אין די גאַסן.

די מײדלשע מאַסע האָט זיך אַ ריר געטאָן... די מאַגאַזינען ווערן באַ־ לאַגערט פון באַר וואָס „אַרויסגעשפּראָצטע" כלות, נאָך גאָר יונגעטשקע קינדער. דאָ, אָפּגעזונדערט פון די יונגעטשקע שטייען די עלטערע מוידן, די „סאָלטעטיראָנאָן", די פּאַרזעסענע, — דער שרעק פון די מאַמעס — און שמועסן פאַרשעמטע.

זשאַאַנאַן האָט עס געבריט און געשטאָכן. עפּעס האָט זי מורא געהאָט פאַרן מאָרגנדיקן טאָג...

*

צו מאָרגנס, אין „טאָג פון געליבטן" איז זשאַאַנאַ נישט געקומען צו דער אַרבעט. אַנשטאָט אין פאַבריק איז זי אַוועק אין שטאָט זוכן... וועמען זוכן? זי האָט אַליין נישט געוווּסט...

די שטאָט האָט געררוישט, ווי אין אַ הינערשטייג. יונגעטשקע מיידעלעך, מיט מתנות אין די הענט, האָבן זיך געטראָגן רייען־ווייז, מחנות גאַנצע. זשאַאַנאַ איז געגאַנגען פון מאַגאַזין צו מאַגאַזין, אומעטום האָט איר גע־ שטאָכן דער געפילדער פון די האָפערדיקע און לוסטיקע מיידעלעך. אַ פּאַר־ לוירענע האָט זי געבלאָנקעט אין די גאַסן און טרערן האָבן געשטראָמט פון אירע אויגן.

מיט אַ מאָל האָט זי זיך געפונען אין ראַיאָן פון איר אַמאָליקן שפּאַציר־ טור, בעת זי איז נאָך געווען מיט ראָבערטאָן.

זשאַאַנאַס פיס ברעכן זיך... זי שטעלט זיך אָפּ, זי קען ווייטער נישט גיין.

אָט זעט זי שוין דעם באַריער פון וויאַדוקט. מיט די לעצטע כוחות, העשנדיק און וויינענדיק, דערגייט זי ביז אַהין. עס באַפאַלט זי אַ דרייסטער

געדאַנק: אַראָפּשפּרינגען... אַ ווײַלע באַהערשט זי דאָס כליפּען, און אָט איז זי שוין מיט איין פוס אויפן באַריער...

פלוצלינג לייגט איר עמעצער, הינטערווײַלעכץ, אַרויף צוויי הענט אויף אירע אויגן. זשאַנאַ רײַסט זיך אַרויס.

— אָ, ראָבערטאָ! האָט זי כליפּענדיק אַרויסגעשלוכצט — ראָבערטאָ, מעאָ סאַנטאָ... מיניא ווידא (ראָבערטאָ, הייליקער מײַנער, ראָבערטאָ, לעבן מײַנס)!

— זשאַנאַ, — כ'האָב געוווּסט, אַז מירן זיך הײַנט באַגעגענען... נאַ, אָט האָסטו דײַן מתנה, — און ראָבערטאָ טוט איר אָן אַ רינגל אויף דער רעכטער האַנט...

***

אינעם געדרענג פון דער מענטשן־מאַסע אויפן וויאַדוקט, איז דעם הויכן ראָבערטאָ און דער קלײנינקער זשאַנאַ שווערלעך אָנגעקומען צו באַהעפטן זייערע ליפּן...

זולעיקאַ און רעבעקאַ.

(פון אַ יידישער שטוב)

מיין מאַמען, אין איר ליכטיקן אָנדענק.

צווישן די יידישע באַלעבאָסטעס פון דעם באַם־רעטירער געסל איז די „טונקעלע" דינסט, זולעיקאַ, וואָס האָט געדינט ביי די רייכע הורוויצעס, געווען זייער באַליבט. זיי האָבן זיך נישט געקאָנט אָנלויבן פאַר איר ציכ־טיקייט, פאַר איר אָרנטלעכקייט, פאַר איר געטרייקייט צו דער מאַדאַם. „גאָל־דענע הענט"; „אַ דינסט — אַ ברכה צו מאַכן", „טויזנט טעם", און נאָך פון אַזאַ שטייגער ליבעבישן זענען געזאָגט געוואָרן אויף זולעיקאַס אַדרעס.

זולעיקא איז געקומען פון ערגעץ ווו פון מינאַס. געווען איז עס אַזוי:

די פרוי הורוויץ, נישט האָבנדיק מער קיין כוח אויסצוהאַלטן סיי מיט דער אַרבעט אין געשעפט און סיי מיט די „אומלויפנדע שיקסעס", — דינסטן, וואָס היינט זענען זיי דאָ און מאָרגן ערגעץ אַנדערש, — האָט זיך אָנט־שלאָסן צו זוכן אַ משרת צווישן די „נאָרטיסטן", וואָס קומען מחנותווייז, אָפגעריסענע, אָפגעשליסענע, באָרוועסע און נאַקעטע פון סאָראַקאַבאַ־סטאַ־סאָן און לויפן איבער, ווי געיאָגטע, צום „סטאַסאָן דע לוז". צווישן אָט דעם עולם האָט איר געניט אויג אָנגעמערקט צוויי פרויען, אַן אַלטע און אַ יונגע, און זי האָט פאַרקניפּט מיט זיי אַ שמועס.

פרוי הורוויץ, מיטן שאַרפן בליק פון אַ מבינטע, האָט גלייך באַמערקט, אַז דאָס זוכט די אַלטע פרוי אַ שטעל פאַר דער יונגער, אַ וואָרעם ווינקל, אַן אָפּרו און אַ דאַך. ביי דער יידישער פרוי איז ממש אויפגעגאַנגען אַ פרייד: „עס איז סחורה, ווער מיר גוטס ווינטשט"...

דאָס מיידל, אַ טונקלס, מיט אַן איידעלן, לאַנגן פנים, מיט פלוימען־

אויגן, טיף־פאַרזעצטע, האָט געמאַכט אַ רושם. זי איז געווען אַ טיפּישע פּרויען־געשטאַלט פון מינאַס: שלאַנק און מאָגער און כאָטש טונקל־הויטיק, האָט זי מער דערמאָנט אין ביבלישע פיגורן, אָדער קירכלעכע מאַדאָנעס אײדער אין אַ נעגערין אָדער אינדיאַנערין.

אַז פרוי הורוויץ האָט זי שוין געהאַט ביי זיך, האָט זי פאַרשלאָסן די טיר און גענומען אויספרעגן:

— קאָכן קענסטו?

— סי, סעניאָראַ!

— און באַקן?

— סי, סעניאָראַ!

אַלץ האָט דאָס מינאַסער מיידל געקאָנט: אי רוימען, אי וואַשן, אויף אַלץ האָט זי געענטפערט „סי סעניאָראַ".

פרוי הורוויץ האָט זיך מושווה געווען מיט דער אַלטער פרוי. געגעבן איר אַ היפּשע געלט־מתנה, אַ קלייד אָנצוטאָן און זי אַהיימגעשיקט קיין „מינאַס". זולעיקאַ איז געבליבן ביי די הורוויצעס. געאַרבעט שטיל: דאָ אין דער קיך, דאָ ביים פּלעטאייזן, ביים געשיר; נישט קיין שפּרענקעלע, נישט קיין שטויבעלע, נישט קיין פליג, נישט קיין אָפּפאַל!

די הורוויצעס האָבן געהאַט איין איינציק קינד, רעבעקאַ, אַ ווויל און געראָטן מיידל, אַ שטיל און אַ פלייסיקס. זיך געלערנט אין די פאַרנעמסטע שולן. איצט איז שוין רעבעקאַ אין ערשטן יאָר „סיענטיפיקאָ".

אַ בלאָנדע, מיט אַ רונדן קאָפּ העלע, אַ ביסל שיטערע האָר, ווי פוך, איז רעבעקאַ געווען אַ בנעימותדיק קינד און זיך זייער באַשיידן געקליידט, ווי אַ שילערין. זי האָט זיך פון דער ערשטער רגע צוגעבונדן צו דער זולעיקאַ.

איז עס דען אַ וווּנדער? ווער האָט נישט ליב געהאַט זולעיקאַן? זי האָט געזייט, ממש, גוטהאַרציקייט מיט איר צופרידענעם און גליקלעכן בליק, מיט אירע גאָלדענע הענטלעך און „בריליאַנטענע פינגער", ווי פרוי הורוויץ פלעגט זיך אָפּרופן וועגן איר דינסט.

פלעגט אָפט רעבעקאַ איבערלאָזן אירע העפטן און שטודיר־ביכער און זיך אַריינכאַפּן אין דער קיך, — די געראַמע קיך פון די רייכע הורוויר־

צעס האָט געבלאַנקט און געזילבערט, — צוצוקוקן ווי דאָס מינאַסער מיידל באַוועגט זיך אַזוי פלינק, אַזוי שוועבנדיק, ביי איר ווישן און וואַשן, ביים פוצן און רוימען און ווי זי ברומט בעת מעשה אַ באַגנדיקן ניגון פון איר „טעררא", פון די מינאַסער בערג, פון די פאַסטעכער, פון די גאָלד־זוכערס, „גארימפעיראָס", פון דעם זשאָאַן:

זשאָאַן געזוכט האָט אין דער טעררא,
געפונען זשאָאַן האָט אַ פעראָלא.
זשאָאַן געזוכט האָט אין דער גלעבא,
געפונען זשאָאַן האָט אַ מאָדעאַ.

די מטבע פאַרן פאָטער,
פאַרן אַלטן וויינער,
און די פערל פאַר זיין כלה,
פאַר דער יונגער שיינער.

❦

מיט באַוווּנדערונג פלעגט זיך רעבעקאַ צוקוקן ווי זולעיקא גרייט צו דאָס פאָפּולערע מינאַסער מאכל „עמפאַדאַס". ווי אַ מאַשינקעלע האָבן דער־מאָלט אויסגעזעצן די לאַנג־אויסגעצויגענע הענט פון דעם טונקעלן מיידל, די הענט, צעשניטענע סימעטריש אויף לאַנגע פינגער, ווי טאַשמעס...

זי האָט די פינגער נאָך לענגער אויסגעצויגן, כדי שפעטער צוזאַמענ־צופלעכטן די פינגער פון ביידע הענט, וואָס האָבן אינעווייניק געמישט קונציק, דריידלדיק, שנעל־שנעל, ווי אַ שרויף אין אַ מילעכל, און עס זענען אויפן טיש געוואַקסן, זיך געמערט די „עמפאַדאַס". זי האָט זיי אַרויסגע־וואָרפן, ווי אַ בעקער ציט אַרויס מיט אַ שויפל ברייטלעך פון אויוון.

באמת ווערט געווען רעבעקאַן איבערצורייסן איר שולאַרבעט און זיך צוקוקן צום שאַפונגס־פּראָצעס פון דעם מינאַסער מיידל...

שנעל האָט זיך זולעיקא אויסגעלערנט פון דער פרוי הורוויץ שניידן

היימישע, יידישע לאָקשן. דאָס מעסער איז געלאָפן האַרט נעבן אירע פינ־גער, אָט, דוכט זיך, שניידט זי אַריין בלויז אין דעם טייג... אָבער ווי פון אונטער אַ מעכאַנישער שנייד־מאַשין האָט זיך דאָס טייג געררוקט פאָרויס. פאָרויס און דער טיש איז פול געוואָרן מיט לאָקשן.

2.

נאָך מיטאָג. זולעיקאַ האָט שוין אָפּגעוואַשן דאָס געפעס. שוין אויפ־גערוימט, אָפּגעשטויבט, צוגעבעט. קיינער, חוץ רעבעקאַ, איז נישטאָ אין שטוב.

רעבעקאַ זיצט אַן איינגעבויגענע איבער אירע העפטן. די העל־צעלאָ־זענע און שיטערע האָר באַגילדן דאָס שרייבטישל. זי שרייבט שנעל, שנעל, אַזוי ווי זולעיקאַ פורעמט די עמפּאַדאָס, ווי זי שניידט די לאָקשן.

שטיל, נישט צו שטערן דעם מיידל, גנבעט זיך אַריין זולעיקאַ אין צימער און אַ פאַרשטעקטע הינטערן טיול, בליקט זי צום העפט פון דער „סעניאָריטאַ". אויפן ווייסן בייגעלע פּאַפּיר פליסן אַרויס „לעטראַס", קייק־לען זיך רונדיקע אותיות, מישן זיך נישט אויס... זענען אָט די „לעטראַס" אָפּגעזונדערטע איינע פון דער אַנדערער? איז פאַראַן אַ דיפערענץ צווישן זיי? זי ווייסט, אַז דאָס זענען אותיות, וואָס דערציילן, וואָס אַנטפּלעקן פון דער וועלט, פון אַמאָל, פון חלומות, אויך פון גאָט, „מעאַ דעוס"...

עס האָבן זיך איר דערמאָנט די לעטרעס פון דער קאַפּעליע אין איר שטעטל אין מינאַס. אויך דאָרט האָט דער בייגער איר געגריזשעט: וואָס שטייט אויפגעשריבן אויף דעם טירל פון דעם בית־התפילה? און וואָס איז אויפגעשריבן אויף די סלופּעס? די טעקסטן זענען איר מער אַנגעגאַנגען, ווי דער טעקסט אין די קליינע „קאַטעכיזמעס", וואָס די דאָוונערס האָבן מיטגענומען. דאָרט, האָט זי געוווסט, זענען געשריבן, געדרוקט תפילות. זיי האָט זולעיקאַ געמורמלט אויסנווייניק, ווייל דער „פּאַדרע" האָט זיי איינגעחזרט מיט די מיידלעך יעדן זונטיק. אָבער די געשריבענע צעטעלעך האָט זי נישט פאַרשטאַנען.

אַ הונגער נעמט גריזשען זולעיקאַן... אין שאַפע, ביי רעבעקאַן, שטייען אַזוי פיל ביכער. יעדעס מאָל, ווען זי רייניקט זיי, ווישט פון זיי דעם שטויב

כאַפּט זי בגניבה אַ קוק אינעווייניק. זי האָט מורא לאַנג זיך אָפּצושטעלן, לאַנג צו קוקן אויף די בילדער, וואָס זי טרעפט אין די בלעטער. זי האָט מורא פאַר דער סעניאָריטע און אויך פאַר די אומבאַקאַנטע כוחות, וואָס עס פאַרמאָגן אין זיך די „לעטראָס". זי האָט מורא, אַז דאָס זענען צייכנס, וואָס קענען זי פאַרפירן... אָבער דער דורשט און דער הונגער צו פאַר־שטיין איז שטאַרקער פון דעם פחד־געפיל און זי וואָלט געוואָלט אויפ־עפענען די געדרייטע „לעטראַס", זיי דערקענען און, אפשר „סע דעוס קיזער", — אַליין זיי שאַפן...

אָבער לאַנג האָט זיך זולעיקא נישט געקאָנט פאַרזוימען אין מיידלשן צימער. די „דאָנאָס" קומען אַהיים נאָכן שליסן דאָס געשעפט. די שעה איז שוין נאָענט. זי מוז צוגרייטן דעם זשאַנטאר. לויפט זי שנעל צום אייזקאַסטן און טוט איר אַרבעט. דער אָוונט איז שוין אַ פאַרנומענער: דערלאַנגען, וואַשן, אויפרוימען. קיינער העלפט איר נישט. רעבעקאַ וויל איר העלפן, לאָזט זי נישט די מאַמע.

ביינאַכט, אין איר קליין צימערל, שטייען איר די לעטרעס פאַר די אויגן און שטערן איר דעם שלאָף. זיי שטעלן זיך אויס שאַרף און שפּיציק ווי אין דער קאַפּעליע, אין איר דאָרף.

*****

זולעיקא פאַרטראַכט עפּעס: זיך דערמאָנט אַ ניי מאכל, וואָס זי האָט נאָך ביז איצט נישט געוויזן רעבעקאַן, „פּאָמיניאַ". זי רופט אַריין רעבע־קאַן אין קיך און גרייט צו דעם פּרימיטיוון נאַש פון די מינאַסער: אַ גע־קעכץ פון מיליאָ.

זולעיקא נעמט זיך אָן מיט קוראַזש און אַ פאַרשעמטע, אַ נישט־דרייסטע, ווענדעט זי זיך צו דער סעניאָריטאַ:

— זאָל מיר די סעניאָריטאַ אויסלערנען די „לעטרעס", שרייבן און לייענען, וועל איך איר אויסלערנען אַלע מינאַסער מאכלים... די עמפּאַדאַס, פּאָמיניאַס, די מאַקאַראָנאַס...

מיט פֿאַרגעניגן האָט זיך רעבעקא דערצו גענומען. וויפֿל מאָל האָט זי געוואָלט בעטן זולעיקאַן, זי זאָל איר ווייזן אירע מאַגישע קונצן ביי די לאָקשן, ביי די עמפּאַדאַס... איצט האָט זי מיט חשק באַגעגנט זולעיקאַס בקשה.

יעדן נאָכמיטאָג, בסוד, די פּרוי הורוויץ זאָל נישט געוווּיר ווערן, האָט זי, צו ערשט מיט קרייד אויפֿן טאָוול און שפּעטער מיט טינט אויף פּאַפּיר, געצייכנט די „לעטרעס". צוויי מיידלעך, צוויי מיידלשע קעפּ האָבן זיך געבויגן איבער דעם שרייבטיש, איבערן העפט. די שוואַרצע, פּעטע האָר פֿון זולעיקאַן האָבן זיך אַריינגעפּלאָנטערט אין די גאָלד־זוניקע הער־רעלעך, די פּוכיקע, פֿון רעבעקאַן. עס האָט זולעיקאַן געבריט דער באַריר פֿון אַט די צאַרטע, גאָלדענע הערעלעך...

זולעיקא איז געווען אַ גוטע שילערין. שנעל תופס געווען די קלאַנגען און זייערע צייכנס. אין דעם קורצן נאָכמיטאָג, דאָס האַלבע שעהלע, זיך איינגעחזרט דעם אלף־בית, די ציפֿערן. אין אַ חודש אַרום האָט זי שוין גע־לייענט אַ זייטעלע פֿון אַ כרעסטאָמאַטיע און אין די נעכט, אַ פֿאַרשלאָסענע אין איר מיניאַטור־צימערל, האָט זי פֿאַרפּאַסט די ערשטע שורות פֿון אַ בריוו אַהיים, צו דער מאַמען...

זי האָט מער נישט אַרויסגעוואָרפֿן אין מיסט געניצטע „רעוויסטאַס". דאָס שטיבל אירס איז פֿול געוואָרן מיט זשורנאַלן, מיט ביכער. זי האָט דורשטיק געשלונגען אַ געדרוקטן וואָרט, אומעטום, אויף די רעקלאַמעס פֿון די פּראָדוקטן, אויף די שילדן. ווען רעבעקאַ האָט זי איין מאָל גענומען אין סינעמאַ, האָט זי שוין געוווּסט ווי איבערצולייענען די אויפֿשריפֿטן.

אַנדערש, גאָר שווער איז עס צוגעגאַנגען ביי רעבעקאַן, נעבעך... וויפֿל מאָל זי האָט געוואָלט נאָכמאַכן זולעיקאַן, איז עס איר נישט געלונגען. אויף אירע ווייסינקע און פּוכינקע פֿינגער פֿלעגן בלייבן קלעפּן דאָס טייג־געבעך, דאָס שמירעכץ, דער אייל. ס'פֿלעגט ווערן אַ בלאָטקעלע, אַ פּאַטשקע. זולעיקאַ פֿלעגט בעת מעשה שטיין אין אַ זייט, מיט דרך ארץ צו דער סעניאָריטאַ, און איר דערלאַנגען אַ האַנטעך אָפּצווישן דאָס קלעפּיקע טייג, דאָס צעהאַקטע פֿלייש פֿון די „עמפּאַדאַס" און מיט אַ שמייכל זי טרייסטן:

— דעוואַגאַר, דעוואגאר, מיט דער צייט וועט זיך די סעניאָריטאַ אויס־לערנען. קאָם סערטעזא...

רעבעקאַ פלעגט אַ פאַרצוויפלטע באַטראַכטן איר פאַרשמירטע בלוזקע, און אָפלעקנדיק אירע פאַרקלעפּטע פינגער ענטפערן:

— נונקא, נונקא...

*

עס האָט זיך באַוויזן ביי דער זולעיקא אַ בחור, אויך אַ האַלב־טונקע־לער. אין איר צימער איז געוואָרן אָנגעהויפט אַ שטויס רעוויסטאַס; זי האָט זיי שנעל געבלעטערט, פונקט אַזוי שנעל ווי זי פלעגט אַרויסוואַרפן די עמ־פּאַדאַס... געטייטלט פאַרן קאַוואַליער דאָ אויף אַ בילד, דאָרט אויף אַ צייכענונג, נאָכגעקוקט דעם רעפּערטואַר פון די סינעמאַס.

אויך ביי רעבעקאַן, דער טאָכטער פון די רייכע הורוויצעס, האָבן זיך באַוויזן בחורים. קיין עמפּאַדאַס, קיין לאָקשן שניידן, האָט זי שוין נישט באַוויזן זיך אויסצולערנען...

א מולאטקע.

זשיימע האָט פאַרהאַקט די אייזערנע טירן פון זיין מעבל־געשעפט אויף אַלע זיבן שלעסער זעקס אַ זייגער פאַרנאַכט, פאַר דער צייט, נישט ווי ער איז זיך נוהג געווען תמיד, — צו פאַרבלייבן מיטן פאַק שליסלען אין האַנט אויפן שוועל פון געשעפט, טאָמער וועט נאָך אַ פאַרשפּעטיקטער קונה געבן עפּעס צו לייזן, אָדער באַצאָלן אַ „פּרעסטאַסאָן".

ער איז גלייך אַרויף אין שטוב. אין די גרויסע סאַלעס, וואָס ציען זיך לענג־אויס און זענען אָפּגעטיילט מיט גלעזערנע טירן, האָט געהערשט אַ שטילקייט, אַ ליידיקייט. דאָראַ, זיין ווייב, מיטן זון, וואָס האָט נאָר וואָס, אַזאַ יונגעטשקער, פאַרענדיקט די אוניווערזיטעט און וואָס מען האָט דער־פאַר זיי, טאַטע־מאַמע, אָנגעווינטשעוועט אין די צייטונגען און אין דער יידישער ראַדיאָ־שעה, — זענען אַוועק אין די בעדער. זאָל זי קומען צווישן מענטשן מיט איר געראָטענעם זון, אפשר וועט זיך טרעפן אַ לייטישער שידוך, ווי עס איז איר געלונגען מיט די צוויי טעכטער, די גליקלעך־אויס־געגעבענע אין לייטישע יידישע הייזער.

די שוואַרצע דינסט האָט נאָך די מאַדאַם באַצייטנס אַוועקגעשיקט און איר אָנגעזאָגט צוריקצוקומען ערשט דאַן, ווען זי וועט שוין זיין אין דער היים.

ער איז איצט איינער אַליין.

דער פופציק־יעריקער זשיימע פילט זיך נאָך יונג, בחוריש. ער איז איצט פריי, ווי נאָר וואָס פון אַ טורמע אַרויס, ווי פון קייטן אַוועק.

געשווינד טוישן זיך ביי אים די געדאַנקען: פאָרן אין רעסטאָראַן, וואָס אין צענטער שטאָט, — איז אַ פאַרלוסט פון צוויי שעה. בעסער געבן

דאָ אַ כאַפּ פון די שריים, וואָס אין דער זשעלאַדעירע. ער וועט האָבן אַ פולן אונטש פריי!

אין מיטן שלוקן דעם הייסן טיי דערהערט ער אַ קלונג.

זשיימע, צולויפנדיק צו די טרעפּ, זעט דורכן טיר־גלאָז אַ רויטלעך גע־וואַנט: אַ סימן פון אַ פרויען־קלייד. די רויטע פאַרב, אַ כוואַליענדיקע דורך די שויבן פון דער טיר, האָט אים אַ רייץ־געטאָן...

יינגלעריש פלינק גליטשט ער זיך שנעל אַראָפּ מיטן פאַרענטש און עפנט: יאָ, אַ פרוי. אומגעריכט, די דאָנא בענעדיטא.

די דאָנאַ בענעדיטא פלעגט אים תמיד באַאומרויקן... אַן אָרעמע פרוי, אַ פאַבריק־אַרבעטאָרין, צי אַ וועשין, אַ מאַמע פון אַן אונטערגעוואַקסע־נער טאָכטער, איז זי זיינע אַ קונהטע שוין פון יאָרן און זי פלעגט אַריינ־קומען אין געשעפט אַפילו דאַן, ווען זי האָט נישט געהאַט וואָס צו קויפן און איז אים גאָרנישט שולדיק געווען. אין די ענגע דורכגענג פון דעם מעבל־געשעפט איז זשיימען געווען אַזוי וואַרעם צו שמועסן פנים אל פנים מיט איר...

בעת דאָנא בענעדיטא פלעגט אַריינקומען אין געשעפט מיט איר מיידל, איז עס געווען ווי צוויי שוועסטער, אפילו ווי צווילינגס־שוועסטער. וואָס אַ מאָל איז דער חילוק צווישן דער מאַמע און טאָכטער געוואָרן קלענער. דאָנא בענעדיטא, הגם אַן אַרבעטערין, אַ וועשין, האָט איינגעהאַלטן איר יוגנט. שלאַנק און בייגעוודיק, אַ קליין ביסל נעגעריש, פון אַ מישונג, אפשר מיט דורות צוריק האָט זיך דאָס נעגערישע קאָנצענטרירט אין דער געגנט פון אירע אויגן און ברעמען. די שוואַרצקייט האָט זיך אויסגעשפּרייט ווי שאָטנס, אַ ביסל נידעריקער, און דאָס האָט באַצירט איר איידל פנים.

פון אירע בליקן האָט געטליעט אַ נישט־אויסגעלאָשענער לעבנס־חשק, וואָס האָט מיטגעשטימט מיט איר מילד, ווייך און תמיד פריינטלעך פנים. דאָנא בענעדיטא האָט געהערט צו יענע גוט־געזעענע, ליבע און אָנגענעמע מענטשן, מיט וועלכע ס׳איז אַ מחיה צו טוישן אַ וואָרט, אַ בליק.

יאָרן־לאַנג ווי זי איז אַ קונהטע ביי זשיימען, ווען זי פלעגט פאַרלאָזן דאָס געשעפט, פלעגט ער האָבן אָפּט חשק זי נאָכצויאָגן, זי איינהאַלטן.

זשיימע פלעגט זיך אָבער איינהאַלטן און באַהערשן, נישט אויפצופירן זיך ווי אַ ייִנגל, חלילה...

און אָט שטייט זי איצט, די דאָנא בענעדיטא, אָן איר טאָכטער־„שוועס־טער" אויף די טרעפּ פון זיין שטוב, מיטן ווייסן קאַרטאָן און אָפענעם בייטל, גלייך צו צאָלן.

— אָ! קאַמאָ וואי, דאָנא בענעדיטאַ?! קום אַרויף אין שטוב, ערשט די מינוט פאַרמאַכט דאָס געשעפט, — פאַרנויגט זיך זשיימע טיפער ווי געוויינלעך און דערלאַנגט איר וואַרעם און קוועטשנדיק די האַנט. — איך בין געבליבן אַליין, — שיסט פלוצלינג אַרויס זשיימע, — מיין פאַמיליע איז אַוועק...

זשיימע נעמט אָן די דאָנאַ בענעדיטאביים וויי‌כן אָרעם און פירט זי אַרויף אויף די מיט פּליוש־באַשלאָגענע טרעפּ, אַזוי ווי מען פירט אַריין אַן איינגעלאַדענעם גאַסט, אויף וועלכן מען האָט שוין פריער געהאַט גע־וואַרט.

דאָנאַ בענעדיטא, אַ פאַרגאַפטע פון דער שטוביקער רייכקייט, איז קענטיק צעטומלט פון סעניאָר זשיימעס דערקלערונג, פון זיינע אומגעריכטע רייד. אירע שוואַרצע, ציגיינערישע אויגן פינקלען, און די שאָטנס אַרום אירע אויגן פאַרגרעסערן זיך.

זשיימע איילט זיך נישט צו דערליידיקן דעם קאַרטאָן, צו נעמען דאָס געלט, ער געפינט נישט קיין פעדער, ער קען נישט באַרעכענען. לסוף נעמט ער זיך אָן מיט קוראַזש און, איינהאַלטנדיק דעם קאַרטאָן, זאָגט ער שטיל:

— אפשר סערווירן אַ קאַוועלע, דאָנא בענעדיטא?...

די ראָז־בלאַסע פאַרב פון איר פּנים ווערט ציגעל־רויט און דער פלעק פון די אויגן־שאָטנס ברייטערט זיך אויס, פאַרדעקנדיק כמעט די אויגן־פאַרטיפונגען. זי קנייטשט איין דעם קאַרטאָן, שטופּט עס אין בייטל אַריין און געזעגנט זיך:

— אַ דאַנק, אָטעלאַגאַ, — און זוכט די טרעפּ צום אַרויסגאַנג.

זשיימע באַגלייט זי נישט מער ביז אַראָפּ צו דער טיר, נאָר ווייזט איר אָן:

— אַט־אָ דאָ. וועסט וויסן ווי זי צו עפענען ? — זיין קול איז טרוקן און עס דוכט זיך אים, אַז זאַמד איז געבליבן שטעקן אין דער קעל.

שנעל איז דאָס רויט פון איר קלייד פאַרשווונדן אויף יענער זייט גלאָז־טיר. זשיימע בלייבט ווידער אַליין. דאָס ברויט און דאָס רעשטל טיי האָט שוין דעם טעם פון ליים און ער קען עס נישט אַראָפּשלינגען. עפּעס האָט ער נישט קיין צונג, נאָר אַ שטיק לעדער אין מויל. „החיים והמות ביד הלשון", — דערמאָנט ער זיך דעם באַקאַנטן פּזמון.

איצט וויל ער זיך דערמאָנען, ווער איז דער מאַן פון אָט דער בענע־דיטאָ : נישט אַמאָל יענער קאָמפּאַקטער, אימפּעטפּולער פוטבאָל־פּראָפּעסיאָ־נאַל ?... אָט דער, וואָס האָט אַמאָל געזאָגט צו אים באַפּעלעריש : „נאַ, נעם דאָס געלט, איך האָב זיך פּיינט צו דינגען ?" ער הערט נאָך איצט דעם אָפּקלאַנג פון זיינע רייד...

בולט און בולטער דערשיינט פאַר אים אָט דער קרעפּטיקער גוי. דער רוצחדיקער גוי. זשיימען ווערט קאַלט און וואַרעם.

ער לויפט אַראָפּ אין גאַס, אפשר וועט ער נאָך טרעפן די דאָנאַ בענע־דיטאָ און מיט אַנדערע רייד פאַרווישן די פריערדיקע. ער איז זיכער, אַז זי האָט זיי אויסגעטייטשט טאַקע ווי ער האָט געצילט, אַז זי האָט פאַר־שטאַנען זיין כוונה... ער קען נאָך פאַרבעסערן, זיך אַנטשולדיקן. ביי דער אויטאָבוס־סטאַציע האָט ער זי שוין מער נישט געטראָפן.

בעסער פאָרן איצט אין שטאָט, נאָר נישט פאַרבלייבן אין דער היים...

אויפן וועג, זיצנדיק אין אויטאָבוס, קען ער זיך נישט מוחל זיין : צוליב רייד, וואָס האָבן געדויערט אַ האַלבע מינוט, איז איבערגעפּירט געוואָרן זיין גאַנץ לעבן. מע וועט אים רופן אין פּאָליציי. דאָס איז קודם־כל, און גאַנץ באַשטימט. די צייטונגען וועלן שרייבן : „אַן אויסלענדער, — אפשר נאָך אַ זשודעאָ, — פאַרנאַרט אין זיין רייכער שטוב אַ באַשיידענע און ערלעכע פרוי, אַ מאַמע פון אַ כלה־טאָכטער". אָט אַנומלט ערשט, איז געווען אַן ענלעכע נאָטיץ קעגן אַ יידישן באַלעבאָס, אויך אַ מעבל־סוחר, כאָטש יידן־שכנים שווערן זיך, אַז עס איז אַ בילבול פון אַ גוי לגבי אַ רייכן זשודעאָ. אויך ער וועט איצט זיין אַ קרבן פון אַ כסדרדיקן שאַנטאַזש. דער

מאַן אירער, דער פוטבאַליסט, וועט שלעפּן און שלעפּן, ציען און ציען פון אים, דעם זשודעאַ, וואָס האָט חשק געהאַט צו זיין ווייב.

זשיימע פאַרקערעוועט צו דער שול „אהבת ישראל״, פון זיינע לאַנדס־לייט. שוין אַ צייט ווי ער קומט נישט צו די זיצונגען פון דער „קאָמיסיאָן״, היינט, דאָנערשטיק, איז די זיצונג.

זשיימע איז געזעסן ביים טיש און אים האָט זיך געדוכט, אַז אויף זיין שטערן איז אויפגעשריבן: מולאַטקע... מען האָט געשמועסט וועגן דעם אַנאָנסירטן חזן, אין וועלכע שטעט און ווו ער האָט שוין געהאַט געדאַוונט. ווען מען האָט ביי זשיימען אָנגעפרעגט זיין „אָפּיניאָן״, האָט ער אויף ס'ניי דערשפּירט דעם טרוקענעם זאַמד אין דער קעל.

עס איז זיין לעצטע זיצונג. זיין געזעלשאַפטלעכע קאַריערע אין דער שול און אין דער באַנק, אויך אין פאַריין פון די קאָמערסאַנטן, איז פאַר־ענדיקט. פאַרענדיקט, נאָך דעם ווי ער איז אַזוי ווונדערלעך אויפגעשטיגן.

זשיימע שטעלט זיך אַליין אַ פראַגע: נו, און טאַטע? עס נעמט אים שטיקן אין האַלדז, דאָ ביים גרינעם טיש. ווי האָט ער געקאָנט אַזוי פאַר־שעמען זיין נאָר וואָס דיפּלאָמירטן זון, די בלום פון זיין משפחה, דעם שפיגל? און די צוויי טעכטער, וואָס זענען אַזוי יחוסדיק אַריינגעפלאָכטן געוואָרן אין דער „סאָסיעדאַדע״?

און ווי שווער איז אָנגעקומען דאָס אַרויפדראַפּען זיך, זייט ער איז אָנ־געקומען קיין בראַזיל... פּרטים פון זיין שווער לעבן טויכן איצט אויף אין זיין זכרון, איצט, ביים ראַנד פון אָפּגרונט... אוועגדעדאַר ביי יענעם... דער־נאָך אַ קלאַפּער פאַר זיך... דאָס ערשטע פאַבריקל פון קאַלשאָנעו... ביז ער איז אויסגעוואַקסן צו „קאזא רעי דאָס מאָוועיס״ (דאָס הויז „דער מלך פון מעבל״)...

די מיטזיצערס חידושן זיך וואָס זייער שטענדיק־פריילעכער און באַ־רעדעוודיקער זשיימע, דער וויצלער, איז פאַרזונקען אין זייטיקע רעיונות, נישט צוהערנדיק זיך צום ענין חזן. זשיימען דוכט זיך, אַז זיי וויסן שוין אַלע פון דער קאַטאַסטראָפע. ער זעט עס בחוש, פון זייערע פּנימער. אָן שום ספק: זיי פילן אים מיט, „געווען אַ ווילער ייד, דער זשיימע. נעבעך, אַריינגעפאַלן״.

ווען ער איז אין דער שפּעטער נאַכט־שעה אַהיימגעפאָרן האָט ער פון דער ווייטנס דייטלעך געזען אַ געזעמל ביי דער אַראָפּגעלאָזטער טיר פון זיין געשעפט, דאָס צענטראַלסטע אין גאַס, דאָס פּאָפּולערסטע אין ביירא. איצט קאָמענטירט מען, זעט אויס, זיין האַנדלונג, פּונקט ווי דעמאָלט דעם פאַל מיטן קצב, וואָס האָט געהאַט פאַרפאָלגט אַן אשת איש און וואָס האָט געכאַפּט אַ פּסק, שיר נישט געלינטשט געוואָרן, טאַקע דאָ, נישט ווייט פון זיינעם, זשיימעס, געשעפט... יאָ, דייטלעך זעט ער פלעקן, שאָטנס ביי די ווינקלען פון זיין געשעפט, דער ווייסער געביידע.

זשיימע, מיטן אויסגעטועטנעם רעקל אין האַנט, גרייט אויף אַלץ, איז אַראָפּגעשפּרונגען פון אויטאָבוס און זיך געלאָזט צו זיין הויז, צו די שוואַרצע סילועטן, וואָס ביי זיין געשעפט.

אַרום איז געווען אויסגעשפּרייט אַ שוואַרצע, נאַכטיקע פּוסטקייט. בלויז אַ פּאַפּירל, געטריבן פון ווינט, האָט שטיל געשאָרשעט.

דער שליסל אין דעם טיר־שלאָס האָט געסקראָבעט, ווי אַן אויסגעטריי־קנטער ביין...

ר אַ ס ע

(אַ דערמאָנונג פון יענע צייטן)

אויפן פּאַרלאָזענעם וועג, אגוא פונדא, צווישן די קאָנטאַרעיראַ־בערג, איז געשטאַנען אַ טאָפּלט הייזל. ס׳האָבן דאָרט געוווינט צוויי דייטשע פאַמיליעס. מיט איינער בין איך געווען באַקאַנט, כמעט ווי באַפריינדעט.

דעם דייטש האָט מען גערופן פּאַולאָ. ער איז געווען אַן אויסגעדינטער שיפסקאַפּיטאַן. דרייסיק יאָר נאָכאַנאַנד האָט ער געדינט אין עפּעס אַ ראָט־שילד־קאָמפּאַניע אויפן טייך ריאָ נעגראָ. ער האָט אָפּגעשפּאָרט פון זיינע דריי צענדליק יאָרן אַרבעט אַ היפּשע סומע, 30 טויזנט פונט שטערלינג, וועלכע ער האָט דעפּאָזיטירט אין דער ענגלישער מלוכה־באַנק און געלעבט ברווח פון די צינדזן פון אָט דעם קאַפּיטאַל.

איך האָב געהאַט געשלאָסן קאָנטשאַפט מיט אים אויפן געוויינלעכן שטייגער פון אַ „קלאָפּער": געפּאַטשט הילכיק אין די דלאָניעס, ביז עס האָט זיך באַוויזן עמעצער פון הויז. דאָס מאָל איז עס געווען אַ מאַנצביל. ער האָט גלייך געפרעגט אויף דייטש, דווקא אַן רוגזה, ווי עס איז דער שטייגער, ווען עס באַווייזט זיך אָנשטאָט דער באַלעבאָסטע, דער באַלעבאָס:

— וואָס ווינטשט זיך דער הער?

כ׳מאַך אַן אָנשטעל, אַז כ׳פאַרשטיי נישט קיין דייטש און איך אָנגעוויזן אויפן פּעקל העמדער, הויזן, שירעמס. דער באַלעבאָס, פאַרבעטנדיק מיך אין הויז, האָט מיר דערלאַנגט אָפן און פריינטלעך די האַנט און זיך פאָרגעשטעלט:

— פּאַול האַאַזע, פּענסיאָנירטער שיפסקאַפּיטאַן.

ער האָט אָפּגעקליבן אייניקע העמדער, אַ שירעם, באַצאָלט דאָס גע־

באַטענע געלט און גלייך באַשטעלט ביי מיר צוויי אָנצוגלעך פאַר אַכט־צען־יעריקע ייִנגלעך, זיינע זין.

איך האָב זיך אַרומגעקוקט: אַ פוסטע שטוב, אַ ליימענע פאָדלאָגע, אָבער אַרום די נישט־באַמאַלטע ווענט זענען געהאָנגען פּאָליצעס פון נישט געהובליעוועטע ברעטער און אויף די פּאָליצעס — ביכער, זייער פיל ביכער.

דער דייטש גופא איז געווען אַ בעל־גוף, אַ שווער־לייביקער מיט אַ רויט־אָנגעלאָפן געזיכט. אַ שיכור־נאָז מיט אַ בראָדעווקע אין דער מיט.

פון אַ זייטיקער טיר האָט אַריינגעקוקט אַ גרויסער קאָפּ מיט אַ פּנים פון אַ דערשטוינטער סאָווע. דער סעניאָר פּאַולאָ, ווענדנדיק זיך צו מיר, האָט מעכאַניש אַרויסגערעדט:

— דאָס איז מיין ווייב: אַ באָליוויאַנערין. זי געבערענגט פון אמאזאָנאַס־געביט. קען נישט קיין דייטש און נישט קיין פּאָרטוגעזיש.

פון יענעם טאָג אָן האָב איך זיך נענטער באַקענט און באַפריינדעט מיטן דייטש. אייגנטלעך, פאַרקערט: דער דייטש האָט זיך באַפריינדעט מיט מיר, דעם ייִדישן „הויזירער". פון מיין זייט זענען די באַציונגען מיט אָט דעם שפּעדיקן קונה געווען באַגרענעצט ביז ריין־קאָמערציעלע עסקים. אָבער עס איז נישט געווען אַזוי פּשוט.

וואָס אָן אמת, זענען מיר זיינע באַשטעלונגען זייער צו נוץ געקומען. איך האָב זיי געקריגן אויף אַ לאַנגן קרעדיט און דער דייטש האָט זיי מיר גלייך געסילוקט. פאַר אַ קלאַפּער־אָנהייבער, וואָס ליידט שטאַרק פון מאַנגל אין די מזומנים, איז עס אַ גרויסע הילף.

דער דייטש האָט כסדר באַשטעלט מענער־אַרטיקלען. קיין מאָל נישט פאַרן ווייב, וואָס ער האָט געבראַכט פון אַמאַזאָנאַס, — גערעדט וועגן איר האָט ער תמיד ווי וועגן אַן עקזאָטישער חיה פון דער טראָפּיק, הגם זי איז געווען די מאַמע פון זיינע צוויי בני־זקונים. איך האָב געהאַט די מעג־לעכקייט צו באַמערקן, אַז זי איז געווען מער דינסט און שקלאַפין, ווי ווייב. אָבער נישט דאָס איז געווען מיין דאגה.

אַז איך פלעג ברענגען די „ענקאָמענדאָס", פלעגט דער דייטש גלייך באַצאָלן דאָס געבעטענע געלט. פאַר אָט דער גרויסצוגיקייט האָט ער אָבער,

— צו נישט מאַכנדיק מיין איילעניש, — פאַרלאַנגט אַ טובה: זיך פונאַנ־דערשמועסן מיט מיר. עס זאָגט זיך אַזוי „שמועסן". אין עצם האָט גע־רעדט נאָר ער, דער דייטש.

אין משך פון אייניקע וואָכן האָב איך שוין געוווּסט זיין גאַנצע ביאָ־גראַפיע: אַ האַמבורגער, געענדיקט אַ ים־שול, געאַרבעט אויף שיפן פון באַרימטע שיף־אייגנטימער, יידן, — דאָס האָט ער באַזונדערס אונטער־געשטראָכן, — ביז ער איז אַנגאַזשירט געוואָרן פון ראָטשילדס אַ גומי־קאָמ־פּאַניע צו פירן טראַנספּאָרטן פון די פּלאַנטאַציעס ביז צו די עקספּאָרט־פּאָרטן.

דער דייטש פּאַולאָ האָט תמיד געליבט יידן. געהאַט אַ „פול מויל מיט זאָפט", ממש, ווען ער האָט דערמאָנט זייערע נעמען: ערלעכע, קאָלעגיאַלע באַלעבאַטים; גוטע, אונטערנעמערישע, קולטורעלע אָרגאַניזאַטאָרן, פעיקע, עקספּאַנסיווע.

ער איז נישט געווען קיין דאָרפישער איגנאָראַנט, דער דייטש. ווי ער וואָלט געווען אַליין אַ ייד, האָט ער דערציילט מיט שטאָלץ וועגן דייטש־לאַנדס יידן; אָנגערופן אַ היפשע צאָל ים־פאָרשערס, אַפריקע־אַנטדעקערס, טראָפּיק־מעדיקערס, — אַלץ נעמען פון ספּעציעלע געביטן, וואָס זענען דער עפנטלעכקייט ווייניק באַוווּסט. כידוע, זענען די יידישע נעמען פון דער פּאָליטיק, ווירטשאַפט און ליטעראַטור פּאָפּולער. מיין דייטש האָט מיר אויפגעוויזן, וואָסער ברכה און וויפל פּרעסטיזש די יידן פון דעם ים און פון דער טראָפּיק האָבן פאַרשאַפט זייער פאָטערלאַנד, דייטשלאַנד. פון אייניקע האָט ער געהאַט בילדער; וועגן אַנדערע האָט ער מיר פאָרגעלייענט פון זיינע ענציקלאָפּעדיעס און געאָגראַפישע צייטשריפטן, פון ווילהעלמישן פעריאָד נאָך.

אָט דעם קאָנטאַקט מיטן דייטש האָב איך אָנגעהאַלטן אין סוף פון די דרייסיקער יאָרן, בעתן היטלער־משוגעת, וואָס האָט זיך אויך געהאַט אי־בערגעטראָגן אַהער, קיין בראַזיל.

די היגע דייטשן, וואָס פריער זענען זיי געווען לרוב סאָציאַל־דעמאָ־קראַטן, צי סתם אומשולדיקע מוזיק־ליבהאָבערס און ספּאָרטלערס, — זענען

אַלע, ווי דורך נאַכט, סטאַנדאַרטיזירט געוואָרן, „גלייכגעשאַלטעט", און ווי אויף אַ קאָמאַנדע־רוף, היטלעריזירט.

איז עס פאַר מיר געווען, וואָס אַן אמת, אַ שטיקל פאַרגיטיקונג און פאַרגלעטונג, אָט דאָס פּאַטעטישע השתפכות־הנפש פון פּאַולאָ. קיין שום חניפה און פאַלשקייט האָב איך ביי אים נישט באַמערקט. צו וואָס האָט דער אויסגעדינטער ים־מענטש, מיטן באַליוויאַנער האַלב־ווילדן ווייב, וואָס ער האָט זיך איינגעשאַפן אויף דער עלטער, — געדאַרפט זוכן פריינט־שאַפט ביי אַ פּוילישן ייד, אַ „קלאַפּער", וואָס הויזירט איבער די פאַר־וואָרפענע וועגן פון די קאָנטאַרעיראַ־בערג? צוליב זיינע 30 טויזנט פונט, דעפּאָזירטע אין דער ענגלישער באַנק? מישטיינס געזאָגט, מיין השפעה אין די פּאָליטישע קרייזן פון דער ענגלישער אימפּעריע...

ביז איך געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז פּאַולאָ איז איינער פון די געציילטע דייטשן, וועלכע זענען נישט מיטגעריסן געוואָרן מיט דער היטלער־היסטעריע, כאָטש ער האָט קיין מאָל נישט באַרירט אין זיינע לאַנגע טיראַדעס ענינים פון דער אַקטואַליטעט און נישט פּורש־בשמו געווען דעם נאָמען פון ימח שמו.

עס איז טאַקע געהאַנגען איבער אים די סכנה, אַז די ענגלענדער וועלן קאָנפיסקירן זיין געלט, ווי פון אַ דייטשן בירגער. ער האָט געהאַט זיין אָפּגעשפּאָרט און ערלעך פאַרהאָרעוועט געלט פאַרטרויט די ענגלענדער, כאָטש ער איז געווען דורך און דורך אַ שונא זייערער. פון זיין אוניווער־סאַלער פּראַקטיק האָט ער געקענט די סטאַבילקייט פון דער ענגלישער באַנק, „באַנק אָף לאָנדאָן", וואָס האָט פיל איבערגעשטיגן די בענק פון זיין דייטשלאַנד, איבערהויפּט זינט מען האָט באַזייטיקט דעם יידישן קאָנטראָל איבער זיי... פונדעסטוועגן האָב איך אַרויסגעפילט פּאַטריאָטיזם מצד אים פאַר זיין פאָטערלאַנד, אָבער אין היסטאָרישן זין בלויז.

איין מאָל האָב איך אָנגעטראָפן מיין באַרעדעוודיקן פּאַולאָ אין אַ שלעכט געמיט. דאָס איז געווען בעת דער באַוווּסטער ים־שלאַכט אין דרום־אַט־לאַנטיק, ווען די ענגלענדער האָבן נאָך אַ לאַנגן געיעג באַזיגט דעם דייטשן פּאַנצער „גראַף שפּעע", וואָס דער קאַפּיטאַן אַליין האָט געלאָזט זינקען ביי מאָנטעווידעאָ.

פּאַולאַס רויט־אָנגעגאָסן פּנים איז געווען טאָרבעדיק און וואַסערדיק, ווי נאָך שלאָפּלאָזע נעכט; איך האָב, נאַטירלעך, נישט געקענט באַהאַלטן מיין פרייד. איז עס דאָך געווען די ערשטע מפּלה פון נאַצי.

פּאַולאָ האָט אַ ווײַלע געשוויגן. ער פירט מיך צו צו אַ גרויסן נישט־געהובליעוועטן טיש, אויף וועלכן עס איז געווען זייער בולט און מיט גע־ניטקייט אויסגעקנאָטן פון ליים אַ ברייטע געאָגראַפישע פּאַנאָראַמע, — ים־ברעגעס, בערגיקע, אָפּגעפּאַרבטע אויף גרין; אַ ים, אייניקע שיפן אין פאַרשיידענע סטראַטעגישע פּאָזיציעס.

דאָס האָט דער אַלטער ים־וואָלף רעסטאַווירט די שלאַכט ביי מאָנטע־ווידעאָ. אויף זיין ערלעך פּנים, — וואָס האָט זיך מיר דעמאָלט אויסגעוויזן קינדעריש, — האָב איך באַמערקט דעם אינערלעכן געראַנגל, וואָס איז אָנגעגאַנגען אין אים: דער געראַנגל פון ים־מענטש און דייטשן פּאַטריאָט, פון איין זייט, און פון אַנטי־נאַצי, פון צווייטן זייט.

פּאַולאָ בלייבט שטיין ביים טיש אָן ווערטער, פירנדיק בלויז מיט זיין ברייטער דלאָניע איבער די פּאָזיציעס. אין אַ ווײַלע אַרום פירט ער מיך צו צו אַ זייטיק קעמערל, וואָס איז געשטאַנען צווישן ביימער אויפן הויף.

פון צווישן די ביימער באַווייזט זיך זיין ווייב. זי שפּרינגט אָפּ ווי אַ דער־שראָקענע חיה און שטעלט זיך נעבן דער פורטקע פון דאָרפישן וועג, אויס־צושפּירן, צי עמעצער דערנענטערט זיך נישט.

פּאַולאָ האָט געעפנט דאָס טירל פון קעמערל און איך האָב דערזען אויף אַ סטאָליערישן אַרבעטס־טיש אַ נאָך־נישט־פאַרענדיקטע מאָדעל פון אַ שיף, אַ קריגס־שיף, קינסטלעריש און בעל־מלאכהש צונויפגעשטעלט פון האָלץ. בלויז די כלי־זין זענען געווען אויסגעקנעטן פון ליים: האַרמאַטן, טאָרפּעדאָס און אויך פונאַנדערגעשטעלטע מאַטראָסן.

— איך רעקאָנסטרואיר דעם „גראַף שפּעע", וואָס די ענגלענדער האָבן פאַראומגליקט, האָט פּאַולאָ, נישט קוקנדיק מיר אין פּנים, דערקלערט מיט אַ פאַרשטיקט קול און איז אַרויס אין הויף, איבערלאָזנדיק מיך אַליין אין קעמערל...

אָבער נישט צוליב פּאַולאָן אַליין האָב איך פאַרצייכנט אָט די דער־אינערונג. אגב איז זיין סוף געווען זייער אַ טרויעריקער; די ענגלענדער

האָבן טאַקע קאָנפיסקירט זיין געלט און ער האָט אויפגעהערט צו קריגן זיינע צינדזן. דער ריזיקער און בראַוער מאַן האָט זיך איינגעבראָכן, קראַנק געוואָרן אויפן האַרץ און געשטאָרבן, איבערלאָזנדיק זיין גולמדיק ווייב און די צוויי יינגלעך אין אַ שרעקלעכער נויט, ממש אויף הפקר. די יינגלעך האָבן זיך שפּעטער אַרומגעוואַלגערט נאַקעט און באָרוועס אויף די זאַמדן פון דאָרפישן וועג. אָבער לאָמיר זיך אומקערן צוריק צו יענער צייט, בעת איך האָב אים פּעריאָדיש געליפערט זיינע ענקאָמענדאס.

ב.

ווי מיר האָבן געשריבן אין אָנהויב פון דער דערציילונג, האָט פּאַולאָ פאַרנומען איין טייל פון אַ טאָפּלט־הויז. אויך אין צווייטן האָט גע־וווינט אַ דייטשע פאַמיליע. היות איך האָב אָנגעלייגט אַ סך צייט און אַר־בעט ביים דערגרייכן אָט דעם פאַרוואָרפענעם וועג אין די בערג, האָב איך געוואָלט פאַרבינדן אַ קאָנטשאַפט אויך מיט פּאַולאָס שכן, צוליב ריין־קאָמערציאָנעלע טעמים. האָב איך געפרעגט איין מאָל פּאַולאָן, צי ער קאָן מיך נישט רעקאָמענדירן פאַרן „נאָכבאַר".

— פרוי ענגעל? — ביטע שיין! איך מאַך עס זאָפאָרט! — האָט פּאַולאָ אויפריכטיק און ווילִיק געענטפערט. ער טוט אָן זיין בכבודיקן ראָק, בערשט אָפּ דעם שטויב און מיר גייען אַרויס צו דער שכנותדיקער פאָרטקע. מיר קלינגען אָן.

להיפך צו פּאַולאָס פאַרוואָרלאָזטן פאַרקאָן, איז זיין שכנס גוט פאַר־פעסטיקט, אַ הויכער און איבערגעוואָרפן מיט קלעטער־פלאַנצן. די פורטקע גופא איז געווען פאַרשלאָסן. פּאַולאָס פורטקע איז תמיד געווען האַלב אָפן.

עס קומט אַרויס אַ פרוי, פרוי ענגעל: אַ ווייסע שערץ, אַ באַלעבאַטיש, באַשיידן קלייד. אַ הויכע, שטאַלטנע, אַ בלאָנדע, כמעט געלב, מיט דיקע ווייסע ברעמען, מיט אַ שמייכל וואָס קריכט פון די באַקן אין די אויגן אַריין, אין די גאָר־דיקע ווייסע ברעמען.

זי בלייבט שטיין אין דרויסן, צולעגנדיק די פורטקע. מיר איז אַ חידוש,

וואָס זי פאַרבעט אונדז נישט אַריין. פּאַולאַ מאַכט זיך פון דעם גאָרנישט, זעט אויס.

— פרוי ענגעל, געשטאַטן זי, אַז דער הער איז אַ סאָלידער, פאַרנונפ־טיקער אַמבולאַנט, איך רעקאָמענדיר אים פאַר אייך. איר קענט ביי אים קויפן מיט צוטרוי פאַרשיידענע באַקליידונגס־ שטיק. ביי אונדזער פאַר־וואָרפנקייט און שלעכטער פאַרבינדונג איז עס איינפאַך און באַקוועמלעך — האָט פּאַולאַ, אַרומקוקנדיק זיך, געוויזן מיט די הענט, ווי געוואָלט דע־מאָנסטרירן זייער פאַרוואָרפנקייט.

עס איז נאָך געווען פרי. אויפן דאָרפישן פאַרשטויבטן וועג האָט זיך נאָך קיינער נישט געהאַט באַוויזן. פרוי ענגעל, דורך וועמענס געדיכטע ברעמען האָט אַפּערגעשלאָגן אַ געלעכטערל, האָט געענטפערט:

— נו־יאָ... דאָס האָט געקאָנט הייסן, סיי יאָ און סיי ניין. אָבער גלייך האָט זי מיך געפרעגט:

— האָבען זי הערן־העמדען? ברענגען זי אייניקע מוסטערן, נומער זיבן און דרייסיק.

כ׳האָב געברענגט די ערשטע באַשטעלונג. ווי תמיד, פלעג איך אויפ־שטיין צו דער אַרבעט, צום „קלאַפּן״ זייער, זייער פרי, ווי נאָר עס איז טאָג געוואָרן. צוויי סיבות זענען דערויף געווען: ערשטנס, — אַרום עלף־צוועלף, ווען די חמימה איז נישט צום איבערטראָגן, האָב איך שוין גע־האַט באַזוכט אַלע קונדן פון דעם טאָג; צווייטנס, מיין ליצענסיע, — אויב כ׳האָב געהאַט אַזעלכע, — איז געווען בלויז אויף איין אַרטיקל. די מורא פאַר די פיסקאַלן האָט מיך פרי אַרויסגעטריבן פון שטוב...

אַז איך בין געקומען צו פרוי ענגעל גאָר פרי און אָנגעקלונגען, איז זי גלייך אַרויס צו מיר, ווי זי וואָלט שוין געוואַרט. איך האָב איר גע־געבן דאָס באַשטעלטע און זי האָט מיר גלייך באַצאָלט מיט אָנגעגרייט געלט. נישט געדונגען זיך, נישט אויסגענומען קיין תנאי „פּאַסן־נישט פּאַסן״. געווען פאַר מיר אַן אָנגענעמע איבעראַשונג.

— פילייכט ברויכן זי נאָך אַנדערע קליידער־שטיקער: הויזן, וואָל־פּולאָווערס, רעגנמאַנטלען, פּיזשאַמעס? — האָב איך, שוין אויף אויסנ־ווייניק געזאָגט מיין פּיזמון, אַ ביסל פּאָרטוגעזיש, אַ ביסל דייטש.

פרוי ענגעל פאַרדעקט אירע שווערע ברעמען־פאַרהאַנגען, קלערט אַ ווײַלע און ענטפערט:

— נר־יאַ, ברענגען זי אַ קאַפע, אַ פּיזשאַמע, וועלן מיר זען.

פון דאַן אָן בין איך געווען כמעט אַ טעגלעכער באַזוכער ביי פרוי ענ־געל. זי האָט זיך נישט געדונגען, נישט געוואָלט אויף אויסצאָל, „פּרעסטאַ־סאַן" און מיר געגעבן מזומן גלייך.

אין יענעם פּעריאָד, — און אויך שפּעטער, — איז עס געווען אַ גרויסע פאַרלייכטערונג אין מיין מצב. כ׳בין געווען דער דאָזיקער דייטשקע, פרוי ענגעל, זייער דאַנקבאַר.

דייטשקע? כ׳בין נישט געווען אין גאַנצן זיכער, צי זי איז באמת אַ דייטשקע. די מאַטעריעלע טובות, וואָס מיר איז אַרויסגעקומען פון אונ־דזערע קאָמערציאַנעלע באַציונגען, האָבן משפּיע געווען, אַז כ׳זאָל זען אין איר גאָר אַן אַנדער געשטאַלט; און עס האָט זיך איינגעקריצט אַן אילוזיע, אַן אַסאָציאַציע פון אַ יידישער פרוי ביי אונדז אין שטאָט וול., אַן אָנגע־זעענע און רייכע באַלעבאָסטע, וואָס האָט אויך געהייסן ענגעל!

איר קאָרעקטע און פּריינטלעכע, כמעט וואַרעמע באַהאַנדלונג ביי דער פּורטקע אין דער פאַרוואָרפענער גאַס, דעם דאָרפישן וועג, האָט מיך שטאַרק גערירט. איך האָב כסדר און וואָס אַ מאָל אַלץ מער געקלערט, אַז דאָס מוז זיין אַ יידישע פרוי פון דער דעמאָלטיקער כוואַליע דייטש־יידישע עמיגראַנטן און וואָס איז געבליבן שטעקן אין אָט דעם העק, כאָטש אלע „יעקעס" האָבן זיך איינגעאָרדנט אין די צענטראַלע און פאַרנעמע גאַסן פון שטאָט.

די איידלקייט, די פאַרנעמקייט פון דער פרוי ענגעל „וואָס איז דאָך זי־כער אַ יידישע", וואָס העלפט אַרויס אַן אָרעמען פּוילישן ייד, אַ הויזירער, האָט מיר דערמאָנט אַזש אין אַ גליקל פון האַמעלן, אין דער גאַלעריע פון אַפּאַטאַשוס „אַ טאָג אין רעגענסבורג", — כאָטש שטעל איך אונטער צוויי שבת־ליכט צום בענטשן. אין שטוב האָט זי מיך ווייטער נישט אַריינגערופן, נאָר תמיד פאַרענדיקט דעם משא־ומתן פאַר דער צוגעוואָרפענער פורטקע, אין די פרימאָרגן־שעהן.

זי האָט מיך איין מאָל אויסגעפֿרעגט פֿון וואַנעט איך קום, וועגן מיין משפּחה. דאָס איז געווען אין די שפּעטע דרייסיקער יאָרן, אַנהויב פֿערציק. די וועלט, אַ צעטרייסלטע אין סאַמע בהלה; מיר, יידן, ביים ראַנד פֿון תהום, געיאָגטע, געטריבענע. איך האָב איר דערציילט די ידיעות פֿון אַט דעם „יידישן פֿראָנט", ידיעות וואָס אַלע צייטונגען האָבן געשריבן. פֿרוי ענגעל, מיט אויגן צוגעדעקטע פֿון אירע דיקע ברעמען, האָט געענטפֿערט:

— נו־יאַ...

איין מאָל פֿרי, קומענדיק צו איר מיט אַ גרעסערער באַשטעלונג, האָב איך געבעטן ביי איר, אָן שום ספּעציעלער כוונה, זי זאָל מיר עפֿענען די פֿורטקע, כדי אינעווייניק איר איבערצוגעבן די סחורה, ווייל אין דרויסן איז אַ סכנה פֿאַר די פּיסקאַלן. פֿרוי ענגעל האָט גלייך געעפֿנט פֿריינטלעך און מיט אַ שמייכל: „נו־יאַ, ביטע! געקענט גלייך דערקלערן!"

להיפּך צו פּאַולאָס הויף, וווּ עס האָט געוועלטיקט צעוואָרפֿנקייט, איז דאָ געווען געצאַצקעט און געצירט, געבלימלט און באַגראָזט. פֿון דעם גאָרטן־טיפֿעניש, צווישן די בייטן בלומען און ביימער, האָבן זיך געזען צוויי אַלטאַנקעס און בענק. פֿרוי ענגעל האָט אָפּגעקליבן איר באַשטעלונג, באַצאָלט, גוט באַצאָלט, און ווייטער אויפֿגעגעבן אַ נייעם אויפֿטראָג. איך בין דאָס מאָל, ווי תמיד, אַרויס אַ צופֿרידענער, — געהאַט צו באַצאָלן די חובות.

ג.

זי איז מיר נאָך אַלץ געבליבן אַ רעטעניש. ווער איז זי, וואָס איז זי? פֿון אירע באַשטעלונגען בין איך דערגאַנגען, אַז זי איז אַ מאַמע פֿון אַ זון און אַ טאָכטער און אַז דער מאַן איז אַן אינזשיניער. כ'האָב זיי קיין מאָל נישט געטראָפֿן.

עס איז ביי מיר וואָס אַ מאָל פֿעסטער געוואָרן דער געדאַנק, אַז די פֿרוי ענגעל איז אַ יידישע כשרע טאָכטער, אַ דערצויגענע אויף רחמנות און צדקה, ווי עס איז די טראַדיציע ביי די איינגעפֿונדעוועטע דייטשע יידן, זייט דור־דורות. כ'האָב באַשלאָסן צו פֿרעגן פּאַולאָן.

— סעניאָר פּאַולאָ, פרוי ענגעל איזט דאָך איינע יידין? —

— מענטש, מאַיער !!!, — האָט זיך פּאַולאָ אויפגעריסן פון זיין שטול, ווי פון אַ דונער. ער האָט פאַרמאַכט טיר און פענצטער און שטיל מיר אַריינגעשושקעט, אַראָפּבייגנדיק צו מיר זיין שווערן גוף, אין אויער אַריין:

— ווייסטו ווער זי איז? — פרוי ענגעל איז פּאַרזיצערין פון דער נאַצי־פּאַרטיי, אָרטס־גרופּע סאַנט־אַנאַ; זי אַליין שטאַמט פון די פּאַר־פלוכטע סודעטן־דויטשן, פון וועלכע עס איז אַרויסגעקומען דאָס גאַנצע אומגליק. איר מאַן, דער אינזשיניער, איז אַ לאַפּן, אַ פּאַנטאָפל ביי איר. איר הויז איז דער צענטער...

פּאַולאָ האָט מיט אַ מאָל אָפּגעהאַקט. עס האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט נאָר וואָס חרטה געקריגן אויפן אויסזאָגן מיר דעם סוד. אַ ווײַלע האָט ער זיך באַזינען און לסוף געזאָגט:

— אין אָט דעם ענגעל שטעקט דער טייוול״...

פּאַולאָס דערקלערונג האָט מיך צעטרייסלט. איך האָב זיך געפילט שולדיק און פאַרמיאוסט ביי זיך אַליין.

איך האָב געהאַט געקריגן פון איר אַ באַשטעלונג. כ׳האָב באַשלאָסן צו ליפערן איר אָט די בעשטעלונג, ס׳לעצטע מאָל.

כ׳בין געקומען צו איר, נישט ווי תמיד זייער פרי, נאָר שפּעטער, אַרום 10 פאַר מיטאָג; כ׳האָב געוואָלט מיט מיין תירוץ „פּיסקאַלן״ אַריינ־דרינגען טיפער אין איר פאַרמאַכטער שטוב און כ׳האָב געשלעפּט אויף אַ גרעסערן פּאַק סחורה, עס זאָל מער צייט פאַרנעמען. מיט איילנדיקע טריט, ווי כלומרשט אַ געיאָגטער, זיך דערנענטערט צו איר הויז. זי האָט שוין געוואַרט אויף מיר, ווי תמיד, אין דרויסן.

איך האָב איר אָנגעוויזן אויפן שווערן פּאַק און געוווּנקען זי זאָל מיך וואָס שנעלער אַריינלאָזן. מיט אַ שמייכל, וואָס האָט זיך אַדורכגעריסן דורך די שווערע ברעמען, ווי דורך פאַרהאַנגען, האָט זי מיך אַריינגעלאָזט אינע־ווייניק, אין גערטנדל. איך האָב איר געבעטן זי זאָל עפענען די הינטער־טיר פון איר שטוב.

— נו־יאָ, ביטע...

כ׳האָב זיך געגעבן אַ ריס אַריין, איבערלאָזנדיק די פרוי פון הינטן. אַדורכגייענדיק די קיך און אַ קאָרידאָר, בין איך אַריין אין דער סאַליע און כ׳האָב אַנידערגעלייגט דעם פּאַק אויפן טיש.

אויפן זעלבן טיש, טאַקע נעבן מיין פּאַק, איז געשטאַנען איינגערעמט דאָס בילד פון ימח־שמו. אָן אַ ראָק, אין אַן אויבערהעמד מיט אַ קראַוואַט. נישט דאָס פאַרשפּרייטע בילד פון אַ צעיושעטן יאַטקע־קלאָץ־העצער, נאָר אַן אינטים בילד פון אַ דאָרפישן חתן, מיט אַן איינגעשמירטער טשופּרינע.

דער חתן פון פרוי ענגעל, ימח שמם!

אין די בערג, וו קוואַלן שטראָמען

א. השגחה פּרטית.

לויפט דער פּול־געפּאַקטער אויטאָבוס איבער גלאַטיקע וועגן האָפּער־דיק באַרג־אַרויף און באַרג־אַראָפּ. שלינגט די קילאָמעטערלעך, ווי האָלעש־קעס, פאַרקלענערט דעם שטח, פאַרקירצט די ווייטקייט. שניידט זיך אַריין טיפער און טיפער אינעם קאָלאָס פון דער בראַזיליאַנער פּראָווינץ. לאָזט הינטער זיך די געציילטע שטעטלעך, — פליט ווי אַ יונג לאָשעקל.

באַרג־אַראָפּ, צום ים, גליטשט ער זיך לאַנגזאַם, מיט אַ שטיל לידיש געזאַנג; באַרג־אַרויף — סאָפּעט ער הויך און מאַיעסטעטיש, ווי אַ פּויער ביים טיי־טרינקען.

געוועזן פאַר מיטאָג, געוואָרן פאַרנאַכט, אַט טונקלט שוין. דער וואָגן דראַפּעט זיך זיכער און קרעפטיק אַריין אין די בערג.

עס פעלט בלויז אַ האַלבע שעה און מיר וועלן זיין ביים סוף פון דער נסיעה. דוכט זיך, אַז פון ווייטן פינקלען שוין די פלעמלעך פון דער שטאָט. דער וואָגן איז איבערפּאַקט: אויפגענומען דאָרפישע פּאַסאַזשירן אויפן וועג. ער פליט איצט האַרט ביים ראַנד פון אָפּגרונטן.

מיט אַ מאָל קריגט דער וואָגן אַ זעץ. אַ רגע, און מיר פאַלן אַרויף איי־נער אויפן אַנדערן. היסטערישע אויסברוכן פון אַלע זייטן. דער וואָגן, ווי אַ פאַרגליווערטער, בלייבט ליגן אין ראָוו, אָנגעלענט אויף אַ זייט.

דער שאָפער, מיט צעמזיקטע אויגן, אין קאַלטע אַנגסטן, ציטערט מיט די ליפּן:

„דעררראפּאַ”!

די פּאַסאַזשירן, אין בהלה און פּחד, דרענגען זיך אַרויס פון וואָגן און בלייבן שטיין אויפן באַרג, אין דער פינצטערניש.

נאָענט אין שווערע קאַפּטאַנעס און שירעמדיקע היט; סוחרים־וואַי־זשאַרן, געניטע רייזנדערס, וואָס האָבן שוין אויסגעמאָסטן בראַזיל אין דער לענג און אין דער ברייט, — זיי זענען רויִקער און קוקן, ווי מבינים אויף „אַרטיקלען", אויפן צעוירערנעם און צעווייקטן־צעגאָסענעם שאָסיי, ווו אונדזער וואָגן ליגט אַן אויסגעלאָשענער און טויטער; יונגעטשקע מאַמעס, מיט זייערע קינדערלעך, פון וועלכע עס איז פּלוצים פאַרשוונדן דער גלאַזור פון אויסגעצערטלטקייט, טוליען זיך צו דעם פּראָסטן, פּויערישן עולם.

די מאַסע, אין דער פינצטערער אומבאַקאַנטקייט, אַ צוגעדריקטע איינס צו אַנאַנדער, הערט נישט אויף צו פּרעפּלען: „ווען עס געשעט אַ ביסל העכער, צי אַ ביסל אַראָפּצו — ווו עס הויערט דער אָפּגרונט...

שטייט נעבן אונדז אַ יונגער הער, וואָס איז געפאָרן בשכנות מיט אונדז דעם גאַנצן וועג. מירן נישט געוווסט אַפילו אַז ער איז אַ ייד. אין דער שוואַרצער געדיכטעניש גלאַנצט איצט אַרויס זיין פּנים, וואָס איז אַ ביסל פאַרקרימט אין אַ לייכטן שמייכל:

„ס'איז אַלץ פון פריער באַשערט; איך גלייב אין השגחה פּרטית".

ב. קוזינען טרעפן זיך.

געוווען צעשיידט יאָרן... יעדער אַוועק אויף אַנדערע וועגן און געלעבט אין גאָר פאַרשיידענע לענדער.

איינער, אַ פליישיקער און ברייטאַקסלדיקער, אַ הויך אַרויפגעשאָסע־נער, מיט פלוימען־אויגן, ווי ביי אַ מדבר־פויגל, — איז אַהער געקומען פון די אַזיאַטישע און אַפריקאַנישע וויסטע זאַמדן; דער צווייטער, גע־קנייטשט און געבויגן, שמיידיק און שלאַנק, רירעוודיק ווי אַ וועוורק, מיט איבערגעשראָקענע אויגן, — איז געקומען פון די סלאַווישע פליינען אין מזרח־אייראָפּע.

יעדער באַזונדער האָט זיך געדראַפּעט אויף אַלע פיר אין דעם נייעם,

אומענדלעכן לאַנד, זיך פונאַנדערגעגאַנגען איבער די ווייטסטע מקומות, העט אויפן צפון אַרויף און ביז די לעצטע גרענעצן פון דרום, אַראָפּ.

„געקלאַפּט", געפּעדלט מיט נאָדל־פּאָדעם, מיט „געטער", מיט קראַ־וואַטן, מיט וועש און מלבושים, מיט שירעמס און מעבל.

מיטן ערשטן אָנגעקליבענעם קאַפּיטאַל פאַרלייגט אפּיסינעס, אויפגע־שטעלט פאַבריקן.

אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די טראַנטעס, אַרויסגעסקראַבעט זיך פון די נאָרעס, די „קאַרטיסעס" — מיט די בליקן אַרויף, — אויפגעשטעלט אַפּאַר־טאַמענט־הייזער, באַנגאַלעס — מיט אייגן געלט, מיט פרעמד געלט, אָן געלט.

ביידע קוזינען זענען אין דינאַמישן טראַנס... נישט קוקנדיק איינער אויפן צווייטן, זענען זיי ווי מוראַשקעס אין אַ מוראַוועניק, פאַרטאָן און פאַראַרבעט: ביי די אַריינגעגנג פון זייערע געשעפטן הויפן זיך קאַסטנס געוואַנט, פּעק מלבושים, לאַסט־אויטאָס מיט וועש און כלים, וואָס שיפן און אַוויאָנען, באַנען און וועגענער, צעטראָגן ביז די גרענעצן פון ווענע־זועלאַ אין צפון, צו די „טשאַקאָס" און „פּאַמפּאַס", ביי דער אַרגענטינישער גרענעץ, ביז דעם אין־סוף מאַטאַ־גראָסאָ, גאָיאַז...

און איצט כאַפּן זיי אָפּ דעם אָטעם דאָ, אין פּאָסאָס דע קאַלדאַס, די צוויי קוזינען, וואָס זענען ברוגז צווישן זיך...

דאָ, אין די האָטעל־פּאַלאַצן, אויפגעבויטע פאַר די עקסקלוזיווע אַריס־טאָקראַטן, די יחוסדיקע פעאָדאַלן, פילן זיך די צוויי קוזינען באַקוועם, זעצן זיך ברייט און זיכער אויפן פּריצישן מעבל.

פון די אַלייען איז שוין לאַנג פאַרשוווּנדן דאָס פּריצישע פריילין פון פאַזענדעיראָ" און פון „פּאַנטאַן, וואָס שפּריצט אין גאָרטן" — די פאַר־חלומטע און פאַרבענקטע סולטאַנס טאָכטער...

פלעבעיש און דעמאָקראַטיש רוישן און גוואַלטעווען, דיסקוטירן און פּאָליטיקירן די צוויי קוזינען פון חומש (יעדער פאַר זיך און צווישן זיך!).

צוויי לשונות: דאָס גאָרגלדיקע אַראַביש און דאָס שנירלדיקע יידיש פילן אויס דעם חלל פון פּאַרק.

צוויי קוזינען: די ישמעאלים און ישראלים, טרעפן זיך ווידער. די

ערשטע זענען אַהער געקומען פון אַראַביע; די צווייטע האָבן געמאַכט, נעבעך, אַ לענגערן וועג. ברוגזע און אָפּגעשלאָסענע טרעפן זיי זיך ווידער. אויסגעכאַליעטע און פעטלייביקע טרעטן זיי אויף די סאַמעטענע טעפּי־כער אין די האָטעלן, וואָס זענען נישט פאַר זיי אויפגעבויט געוואָרן, — נאָר פאַר היימישן יחוסדיקן שטאַנד פון פלאַנטאַטאָרן און פּאָליטיקער.

די לאַקייען געדענקען נאָך די פריערדיקע געסט... יענע האָבן פול געמאַכט די רולעטע, וואָס איז היינט פאַרשלאָסן אויף 7 שלעסער. אָבער צאָלן דען נישט די היינטיקע „טורקאָס" און „רוסאָס", פּונקט אַזוי ווי די פריערדיקע שטאַמגעסט, רייכע און פעטע „גאַרזשעטעס"?...

ג. די יונגע פרוי פון אַלטן דיפּלאָמאַט.

דער פּאַלאַס־האָטעל רוישט דעם גאַנצן מעת־לעת. ווען 4 פאַרטאַג פאַרלאָזט די טישן דער נאַכט־שיכט, דערשיינען, אַ ביסל שפּעטער, די פרי־מאָרגן־פּאַרטנערס. דאָס איז בנוגע קאָרטן־שפּילער.

זענען די הונדערטער געסט פאַרטאָן און באַטויבט פון די טאָג־לוסטן, ווי די איינטאָג־פליג אין אירע ראָמאַנסן, אויסגעשטאַטע אין די פאַנטאַסטי־שע גאַרדעראָבן, אין די איידלסטע טואַלעטן.

הונדערטער רייצנדע, גראַציעזע דאַמעס... על־פּי־רוב אין די פערצי־קער. וועגן איינער סודעט מען זיך כסדר, ווייל גאָרנישט גייט פאַרהוילן דאָ, אין קאָכיקן און פאַרקאָרטנטן האָטעל. כאָטש פאַרטאָן ביז איבער די פלאָמיקע אויערן אין שפּיל און אין גאַרדעראָבע־קאָנקורס, ווייסט מען גאַנץ גענוי אַלץ וועגן אָט דער דאַמע.

אַ רונדיק דאַרפיש פּנים, מיט פליישיקע מוסקולן, אָבער אָן סימנים פון האַרעוואַניע; אַ דיק־קרעפּטיקע און קורצע האַלדז, הגם נישט דיס־פּראָפּאָרציאָנעל — שטרעבט אָט די דאָזיקע העל־ראָזע פרוי, מיט רויטע אָדערלעך איבער דער באַק איבערגעצויגן, אַראָפּצוואַרפן פון זיך די לעצטע סימנים פון פּראָסטקייט און דאַרפישקייט און ווערן אויך שלאַנק, איידעלער און בלאַסער, ווי אָט דער גאַנצער געזעמל פון שטאָטישע סאַלאָן־ווייבער.

דאָס איז אַ ווען געקליידט אין די סאַמע פיינסטע און טייערסטע

קאָסטיומען. מען ווייסט, אין די קולוּאַרן פון אָט־דעם האָטעל־בינשטאָק, אַז זי איז דאָס ווייב פון אַן עלטערן, זעכציק־יעריקן דיפּלאָמאַט, וואָס האָט ריזיקירט און אַרויסגעשיקט זיין יונג ווייבל אַליין אין אָט דעם אַלט־טראַדיציאָנעלן יחוסדיקן האָטעל און, זעט אויס, נישט געוווּסט פון העלישן פייער וואָס פלאַקערט דאָ, וואָס לאָקערט אויף אַזעלכע אומדערפאַרענע ווייבלעך.

אָבער באַוואָרנט האָט ער זיך, דער געניטער דיפּלאָמאַט: יעדן אָוונט, אין די שפּעטע נאַכט־שעהן, זאָל איינער פון די אַלטע און טרייע האָטעל־משרתים אָנקלינגען טעלעפאָניש אין דעם צימער פון דיפּלאָמאַטס פרוי. דאָס ווייסט מען גאַנץ גענוי דאָ אין דעם זשומענדיקן און ברומענדיקן ים פון די האָטעל־געסט.

זינט אייניקע טעג האָט זי זיך נישט באַוויזן. געוועז פאַרשלאָסן אין איר אַפּאַרטאַמענט. דערציילט מען אָט וואָס:

איר מאַן, דער אַלטיטשקער דיפּלאָמאַט, דער גאָר נישט דיפּלאָמאַטישער מאַן פון יונגן ווייבל, האָט פּרובירט אַליין און דירעקט פון זיין פּאַלאַץ, ערגעץ אין עקסטן צפון פון לאַנד, ווען ס'האָט אין אים זיך אויפגעוועקט די אַלטע ליידנשאַפט פון קנאה געמישט מיט פאַרדאַכט, — זיך טעלעפאָניש איבערשמועסן מיט זיין ווייב, אין די שפּעטע נאַכט־שעהן, ווען זי האָט שוין לאַנג געדאַרפט געניסן פון שלאָף און רו, האָט ער צו איר טעלעפאָנירט, און זי — זי איז אין האָטעל־צימער דאַן נישט געווען. דער טעלעפאָן האָט קאַלט און פרעמד געשוויגן.

דערציילט מען ווייטער:

דער דיפּלאָמאַט האָט שנעל ווי אַ בליץ געגעבן אַ פלי פון זיין עלנטער זקנותדיקער היים און נאָך באַוויזן אין דער זעלבער נאַכט, אין די פרימאָרגן־שעהן, אָנצוקלאַפּן אין האָטעל־אַפּאַרטאַמענט פון זיין ווייבל...

דעמאָלט איז זי שוין געווען אין צימער.

ד. דער פּאַרק

ווי אַזוי קאָנען מענטשן פאָרן ערגעץ אַנדערש, ווען דאָ איז פאַראַן אַזאַ פּאָסאָס מיט אַזאַ פּאַרק?

די ווינטלעך, וואָס ווייען דאָ, קומען נישט צו פליען פון ערגעץ אַנ־דערש. זיי ווערן געבוירן דאָ. דאָ איז די לאַבאָראַטאָריע פון די ווענטערן פאַרן גאַנצן לאַנד.

דער פאַרק האָט גאָרנישט פון די טראָפּישע און סוב־טראָפּישע געדיכטע און שווייסיקע אַראָמאַטן מיטן כאַראַקטעריסטישן פאַרענעם און שוויצבאָד־קלימאַט. דאָס איז דער קלאַסישער אייראָפּעאישער פאַרק, אַזוי ווי די דיכטער האָבן אים באַזונגען, אַזוי ווי די ליבע האָט אים אויסגעטרוימט און, פאַרקערט, — דאָס זענען פאַרקן, וואָס טרוימען אויס די ליבע...

אַזאַ רייכע באָטאַנישע קאָלעקציע טרעפט מען נישט אין קיין שום בראַזיליאַנער פאַרק. דאָ איז היינעס סימבאָל וועגן דער „נאָדל־פיכטע אין צפון וואָס בענקט צו דער פאַלמע אין דרום” — פאַרוואַרשיינלעכט געוואָרן — צי איז אָבער אַ דיכטערס בענקשאַפט דערמיט געשטילט געוואָרן?

גראָד דאָ, אין די באַבלימלטע און באַצווייגטע אַלייען, דערוועקט זיך די בענקשאַפט (צו וואָס? צו וועמען?) מיט אַזאַ טרויער און מיט אַזאַ עלעגיע, אַז איר קראַפט יאָגט אָן אומעט און אַ צווייפל.

פרומע מענטשן האָבן זייער השתפכות ביי דער תפילה, אין הייליקע טעג, מיר, וועלטלעכע, נאַקעטע פון התחייבותן און פון מצוותס, פאַרלירן זיך אין אַנבליק פון אַ האַרבסטיקן בלעטער־פאַל און פון די פאַרלאָזטע בענק אין די שטילע סודותדיקע אַלייען.

און אַ „פאַנטאַן שפריצט אין גאָרטן”... און אַן אַלטאַנקע... אויך די שוואַלבן זענען די זעלבע, וואָס זענען געשפרונגען אַמאָל אין אונדזער אַלטן שטאָט־גאָרטן, ביים ברעג פון דער ווייסל...

אַלערליי אויסטערלישע קאַשטאַנעס און ווערבעס, דעמבעס און סאָס־נעס פון קאַלטן אייראָפּע האָבן דאָ וואָרצלען געשלאָגן, אין דעם קילן און ווינטיקן, פרישן פאַרק, וואָס אויפן בערגיקן פּאַסאָס־דע־קאַלדאָס.

האַלב־פאַרגעסענע טענער פון יידישע דיכטער, געבוירענע אין קראַנקע שטימונגען, דערמאָנען זיך מיט אַ מאָל: „נישט זוך מיך דאָרט, ווו בלומען בליען”...

... געגאַנגען אַמאָל אין מחנות, שבת נאָך מיטאָג אין גאָרטן, אויסגע־

זונגען דעם גאַנצן ראָזענפעלד און ווינטשעווסקי־רעפּערטואַר. בגניבה אָפּ־געפּליקט אַ צווייג בעז, אַ „פאַרגעס מיך נישט".

איצט בין איך אַ קאָמערציעלער גאַסט אין אַזאַ ווייטן פּאַרק. ווו זענען די יונגע יאָרן? ווו זענען די חברים? ווו זענען די פאַרשטומטע טענער פון די פאַרשניטענע פאָלקס־לידער?...

אין פּאַרק ווערט טונקל. פון ווייטן צעצינדן זיך די קרישטאָלענע קאַנ־דעלאַבּרעס פון די רייכע האָטעלן. אַ היימישער זשאַבּע־געזאַנג צעקוואַקעט זיך פון קאַנאַל, וואָס שווענקט אַרום דעם פּאַרק. עס קומען אָן די ערשטע ליבע־פּאָרלעך...

ה. 10 אָקסן

סיי די אָקסן און סיי די מענטשן זענען אַנדערש ווי אין סאַן פּאַולאָ.

דאָ, אין פּאַסאָס, איילט מען זיך נישט און מע דאגהט נישט. דאָ איז דאָס הימלאַנד פון יענעם פרייעם נאַטור־מענטש, וועמען די סאָציאַלע אָר־דענונג האָט נאָך נישט פאַרקלאַמערט אין אירע אייזערנע געזעצן־קייטן.

ערגעץ אין די אומענדלעכע שטחים פון בראַזיליאַנער מדבר בויט ער זיך אַ נעסט פון צווייגן און ליים. ווי ווייט דאָס אויג דערבליקט, ביזן האָריזאָנט, איז די ערד זיינע. אוודאי איז ערגעץ ביים נאָטאַר פאַרשריבן דער „דאָנאָ" פון אָט דער ערד; ביז וואָס־ווען פאַרוואַרפט ער אַ פּאָר קער־נער, צוימט אַרום אַ שטחל ערד אין טאָל: קאָרמעט אַ פּאָר הינער פאַר די האָטעל־באַזיצער. פאַרן געלט ברענגט ער אַהיים אַ פלאַש „פּינגאַ" און אַ ביסל צוקער און זאַלץ.

דעם „מינעיראָ" — אָט דעם באַרג־מענטש, — דערקענט מען גלייך: אַ מוסקולירטער און שלאַנקער, אַ פאַרשלאָסענער און קליין־אויגיקער, אַ געקאַרבט פּנים. ער רעדט דאָס בראַזיליאַנער לשון אַנדערש, אָן די סוף־וואָקאַלן, ווי זייענדיק פויל אַרויסצורעדן דייטלעך דאָס גאַנצע וואָרט.

ענלעכס איז אָבער דאָ צווישן אים און די „קאַיסאַראַס", — דעם ים־מענטש, דעם ברעג־באַוווינער: — די פאַמעלעכדיקייט און פוילקייט —ביידע פילן נישט קיין שום סאָציאַלע בייטש, וואָס זאָל זיי טרייבן, צו שמייסן.

ווען איר דער „דאַנאַ" אַראָפּטרייבן פון זיין ווינקל, וועט ער זיך פאַר־קלייבן אין אַן אַנדערן, ערגעץ צווישן די פאַלדן פון די בערג.

אַזוי איז דער מענטש דאָ און אַזוי איז דאָ זיין שטוב־חיה. דער אָקסן־טרייבער פון פּאַסאָס האָט צייט און זיינע אָקסן האָבן צייט.

10 אָקסן זענען איינגעשפּאַנט אין אַ קליין וועגעלע, וואָס פירט אַ בינטל האָלץ. די צעווירענע און געשפּאָלטענע קלאָען טרעטן אַזוי קראַפּטלאָז אי־בערן ברוק, ווי זיי וואָלטן קראַנק געווען אויף רעוומאַטיזם און געהאַט פּלאַטפוס... עס דוכט זיך אַז זיי שלעפּן נישט דאָס שייטל האָלץ, נאָר זיי שלעפּן זיך אַליין, איין אָקס שלעפּט דעם צווייטן...

און אין מיטן גאַס, פּאַזע דעם אויטאָ, איז זיך פלוצעם מיישב אַן אָקס, בייגט איין פאַמעלעך און פּאָרזיכטיק, אַזוי ווי אַ זקן אַ חלוש, זיינע קני און נידערט אַנידער, רוט זיך אָפּ.

כאָטש יעדער אָקס שלעפּט זיין באַזונדערן כאָמעט, איז ער אָבער איינ־געשנירט אין דער אַלגעמיינער „קאָלעקטיווער" שטריק, מוזן בהכרח אַלע 10 אָקסן אַנידערקניען אויפן אַספאַלט פון דער הויפּט־גאַס, וואָס אין פּאַסאָס־דע־קאַלדאַס.

דאָס געפייף פון דעם אַנטלויפנדן אויטאָבוס, וואָס האָט פון סאַן פּאַולאָ געבראַנגט נייע און נייע קור־געסט, דערשרעקט נישט די 10 אָקסן, זיי רוען זיך אָפּ פון דער „שווערער" משא און מעלה־גירהן...

ז. יידיש

די פייגעלעך אין שטאָט־פּאַרק פאַרשטייען שוין יידיש... די יידישע קור־געסט זענען פון אַלטן דור און יידיש איז זייער באַקוועמסטער לשון. קלינגען אונדזערע דיאַלעקטן פון אַלע בענק.

מיט אַ מאָל איז פאַרשוווּנדן דער שפּלות־קאָמפּלעקס לגבי אונדזער שיי־נער און רייכער שפּראַך. אַ קאָמפּלעקס וואָס האָט זיך אַזוי זשאַווערדיק איינגעוואָרצלט אין די יידישע היימען און אַמבולטסטן געווען ווען „עמך" איז געפאָרן אין די „בעדער" — מען האָט צעקאַלעטשעט די לאַנד־שפּראַך, אַז עס איז געווען אַ בזיון פאַרן בראַזיליאַנער.

צי האָט מען זיך ענדלעך אַרומגעקוקט, אַז עס איז בכבודיקער און מענטשלעכער, ווען מען רעדט צווישן זיך די אייגענע שפּראַך, און מען האָט זיך קולטורעל „אַרויפגעאַרבעט" (ווי מען האָט זיך אַרויפגעאַרבעט מאַטעריעל) און דורך יידיש שטילט מען דעם גייסטיקן הונגער און דורשט? אַ פאַקט איז, אַז די זיסע און האַרציקע קלאַנגען פילן אויס יחוסדיק דעם אַרומיקן לוקסוס פון די האָטעלן און פּאַרקן. אַוועק די צייט, ווען יידיש איז געווען די אַסאָציאַציע פון שנאָרעריי און קבצנות, פון נאָך־נישט אויסגעגרינטע, נעבעכיקע אימיגראַנטן.

טרעפט מען פיל זיצנדיקע און שפּאַצירנדיקע מיט יידישע ביכער אין זייערע הענט און עס איז געווען עפּעס מער ווי זעלבסטפאַרשטענדלעך און לאָגיש אַ יידישע טעאַטער־פאָרשטעלונג, ווי אַ טייל פון דעם פאַרגעניגן, וואָס דער קור־גאַסט שטעלט זיך אויס אין זיין פּראָגראַם פון פאַרברענגען אין פּאָסאָס־דע־קאַלדאָס.

אין דעם פּרעכטיקן זאַל פון דעם פּריצישן „פּאַלאַס־האָטעל" האָבן צוויי יידישע בינע־קינסטלער אַרויסגעבראַכט אָן פאַרקרימענישן און שאַרזש, נאָר מיט געפיל און טאַלאַנט, פאַר דעם יום־טובדיקן עולם דאָס שענסטע, וואָס די יידישע ליטעראַטור און דאָס באַחנטסטע וואָס דער יידי־שער פאָלקלאָר פאַרמאָגט.

ווי רייך איז אונדזער לשון, ווי פאַרביק: — מיטלען פאַראַן פאַר די פאַרשיידנסטע סאָציאַלע, קולטורעלע און געאָגראַפיש־שפּראַכלעכע ניואַנסן פון מענטש און סביבה, פון האַנדלונג און אויסדרוק.

די פּרעכטיקע זיילן און די שפּיגלדיקע ווענט פון פּריצישן סאַלאָן האָבן זיך נישט אַ וואַקל־געטאָן הערנדיק דאָס עקזאָטישע לשון פון די אימיגראַנטישע „רוסאָס" — אַזוי ווי אונדזער שפּראַך וואָלט געווען אַ טייל פון אַרומיקן רחבות, פון גאָלדענעם עשירות.

אָבער נישט בלויז איז יידיש אָנערקענט פון די רייכע האָטעלן און זייערע „דאָנאָס", אַפילו פון דעם קליינעם „באַר". דער האַלב־מולאַטער מי־נעירא־מענטש, וואָס האָט אויפגעשטעלט בחיפזון אַ הילצערנע סוכה און אינסטאַלירט דאָרט אַ באַר, פאַרשטייט נושא־פּנים צו זיין זיינע יידישע געסט פון די מער פאָלקסטימלעכע שיכטן.

איז דאָ אַ געסל אין פּאַסאַס, הינטער דעם שטאַטישן פּאַרק, וואָס האָט בלויז יידישע האָטעלן. כשרע און האַלב־כשרע. דער עולם איז אַ טיפּיש־פאָלקסטימלעכער — פון טשאַלנט און לאָקשן, פון געפילטע פיש און לעבערלעך.

אַט דעם עולם האָט דער האַלב־שוואַרצער דערשנאַפּט ווי גוטע און ערלעכע קונים און געבעטן מסתמא איינעם פון זיינע טיי־טרינקער, האָט יענער אים אָנגעשריבן אויף אַ ברעטל אַזאַ אויפשריפט:

„דאָ קריגט מען אַ געשמאַק גלעזל טיי".

דער אויפשריפט איז פול מיט גרייזן. אָבער נאָך קיין מאָל האָט מיר טיי נישט געשמעקט אַזוי ווי אין דעם באַר, און די גרייזן האָבן אַזוי חנעוודיק און האַרציק צוגעצוקערט...

ז. דער וואַסער־פאַל

אין די בערג רוישן קוואַלן... זאַמלען זיך די וואַסערן אין שטיינערנע שיסלען, צי פעלדזן, און מיט „געמיינזאַמע כוחות", ווי אונטערדריקטע און געפּעגנטעטע סטיכיעס, קאָנצענטרירן זיי זיך צו אַן אָנגריף, צו באַפרייאונג, אַרויס (צי אַראָפּ) אין דער גרויסער רחבותדיקער וועלט.

הינטער דעם קאָמערץ פון באָד און פאַרוויילונג, אין די פאַרוואָרפענע פאַלדן פון די בערג, שפּילט זיך אָפּ דער דאָזיקער רעוואָלוציאָנער־מיסטי־שער פּראָצעס: די אָנגעזאַמלטע סטיכיעס האָבן זיך אַדורכגעשלאָגן דורך די ענגע דורכגענג פון די פעלדזן און מיטן הוראַ־נצחון זיך אַראָפּגעשליידערט אַראָפּ, אַראָפּ.

די „קאַסקאַדאַ"... ווו ווערן געבוירן די וואַסערן? פון וואַנען קומען זיי אומאויפהערלעך, אומאויפהערלעך? ווערן זיי נישט מיד קיין מאָל?

פון ווי ווייט הערט מען דעם אָריגינעלן גערויש, ווי עפּעס אַן אונ־טערערדיש געברום, פון וואַסערפאַל, נאָך איידער מע דערזעט אים. און דערבליקט מען אים, ווערט מען — בטל, צו נישט. די מאַיעסטעטישקייט פון אַט דעם מעכטיקן נאַטור־כוח פאַרקלענערט און פאַרנישטיקט דעם צו־קוקער. עס גנבעט זיך אַריין אַן אילוזיע, אַז עס איז אפשר אַזאַ ספּעקטאַקל,

אַ צייטווייליקער, פאַר צושויער, און אַט וועט עס אויפהערן. ניין, עס איז כסדר, סיי ווען עס זענען דאָ צוקוקער און סיי ווען עס זענען נישטאָ.

דאָס וואַסער צעפּיצלט זיך נישט בלויז אויף מילי־מיליאָסן טראָפּנס, נאָר אויף אַזאַ מין וואַסער־שטויב. נאָכן אַראָפּפאַלן פון פעלדז, שטופּן זיך און שטויסן זיך די זילבערנע, שוימיקע כוואַליעס שנעל, ווי זיי וואָלטן זיך געאײַלט נישט צו פאַרשפּעטיקן. און אַזוי אָן אויפהער, תמיד, פון סאַמע יומי בראשית און ביזן סוף כל הדורות.

עס גייט אָן אַ קאַמף צווישן וואַסער און פעלדז. די שטיינער פאַרבאַרי־קאַדירן דעם „לעגיטימען" דראַנג פון שטראָם און זײַן לויף. שלאָגן די וואַסערן, צעזעצטע שוין אין מיליאַרדן אַטאָמען, די פעלדזן, וועמענס שפּיצן ווערן אין לויף פון הונדערטער און טויזנטער יאָרן אָפּגעפּאַלירט און פאַררונדיקט און אפשר אין גאַנצן צעריבן. אויף זייער אָרט באַווייזן זיך נײַע פעלדזן און דער אַראָפּפאַל פון שטראָם קומט פון אַ גרעסערער הויך, ווײַל דער אָפּגרונט פאַרטיפט זיך כסדר און כסדר.

די שטימונג פון צוקוקער ווערט קוהלתדיק. ס'ווערן פאַרבלאָסט אַלע סאָציאַלע און אינדיווידועלע חשבונות אין אָנבליק פון אָט דעם נאַטור־שפּיל. דער ערשטער אײַנדרוק פון באַוווּנדערונג גייט פּאַמעלעך איבער אין אַ... מורא. און ביי אַ ציוויליזירטן מענטש פון 20סטן יאָרהונדערט, דער־וועקן זיך לאַנג־פאַרלאָשענע רודימענטן פון דעם הייל־מענטש, וואָס האָט אַזוי דערשראָקן אויפגענומען דעם גאָט פון די נאַטור־קאַטאַסטראָפעס.

ד

אם אשכחך...

נקמה

— אַ ברודער? אַן אַראַבער?

אין טונקעלן געוועלב פון מוסאַ צידקי, וואָס איז אינעווייניק פאַר־האַנגען מיט אַן אַ שיער קאַרטינעס, האָט זיך אַריינגעשלייכט, ווי אַ קאַץ, אַן אַראַבישער גייסטלעכער, אַ שמאָלער און זייער הויכער, ווי אַן אויס־געצויגענער קמץ. צידקי איז גראָד געזעסן איבער דער טעגלעכער צייטונג און אַנגעקוואָלן פאַר פרייד: יידישע גיבורים ספּראַווען זיך אַזוי מוטיק מיט די אַראַבישע גזלנים און מערדער, וואָס האָבן זיך, ווי מדבר־וועלף, געלאָזט אויפן ישוב פון אַלע זייטן. מע בריט זיי אָבער פון אומעטום אַרויס.

ער האָט זיך דערמאָנט די בזיונות אין זיין געבוירן־שטאָט, דמשק, ווו די צידקיס, אַ טראַדיציאָנעלע יידישע משפּחה זייט דורות, זענען פּאַגראָ־מירט געוואָרן פון צעיושעטע אַראַבער, אַנגעלאָפענע פון מדבר בעדואינער. ווען זיין פאָטער, דער אַלטער צידקי, פון אַ פאַרנעמער און נאָבעלער יחוס־קייט, אַ דורכגעפלאָכטענע מיט דער אָרטיקער אַריסטאָקראַטיש־סירישער געזעלשאַפט, מיט דער אילוזיע פון זיין גלייך צו זיי, — ווען ער האָט זיך געוואָנדן צו דער מאַכט און געפאָדערט שוץ און שטראָף פאַר די רוצחים, — האָט מען פון אים ציניש אָפּגעחוזקט:

— זיי, די בעדואינער, זענען דעם נביאס קינדער, וועמענס תורה איז די שווערד, און איר זייט יהודים און איר פאַרדינט נישט קיין גענאָד אויף דער וועלט, פונקט ווי איר פאַרדינט נישט דעם גן־עדן אויף דער קומענדיקער...

די צידקיס, דער נייער דור, האָבן אַ שפּיי געטאָן אויף דעם אַראַבישן דמשק און זיך געלאָזט איבער דער וועלט. ווער קיין אַפריקע, ווער קיין אַמעריקע, ווער קיין בראַזיל. געמסחרט, רייך געוואָרן, געבויט פאַמיליע־נעסטן, דערצויגן די קינדער אין אַ שטרענג־רעליגיעזן גייסט, אָבער די

היים־שפּראַך איז געבליבן אַראַביש, פּונקט ווי זייער נאָמען אין גאַס און אין דער קאָמערציאַנעלער וועלט — „סיריאַ״, „אַראַבי״. מוסא צידקי האָט פאַרלייגט זיין מסחר אין אַ קליין פאַרשטעטל און רופט עס „קאַזאַ לע־וואַנטע״. דער בעל־הבית האָט אומעטום געגאָלטן ווי אַן אַראַבער, אַפילו צווישן די נאָענטסטע שכנים.

זיצט ער איצט, ברייט צעוואַקסן, מיט די צעבליטע גרויסע וואָרצלען, וואָס אויף זיין היפשער נאָז, און לייענט די פראַנט־נייעס און קאָן זיך נישט זאַט אָנלייענען פון די נצחונות, וואָס זיין יידיש לאַנד פייערט איבער די שונאים. אַליין קלאָר און אויסגעבאָדן אין די הינטער־קוליסן פון די אַראַבישע „הייפן״, די אַלערליי קליקעס, וואָס איינער וויל דעם אַנדערן דאָס ווייסל פון אויג אויסדראַפּן, — רעכנט ער אויס, אַזוי ווי ער וואָלט זאָגן די הגדה פסח צום סדר: די מצרים קריגן זייערע שלעק פאַרן פחדנות און פאַררעטעריי: דער פורים־מלך, אַבדאַללאַ פאַר די געדונגענע רוצחים, פאַר די בעדואינער און פאַר די קעפּסווייבער זיינע; די סיריער — דעם היס־טאָריש־פאַרדינטן פּסק פאַר די בלוט־בלבולים, פאַר דעם הפקרות, פאַר הונדערטער יאָרן בזיונות, וואָס יידן האָבן געליטן, מישטיינס געזאָגט פון וועמען, — טראַכט זיך צידקי, פון די אין האַרעמישן זנות פאַרדאַרבענע, אין שוואַרצע שלייערן פאַרדאָסטע אַראַבישע גנבטעס, וואָס זענען זשעדנע אויפן יאַהודס אַ מלבוש, אַ כלי, אַ בהמה.

ביי אים אין צימער, איינגעראָמט אין אַ ראָמל, הענגט דער שיינער, ליכטיקער עמבלעם פון דער „הגנה״: אַ יידישער בחור מיטן אַקער און מיט דער ביקס שפּאַנט איבער דער הייליקער ערד, גרייט צו אַרבעט און קאַמף קעגן שונא. ער, צידקי, האָט זיינע קינדער נאָך נישט געקענט שיקן צום הייליקן לאַנד, זיי זענען נאָך צו יונג. ער וועט זיי זיכער שיקן, ווען זיי וועלן גרויס ווערן. דערווייל איז זיין געוויסן ריין, זיין חוב האָט ער דערפילט. אויפן רוף פון דער ספרדישער „עדה״ האָט ער געגעבן אַ גרויסע באַשטייערונג פאַרן הייליקן לאַנד, פאַר דער „הגנה״. און אַז מע וועט זיך נאָך אַ מאָל ווענדן צו אים, וועט ער נאָך אַ מאָל געבן, ווי אַלע יידן...

— אַן אייגענער? אַן אַראַבער? — האָט זיך דער אַריינגעקומענער אויף ס׳ניי אויסגעצויגן און ערשט איצט דערגרייכט זיין ריכטיקע הייך, —

מיר זענען געשיקט צו אַלע אונדזערע ברידער, זיי אויפצוּוועקן פון זייער שלאָף: דער „יאַהיד״ גייט אויפשטעלן אַ יאַהודישע מלוכה. ער פאַרכאַפּט אונדזער ערד און צעשטערט אונדזערע מעטשעטן. אַ יאַהודישע מלוכה איז אַ טויט־קלאַפּ פאַר אונדזער אמונה, פאַרן גרויסן אַראַבישן פאָלק, וואָס ציט זיך פון קאַספּישן ביזן מיטללענדישן ים; פון רויטן, איבערן נילוס, ביז טיף אין אַפריקע. מיר וועלן די קליינטשינקע יאַהידן צעקוועטשן, ווי מע צעטרעט אַ מוראַשקע, ווי אַ פליג, וואָס פאַרנעמט זיך צו קריכן אויפן געזיכט פון סולטאַן...

— איז וואָס ווילסטו? — האָבן זיך צידקיס נאָז־וואָרצלען געגעבן אַ שטעל־אויף, ווי הערנער, איבערהאַקנדיק די גאָרגלדיקע, געפּלאָכטענע, די גלאַט־איינגעחזרטע דרשה פונעם אַראַבישן גלח.

שנעל, ווי אַ טייוול, האָט דער אַראַבער געגעבן אַ כאַפּ אַרויס פון זיין משרתל, וואָס איז געווען פון אים אַזוי פאַרשאַטנט, — אַז מען האָט אים נישט באַמערקט, — די טעקע מיט די פּאַפּירן פון „אַראַבישן קאָמיטעט״.

— יעדער ברודער־אַראַבער באַשטייערט זיך פאַר דער הייליקער מלחמה... אויך דו, ברודער, פון דער „קאַזאַ לעוואַנטע״, וואָס איז אַזוי באַרימט מיט דער ערלעכקייט אין דער קאָמערציעלער וועלט. וועסט, לויט דיין שטאַנד און פּאָזיציע, בייטראָגן פאַר דעם מזבח דיין קרבן, — און ער האָט פאַרענדיקט מיט אַ חניפהלע, אויפוויקלענדיק די בויגנס פּאַפּיר.

צידקי האָט אַ כאַפּ־געטאָן פון גלחס האַנט די מאַטעריאַלן, ווי עס וואָלט געווען דאָס געווער פון שונא, ווי דאָס וואָלטן געווען די פינצטערע פּלענער זיינע. דער אַראַבער האָט געקנייטשט זיין הויכן צלמדיקן קערפּער בידעריקער, צום זיצנדיקן צידקי.

דער ייד איז שנעל געלאָפן איבער די אין אַראַביש געשריבענע שורות פון נעמען, פון געלט־סומעס. עס זענען געווען קליינטשינקע, לעכערלעכע סומעס, ממש צו שפּאָט, בעטלערישע נדבות. ער האָט פאַרשטיקט אין זיך די אומגעריכטע פרייד און געפרעגט דעם „שליח״:

— און וויפל האָט געגעבן דער אינדוסטריעלער שאַפיק? דער הורט־סוחר לאַטוף? דער מיליאַרדער אַבדאַללאַ? וויפל די „קאַזא סיריאַ״?

דער אַראַבער האָט שנעל אויפגעזוכט די געפרעגטע נעמען און גע־ענטפערט: 100, 50, 75, 20...

צידקי ווערט לענגער און ברייטער. זיינע בליקן שיינען אַריין אין זיין מיט וואָרצלען צעבליטער נאָז... פאַרשטעלט און באַזאַכט, ציט ער דעם אַראַבער ביים צונג:

— וואָס האָבן זיי געגעבן אַזוי קנאַפּ?

דער גלח ווערט אויפגעלעבט... ער צערעדט זיך גאַרגלדיק אויף אַראַ־ביש און זיין גוף הוידעט זיך אַרויף־אַראָפּ:

— יעדער האָט זיין תירוץ. דער זאָגט אַז מיר וועלן סיי ווי מיטן יאַהיד פאַרשפּילן; דער ענגלענדער האָט פאַרשפּילט, וועלן מיר אויך פאַר־שפּילן. אַן אַנדערער זאָגט, אַז אַבדאַללאַ און פייזאַל זאָלן אָפּשאַפן די האַרעמס, פאַרקלענערן די הוצאות פון זייער הולטייסטווע און פאַרן געלט באַוואָפּענען די אַרמייען; אַנדערע ווייטער, זענען נישט זיכער, צי די געלטער וועלן דערגיין צום מופטי; גאַר אַנדערע מיינען, אַז אַן דער אויס־לענדישער הילף וועלן זיך די ברידער סיי ווי אַן עצה געבן; גאַר אַ גרויסער טייל פון אונדזערע ברידער זענען אַזוי געשלאָגן מיט שלעכטקייט, אַז זיי ווילן גלאַט נישט געבן און טו זיי עפּעס.

צידקי האָט געלאָזט די לאַנגע צונג פון לאַנגן גלח רעדן וויפל ער האָט געוואָלט. וואָס מער יענער האָט גערעדט, אַלץ קלאָרער איז אים גע־וואָרן, אַז דער יידישער נצחון אויף די פעלדער פון ישראל איז אַ געזוי־כערטער. דער גלח האָט פאַר אים נאָך אַ מאָל אויפגעדעקט די פולע צע־פאַלנקייט און צעפּוילטקייט פון דער אַראַבישער וועלט, — אַ זאַך וואָס ער האָט סיי ווי גוט געוווסט.

לסוף רופט זיך אָן דער גלח:

— נו, וויפל באַשטייערט זיך דער „האַוואַדזשאַ צידקי"?

צידקי האָט שוין אויסגעקוקט אויף דער מינוט און גרייט געווען צו דערפירן דאָס שפּיל ביזן סוף:

— איך גיב מער! 10 מאָל מער! צוואַנציק מאָל מער!!!

דאָס משרתל איז שנעל צוגעשפּרונגען מיטן קבלה־העפטל. דער גלח האָט חניפהדיק־זיס זיך איינגעבויגן צו צידקין:

— וויפל פאַרשרייבן?

צידקי לאָזט איבער ביידע אַראַבישע שליחים אין געוועלב. אין אַ מינוט אַרום קומט ער צוריק מיטן איינגעראַמטן בילד פון דער „הגנה". דער אַקערנדיקער און באַוואָפנטער יידישער פויער האָט אַ בלענד־געטאָן פאַר די אויגן פון אַראַבישן גלח.

— נאַ, זע, איך האָב שוין געגעבן! און וועל נאָך געבן! זע: 10.000! נאָר אַ טייל!

פון איבערגעוואַקסענעם גלח איז געוואָרן אַן איינגעשרומפּענער שאָטן, ווי אַ „וואלט־דיסניי־פיגור". ער האָט זיך פאַרפלאָנטערט אין די פראַנדזן פון די צעהאַנגענע פאָרהאַנגען אין דער „קאַזאַ לעוואַנטע". וואָס שנעלער ער האָט געוואָלט אַנטלויפן פון געוועלב, אַלץ מער האָט ער זיך פאַרפלאָנטערט. זיין משרתל האָט אויפגעקליבן די צעשאָטענע פאַפירן פון „אַראַבישן קאָמיטעט".

אויף דער שוועל, מיטשלעפנדיק אַ קאַרטינע, האָט דער גלח, טויט־בלאַס, זיך געטרייסלט: „אַ יאַהיד... אַ יאַהיד..."

— יאָ, אַ יאַהיד! — האָט צידקי געפייערט, — קלאַפּ, חמור, צו דיין מופטי, דעם רוצח, אַ דעפּעש, ער זאָל זיך נישט מאַכן באַריש. די מלחמה מיטן יאַהיד האָט ער פאַרשפּילט!

דער נדן און די מתנה

די הויך־אַרויפגעשאָסענע דאָראָטעאַ האָט געשטעלט טריט ווי קלאַפּ־טערס. אין די צו גרויסע שיך, ווי קאַלאָשן, האָט זי נישט געשפּרייזט, נאָר געשלונגען דעם באָדן אונטער זיך. די בלוזקע לויז, דער מאַנטל צעווייעט, די ביכער צעשאָטן, — אַלץ האָט אויסגעזען ווי זי צעפּליט, זי לייזט זיך אויף.

נישט דערוואַרטנדיק זיך אויפן ליפט, איז זי אַרויפגעפלויגן איבער די שטיגן, איבערהיפּנדיק צו צוויי מיט אַ מאָל.

— מאַמע, איך לערן נישט מער! גענוג! אַ שאָד מיין צייט! מירן באַשלאָסן מער נישט צו לערנען! מירן גיין אויף הכשרה!

ברכהן האָט עס געטראָפן ווי אַ דונער. זי האָט שוין אַ צייט חושד געווען איר טאָכטער אין עפּעס. איר פאַרשייטקייט לעצטנס איז נישט לויטן שטייגער פון תמיד. זי איז אויפגערוימט, „באַטראַפּלט", ווי ברכה פלעגט זאָגן. נאָר ווער דאַרף זיך פאַרנעמען מיט אַ טאָכטער, וואָס שטודירט, האָט אַ גוטן קאָפּ און גייט איבער יעדעס יאָר? זי דאַרף דאָך שוין היי־יאָר באַקומען דעם דיפּלאָם פון קאָלעדזש.

די שמועסן צווישן באַקאַנטע סוחרים, אַז יונגוואַרג וואַרפט אַוועק דאָס שטודירן, האָט זי פאַרפולט מיט שרעק: עס זאָל איר כאָטש נישט טרעפן דאָס אומגליק! און אָט איז דאָראָטעאַ אַריין ווי אַ וויכער און דער דונער האָט אויסגעשאָסן!

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז געקומען דער צווייטער קלאַפּ: די יונגע דאָראָטעאַ, הגם אַזאַ איבערגעוואַקסענע און אַרויפגעשאָסענע, אָבער נאָך גאָר אַ יונג קינד, האָט זיך צונויפגעקאָמפּאַניעוועט מיט פאַרשיידענע בחורים, צווישן וועלכע עס האָט זיך באַזונדערס אויסגעטיילט זשיימע, אַ זונדל פון איר, ברכהס, אַ שניידער, זיינוול פּרעסער. אַ פריילעך יידל, אַן ערלעכער

אַפילו, אָבער אַ ביטערער אָרעמאַן. ברכה האָט זיך געגעסן דערפון די לעבער...

צוזאַמען מיטן מאַן, הערמאַן, דעם באַלעבאָס פון „מאַנופאַקטוראַ דע קאַלסאָס", טרעט זי נישט אָפּ פון דאָראָטעאַן צו מאָרגנס נאָך דער גוטער בשורה:

— טאָכטער לעבן! ווער זענען מיר און ווער איז זשיימע? ביי אונדז אַרבעטן 20 „וויאַזשאַנטן". אונדזערע הויזן צעגייען זיך איבער מינאַס, ריאָ גראַנדע דע סול, אין ריאָ... אין אַלע צייטונגען זענען דאָ אונדזערע אַנאָנסן... זע די היינטיקע „גאַזעטאַ"...

דאָראָטעאַ קוקט אויפן אַנאָנס מיטן קאַוואַליער אין די אויסגעפּרעסטע הויזן. איר בליק פאַלט אויפן קאַלענדאַר פון קרן־קיימת: אַ סטאַדע שאָף, אין פאַרנאַכטיקער דעמערונג, קומט צוריק אין קיבוץ.

— ווילט איר איך זאָל אויסטוישן, — ווייזט זי אויפן קאַלענדאַר, — אָט דאָס שיינע לעבן פאַר אַ פּאָר אייערע הויזן? געשווינטער וועט איר זיך גטן מיט אייער „מאַנופאַקטוראַ דע קאַלסאָס", ווי איך מיט מיין בחור...

*

עס איז געוואָרן אַ צעפּאָרענע שטוב: דאָראָטעאַ האָט מיטגעבראַכט צו די מיטאָגן נישט בלויז זשיימען, און נישט בלויז חברים פון די באָם־רעטירער אָרעמע יידישע גאַסן, נאָר אויך חברים פון דער פרעמד. נישט תמיד זענען זייערע בגדים געווען לויטן באַלעבאַטישן שטאַנד... און די חברות אירע פלעגן בלייבן נעכטיקן מיט איר צוזאַמען, עס זענען אַוועק גאַנצע נעכט אין שמועסן. די דיסקוסיעס און געלעכטערס פון דאָראָטעאַס שלאָפצימער האָבן פאַרקלונגען אַלע איבעריקע שטובן. עס האָט קיינער קיין אויג נישט צוגעמאַכט. אויפגעוועקט אפילו די שכנים פון די אַפּאַרטאַ־מענטן. ביז שפּעט ביינאַכט האָבן זיי לידער געזונגען!

אָבער נאָך ערגער איז געווען, ווען דאָראָטעאַ איז אין גאַנצן נישט געקומען אַהיים שלאָפן. טאַטע־מאַמע האָבן זיך געגריזשעט, אַזאַ איבער־קערעניש: אָט האָט זי געזאָלט היי־יאָר „ענדיקן", אַ באַלעבאַטישער שידוך האָט זיך שוין געהאַט געשניטן. דורך דער טאָכטער האָבן זיי גערעכנט זיך

אַרײַנצופּלעכטן אין די בעסערע הײַזער, אין די שענערע גאַסן, אין די „זשאַרדינס", אין אַריסטאָקראַטישן קוואַרטאַל פון סאַן־פּאַולאָ...

ברכהס קאָפּ איז געגאַנגען ווי אויף רעדער. זי האָט באַשלאָסן אַהינצוגיין, צו זײַנוולען, איר הויזנפּרעסער.

— זײַנוול, איר ווילט טאַקע ווערן מײַן מחותן? איר ווייסט דערפון, אַז אין בראַזיל איז דער מנהג אַז דער חתן, נישט די כלה, גרייט אָן דעם נדן?

זײַנוול איז אירס אַ לאַנדסמאַן. אַן ערנסטלעכער ייִד אַפילו, נאָר אַ פּאָר־שלעפּטע קרענק, אַ טעאַטער־שפּילער, אַ זינגער אין כאָר, אַ וויצלער, אַ מענטש פון די „קלובן", און ס'ווייבל זײַנס שטייט נישט אָפּ פון אים. דערפאַר טאַקע איז ער געבליבן בײַם פּרעסן הויזן און זי בײַם נייען קנעפּ, אַרבעטן פאַר יענעם.

— נו, וואָס זאָגט איר, זײַנוול, צו דעם? איר זענט דאָך נישט קיין נאַר, — האָט ברכה אים געקוקט אין זײַן גראָער טשופּרינע אַרײַן און געטרייסלט דערבײַ מיטן אויפגעהויבענעם קאָפּ.

— ברכה לעבן, איר זאָלט מיר געזונט און שטאַרק זײַן, — האָט זײַנוול מיט אַ שמייכל איר געענטפערט און איר צוריקגעקוקט גלײַך אין פּנים אַרײַן, — מײַן זשיימע האָט גאָר אַ וואַזשנעם נדן. אַ רײַכן נדן, וואָס ער האָט אים געקריגן בירושה פון מײַן זיידן און ער איז אָפּגעהיטן געוואָרן ווי אין אַן אײַזערנער קאַסע, און דער נדן איז מער ווערט ווי אײַער „מאַנופאַק־טורא דע קאַלסאַס", און איר וועט נאָך געוויר ווערן סאַראַ מחותן מיר האָבן. כאָטש מיר זענען בײדע אָפּאָליער, ווייסט איר נאָך נישט אַלץ וועגן מיר...

ברכה בלײַבט געפּלעפּט. זי ווייסט, אַז זשיימע איז אַ גרויסער לץ. אָבער ער זאָגט עס מיט אַזאַ ערנסט און אָן אַ פּינטל מיטן אויג אַפילו. ווער ווייסט, אפשר ליגט טאַקע די מתנה פון לאַנג אָנגעגרייט פאַר זײַנוולס בן־יחיד — אַ נדן, אַ ירושה?

***

און דאַראַטעאַ האָט זיך דערווייל געטראָגן ווי אַ וויכער אויף די לאַנגע, ווי ביי באַטשאַנעס פיס, איבער די גאַסן פון באָם רעטירא, דעם יידישן קוואַרטאַל, צום בייז וווּנדער פון די סוחרישע באַלעבאַטים. איר מאַנטל, קיין מאָל נישט קיין פאַרקנעפלטער, האָט געפלאַטערט, ווי זי וואָלט געווען אַ פּאַן. זי האָט געוואָלט פאַרשלינגען די גאַס, מענטשן. מיט נאָך חברים און חברות האָט זי זיך אַריינגעריסן אין יידישע שטובן, צוגערעדט די קינ־דער אָוועקצוּוואַרפן די לימודים, די שול־בענק, דאָס באָם־רעטירער גלות־לעבן, אויב טאַטע־מאַמע וועלן נישט באַשטיין און פּרווון שטערן, — אָוועק־וואַרפן די היים! נישט פון איין יידישער שטוב האָט מען זי דערפאַר די טיר געוויזן...

אַז ברכה האָט געזען, אַז דאָס אומגליק האָט נישט בלויז איר „באַ־טראָפן", האָבן זי און הערמאַן שלום געמאַכט מיטן געדאַנק. אַ ברירה האָבן זיי געהאַט? אויס לערנען, אויס יחוסדיקער שידוך. זיי האָבן אָבער נישט געקענט צוזען דאָס אַרומפליען פון זייער טאָכטער, און דאָס, וואָס דאָס צעכראַשטשעטע פּאָרל האָט אפילו נישט קיין צייט לייטיש זיך אָנ־צוטאָן. דאַראָטעאַ, ווי זעגל אויף אַ שיף בעת אַ געוויטער, האָט אַנגע־טראָגן, צוזאַמען מיט זשיימען, אַ שטורעם אין די יידישע גאַסן, אין די יידישע היימען. מען מוז געפינען אַ תכלית פאַר זיי.

פון זיינוולען איז זי געווויר געוואָרן, אַז חברה קלייבט זיך אויף הכשרה און דערנאָך אָוועקצופאָרן אין דער יידישער מדינה. אויף דער הכשרה, האָט איר דער פּרעסער אויפגעקלערט, אַרבעטן די מיידלעך און ייִנגלעך שווערע אַרבעט, כדי צוגעוווינען זיך צום נייעם לעבן פון ישראל, „וואָס איז נישט בראַזיל". זיינוויל האָט איר דערציילט, אַז אַ טייל האָט שוין חתונה באַלד ביים גיין אויף דער הכשרה, און אַ טייל ערשט האַרט ביים אָפּפאָרן קיין ישראל.

ברכהס קאָפּ איז געגאַנגען ווי אויף רעדער: אַזוי לאָזן דאָס פּאָרל אַרומ־שלעפּן זיך, — אַז אָך און וויי צו אַזאַ פּאָרל — טאָר מען נישט! „איך בין אַ מאַמע"... בעסער מאַכן אַ קנסמאָל, אַ „וואָרט", אפשר וועלן זיי זיך אַזוי אַנאָך אָפּקילן, אָפּרוען. אפשר אין גאַנצן זיך אַרויסשלאָגן פון קאָפּ די הכשרה מיט דער „עליה"?...

אפשר איז די „מאווימענטא" זייערע נישט מער ווי אַ צודעק צו די ליבעס, וואָס די חברים און חברות פירן? זעט מען דאָך, ווי עס האָבן זיך אויסגעשיילט אַ סך פּאָרלעך, נישט בלויז דאָראָטעא־זשיימע? עס איז ביי איר, ברכהן, וואָס אַ מאָל קלאָרער געוואָרן, אַז יונגוואַרג מיינט נאָר „דאָס". זי איז נאָך אַ מאָל אַוועק צום הויזנפּרעסער, דאָס מאָל צו באַשטימען אַ קנסמאָל.

— נו, מחותן, איר האָט שוין אַרויסגענומען דעם נדן? — האָט זי געשמייכלט איראָניש און דאָס וואָרט „מחותן" אויסגעצויגן. לאָמיר צו־קלאַפּן דעם זיווג, שרייבן תנאים, צי גלאַט אַזוי אַ „וואָרט".

זיינוול לייגט אַוועק דאָס אייזן און רייסט איבער דאָס לידל, וואָס ער האָט תמיד געצויגן ביים פּרעסן:

— מיטן שענסטן כבוד, ברכה לעבן. דעם נדן וועל איך אויסציילן ביים „וואָרט". איך בין נישט קיין אַנזעצער, — האָט ער צוגעגעבן מיט אַן אַנצוהערעניש, אַז ברכהן איז אַזש דאָס בלוט געקומען אין די באַקן אַריין...

*

ווען דאָראָטעא מיט איר קוועקזילבערדיקן זשיימע זענען אַמאָל אַרויף אין שטוב צו געבן אַ כאַפּ אין מויל אַריין, — לייטיש אַפּצועסן האָבן זיי קיין מאָל קיין צייט נישט געהאַט, — האָט מען זיי בכוח אַנידערגעזעצט. ברכה האָט געגעבן אַ סיגנאַל און פון דער אַנדערער שטוב האָבן זיך באַ־וויזן זשיימעס עלטערן, אויפגערוימטע, אויסגעפּוצטע.

— מזל טוב, קינדער! מזל טוב חתן־כלה!...

דאָראָטעא האָט מיט איר קערפּער פּאַרדעקט דעם גאַנצן טיש, אַזוי ספּאַזמאַטיש האָט זי זיך צעלאַכט, שטורכנדיק זשיימען: „אַט קליינבירגער! האַהאַ קליינבירגער!"

אַז דאָראָטעא האָט זיך באַרויקט, גיט זיינוול פּרעסער אַ קלאַפּ אין טיש און רופט אויס:

— האַרציקע מחותנים! טייערע חתן־כלה! איך האָב צוגעזאָגט אייער

מאַמען נדן, ווייל אַזוי פירט זיך אין בראַזיל, דער חתן גיט דעם נדן. דאָ האָט איר דעם נדן...

אַלעמען פאַרכאַפּט דער אָטעם. ס׳ווערט טויט־שטיל...

זיינוול נעמט אַרויס פון זיין רעקל אַ צילינדערדיק שאַכטל. עפנט אויף באַזאַכט דעם דעקל און נעמט אַרויס פון דאָרטן אַ פּאַפּיר, גערעליעט ווי אַ מגילה. ער וויקלט עס אויף פּאַמעלעך, פּאַמעלעך, מיט ערנסט און פאַרכטלעכקייט. עס דערשיינט לסוף די מאַפּע פון מדינת ישראל.

אַוועקשטעלנדיק זיך מעשה אַקטיאָר, הייבט ער אָן מיט אַ פייער־לעכן טאָן:

— רבותי! זייט וויסן, איך גיב מיין טייערן בן־יחיד, מיין זשיימען, אַ וואַזשנעם נדן, אַן אוצר, וואָס דער רייכסטער ייד מעג זיך דאָס ווינטשן: ארץ ישראל גיב איך, מדינת ישראל! און איך בין איינגעטאַן אין יחוס: דער מחותן איז נישט קיין אַנדערער ווי פּראָפעסאָר חיים ווייצמאַן!

נישט געבנדיק קיין פינטל מיטן אויג, ווענדעט ער זיך צו ברכהן:

— נו, וואָס זאָגט איר איצט, מחותנתטע, צום נדן, האַ? איז עס נישט אַ ירושה פון דור־דורות? אַ גרעסערער נדן ווי די „מאַנופאַקטורא דע קאַלסאָס״...

— בראַוואָ, פּאַפּאַי! בראַוואָ, — שרייט אויס אַנטציקט זשיימע און שפּרינגט אַרויף, ווי אַ קינד, אויפן טאַטן, — בראַוואָ מדינת ישראל!

ברכה איז צעטומלט און ווייסט אַליין נישט צי וויינען, צי לאַכן. אַ ווײַלע האָט זי געשוויגן, דאַן האָט זי אָנגעהויבן בראַקן אין יידיש און אין פּאָרטוגעזיש, — אין אַזאַ שעה איז עפּעס שענער פּאָרטוגעזיש, האָט זיך איר געדאַכט, — און זי נעמט זיך פאַרען אַרום אַ שאַכטעלע און הערמאַן, איר מאַן, העלפט איר אַרויס. זי עפנט אַ פּליושענע פושקע, אין זיידן אויסגע־בעט, אינעווייניק האָט זיך געשלענגלט אַ גאָלדן קייטל.

ברכה ציט און ציט דאָס גאָלדענע קייטל. צום סוף באַווייזט זיך אַ זייגערל.

— דאָס איז אונדזער ערשטע מתנה פאַר אונדזער חתן, — נאַ, זשיימע, עס איז אַ טייערע „זשאַיאַ״, נישט פון פּאַפּיר, — האָט זי אַ שטאָך געגעבן זיינוולען.

דאָראָטאַ שטויסט זשיימען, — דערנענטערנדיק זיך צו ברכהן רופט ער אויס:

— בראַוואָ, סעניאָראַ! בראַוואָ, שוויגער! עס איז אַ מתנה צו דער ריכטיקער צייט. עס וועט זיין פאַר דער לישכה! פאַרן „מאָווימענטא" וועט עס זיין, בראַוואָ!

רשעים

עס איז געווען אַ טומלדיקע פאַרזאַמלונג. אַזוינס האָט נאָך דאָס שטעטל ביז דאַן נישט געזען. ראשית, האָט קיינער נישט געפעלט. געקומען פון קלענסטן ביזן גרעסטן. והשנית, האָבן אַלע איבערגעשטיגן די אָנגע־צייכנטע באַשטייערונגען. איין קליינקייט: דאָרט, אין הייליקן לאַנד, שלאָגן זיך אונדזערע העלדן אַזוי ווונדערלעך, אַז עס האָט אַזש פאַר־חידושט די וועלט! — זאָלן מיר קאַרגן אונדזערע פּרוטות?

די דעלעגאַציע פון סאַן־פּאָולער הגנה קאַמפּיין האָט שוין מער ווי זי האָט זיך געהאָט פאַרצייכנט, העט, העט אַריבער! און דאָ היצן זיך נאָך די פּראָווינצער און זוכן, נישטערן, אפשר איז עמעצער געבליבן פון דרויסן. זיי נישטערן, ביז זיי האָבן זיך דערמאָנט אָן דעם אויסטערלישן אַלטן פאַרפאַלק, וואָס גיט נישט, — נישט פאַר די לעבעדיקע און נישט פאַר טויטע.

זיי גיבן נישט פאַר דער שול און נישט, להבדיל, פאַרן בית עולם, — האָט מען דערקלערט די הגנה־שליחים.

איז געבליבן אויסצוקלייבן אַ גרעסערע דעלעגאַציע, פון אָרטיקע און פון די געסט, זיי זאָלן צו מאָרגנס אין דער פרי באַזוכן די דאָזיקע פאַר־שטיינערטע מענטשן, וואָס האָבן זיך פאַרפּאַנצערט קעגן יעדן רוף, פאַר־קלייבנדיק זיך אין סאַמע עק פון דער שטאָט.

בעת די גרויסע דעלעגאַציע האָט צו מאָרגנס איבערגעטראָטן די שוועל פון דעם גרויסן און רייכן הויז, כמעט אויפן פעלד הינטער דער שטאָט, — איז דאָס אַלטע פאַרפאַלק געזעסן ביים ראַדיאָ־אַפּאַראַט און אָנגעקוואָלן פון דער „יידישער שעה"... זייערע פּנימער האָבן זיך געשמאָלצן פאַר תענוג, מיטגעכיכעט מיט די וויצן און קופּלעטן — נישט באַמערקט אַפילו דאָס אַריינקומען פון די פרעמדע יידן.

נאָר אַט האָט פּלוצלונג אַ בלייכקייט פֿאַרצויגן די רויטע בעקלעך פֿונעם אַלטן ייד, — ווי ער וואָלט דערבליקט דעם מלאך המות. די ליפּן האָבן אָנגעהויבן צו פּרעפּלען און, אויסשטרעקנדיק מיט קראַמפּן זיין ביי־נערדיקע האַנט צום ווייב, האָט ער פֿאַרוואָרפֿן זיין קאָפּ און זיך אַראָפּ־געגליטשט פֿון שטול.

דער בעל־הבית האָט געחלשט.

די באַלעבאָסטע, נישט פֿרעגנדיק אַפֿילו נאָך וואָס דער גרויסער עולם יידן איז געקומען; נישט ענטפֿערנדיק אויף די באַגריסונגען זייערע, נישט פֿאַרבעטנדיק צו זעצן זיך, — האָט צעשפּרייט איר פֿאַרטעך צו פֿאַרשטעלן און באַשיצן איר אין חלשות פֿאַרשמאַכטן מאַן. פֿאַרמאַכנדיק דעם ראַדיאָ האָט זי מיט אַ געבייזער דערקלערט:

— מיר געבן נישט! איר ווייסט דאָך: מיר געבן נישט!

ס׳איז אַרויסגערעדט געוואָרן פֿיינטלעך, אַנטשלאָסן און טרוקן: „מיר געבן נישט״.

זי וויל בכלל נישט אַריינגיין אין דעם ענין. נישט אויפֿנעמען קיין שום בקשה אויף לכתחילה. עס איז איר גלייכגילטיק אויף וואָס און פֿאַר וועמען די דעלעגאַציע איז זיך מטריח. . . .

דער עולם איז געבליבן אָן לשון און צעטומלט. ווו נאָר זיי זענען געקומען, האָבן די פֿאַרגעסענע, איינזאַמע יידן, וואָס וווינען ווי פֿאַרוואָרפֿענע, אָפּט איין און איינציק, אין די פּראָווינץ־שטעטלעך, אויסגעליידיקט זייערע שופֿלאָדן און טייסטערס, זיך משתתף צו זיין כאָטש מיט געלט אין דער יידישער גבורה, וואָס האָט אַזוי געטרייסט אונדזערע פֿאַרחלשטע הערצער. און דאָ אַזאַ רשעות?

— אַרויס פֿון מיין שטוב, שנעלער! איר זעט דאָך: מיין מאַן שפּילט מיטן לעבן! אַרויס! מיר געבן נישט!

ווי אַ מכשפֿה, וואָס פֿאַריאָגט בייזע שדים, האָט זי געפֿאָכעט מיט איר שערץ:

— אַוועק! אַוועק! מיר געבן נישט! זעט, איר פּטרט מיר מיין מאַן, רוצחים!

די שליחים דערשרעקן זיך נישט. זיי קוקן זיך אַרום: די שטוב — אַ רייכע, גביריש אויסגעשטאַט, מיט פיל צאַצקעלעך און קרישטאָל. מלאכים־לעך אויף די מאַסיווע מעבלשטיקער. גאַנצע צוויי אייזערנע קאַסעס. אַ פליר־שענע קאַנאַפע.

צו ערשט האָבן די שליחים אַפּגעמונטערט דעם פאַרחלשטן בעל־הבית, אים מיט מי אַריינגעטראָגן אין צווייטן צימער, אַרויפגעלייגט אויפן בעט. זאָל ער צו זיך קומען. דאָס אַלטע ווייבל האָט איר געבייזער באַנייט מיט מער רוגזה:

— בחינם אייער טירחה! מיר געבן נישט! גייט אייך פון וואַנען איר זענט געקומען! מער זאָלט איר מיין שוועל נישט איבערטרעטן!

די שליחים, מיטן באַוווסטזיין פון זייער מיסיע, האָבן נישט געהאַט בדעה צו פאַרלאָזן די שטוב. אַזוי האָט מען זיי אָנגעזאָגט און באַשווירן: „יעדע שטוב, וווּ עס וווינט אַ ייד, מוז בייטראָגן עפּעס צו דער הייליקער מלחמה"... האָבן זיי זיך צעזעצט אַרום טיש, פאַרנעמענדיק אַלע בענקלעך. די שטוב איז ערשט איצט פול געוואָרן מיט זיי, מיט די שליחים.

הויך און קלינגענדיק, ווי ער וואָלט וועלן, אַז זיינע ווערטער זאָלן אַרויס אין דרויסן, — נעמען די וועלט פאַר אַן עדות, — האָבן אָפּגעהילכט דעם שליחס ווערטער:

— דאָרט, אין ישראל, קומט פאַר די מלחמה פון יידישן פאָלק פאַר זיין לאַנד. די רעשטלעך פון די גאַזקאַמערן ווילן זיך דערשלאָגן, — און וועלן זיך דערשלאָגן — אויף שטענדיק צו אַן אייגן לעבן, כדי אַזעל־כע יידן ווי איר, ווי מיר, זאָלן מער נישט זיין ווי שפּענדלעך אויפן ווינט... יידישע קינדער פאַרגיסן אין איצטיקן מאָמענט זייער בלוט, זענען מקריב זייער יונג לעבן... מאַמעס שיקן זייערע קינדער אויפן שלאַכט־פעלד... און זיי פעלט געווער, זיי פעלט ביקסן צו פירן די מלחמה, וואָס איז אונדזער מלחמה!

דעם שליחס ווערטער זענען געווען אַדורכגעדרונגען מיט וואַרעמקייט, כאָטש ער האָט זיי שוין אַזוי פיל מאָל אַרויסגעזאָגט. ער איז געווען זיכער, אַז אויך דער ייד, פונקט ווי אַלע יידן, וועט עפענען זיין טייסטער און געבן. אפשר וועט ער, ווי אַ טייל שלעכטע יידן, זיך פּרווון צו דינגען, אַראָפּ־

צוהאַנדלען, אָבער געבן וועט ער. ביז איצט איז נאָך נישט געווען דער פאַל, אַז אַ ייד זאָל נישט מיטגעריסן ווערן מיט דער העראָישער יידישער מלחמה!

אומגעדולדיק האָבן די איבעריקע שליחים זיך געריסן צו ווערטער, צו שאַרפע אַריינזאָגעכצן. דער ראש המדברים האָט זיי איינגעהאַלטן:

— מסתמא איז צו דעם ייד נישט דערגאַנגען דער עכאָ פון דער יידישער מלחמה... מען דאַרף אויפקלערן. געדולד!

דערווייל איז שוין דער פאַרחלשטער געקומען צו די כוחות. ווי אַ מת פון קבר אַרויס, האָט ער אַריינגעשפּאַנט אין צימער, וווּ עס האָבן זיך צע־זעצט די שליחים. אָנכאַפּנדיק דעם רעדנער ביים האַנט, האָט ער אים אי־בערגעריסן מיט אַ טרוקן און באַפעלעריש קול:

— מיר ווייסן אַלץ און מיר געבן נישט און מיר ווילן נישט געבן!

ווידער איז דער עולם געבליבן אָן לשון. נישט געווען מער וווּ איינ־צובייסן, וווּ אָנצוהייבן, — אַז ער גיט בכלל נישט!

האָבן זיי אים מודיע געווען, אַז זיי ווילן נישט פאַרלאָזן די שטוב זיינע, אפילו בלייבן איבער נאַכט. זיי זענען שליחים פון גאַנצן פאָלק און זיי, די שליחים, האָבן נישט קיין רשות צו פּריווילעגירן דעם, צי יענעם ייד. בפרט, אַז ס'איז קענטיק אַז דער ייד איז אַ רייכער: אַ הויז — אַ פּאַלאַץ...

די אַלטיטשקע זוכט עפּעס אַ כלי... כאַפּנדיק אַ פלעדערוויש, פּאָכעט זי פאַרן פּנים פון רעדנער:

— עס איז אונדזער פּראַצע! קיינער האָט אונדז נישט געגעבן! רוצחים, איר ווילט דאָס לעבן פון מיין מאַן?! אַרויס פון דאַנען!

באַרויקט זי אַן אַנדער שליח:

— אָט האָבן מיר אייך אָנגעטראָפן ביי דער יידישער ראַדיאָ־שעה, הייסט עס, איר זענט וואַרעמע יידן. אייך גייט אָן יידישקייט. איר רעדט דאָך אַזוי גוט יידיש. טאָ פאַרשטייט: עס גייט וועגן אונדזער קיום, אָדער איצט, — אָדער קיין מאָל נישט. די גאַנצע וועלט קוקט אויף אונדז. זעקס מיליאָנען זענען אומגעקומען. מיר, פּונקט ווי איר, האָבן געקענט זיין צווישן זיי. מיר ווילן ווערן אַ פאָלק ווי אַלע פעלקער. יעדעס פאָלק בויט

זיין מלוכה מיט קרבנות און פון אייך ווילן מיר אַ קליינע באַשטייערונג, וואָס איז דען, מישטיינס געזאָגט, געלט?

מאַן און ווייב האָבן זיך צוגעטוליעט, פעסטער איינגעשלאָסן, ווי פאַרטיידיקנדיק זיך קעגן די אָנגריפן... האַרט ווי גלאָז איז געווען זייער ענטפער: „מיר געבן נישט".

אַ שליח נעמט אַרויס די ליסטע פון אַלע שטעטלשע יידן. געווען גאַר גרויסע סומעס. געווען קלענערע, געווען גאַר קליינע. וועדליק יעדנס שטאַנד, וועדליק יעדנס מעגלעכקייט. פיל האָבן געגעבן לפנים משורת הדין. טאָ זאָל נישט זיין די חרפה, אַז אַ רייכער ייד, אין דער היינטיקער צייט, נאָך די שחיטות, האָט זיך פורש געווען מן הציבור: „גיט ווייניקער, אָבער גיט!"

— מיר געבן נישט, — האָבן זיי שוין גלייכגילטיק געענטפערט.

*

די צייט לויפט. שוין אַ שעה, שוין צוויי, ווי די שליחים האָבן איבערגעטראָטן די שוועל פון די אויסטערלישע מיזאַנטראָפּן. די באַלעבאַטים, גולמדיקע, אַפּאַטישע, זענען אין פאַרגליווערונג.

איז געפאַלן אויף אַ המצאה איינער פון די גרויסשטאַטישע שליחים. ער פלעגט אַמאָל שפּילן אויף דער יידישער בינע. נאָך אַ מאָל געבעטן דאָס אַלטע פּאָרפאָלק זיך באַזינען און ווען זיי האָבן אויף ס'ניי איבערגעחזרט דעם אלטן פּזמון „מיר געבן נישט", האָט ער אָנגעהויבן זיין דרשה מיטן סקאַרבאָון, וויינענדיקן טאָן פון קעלמער מגיד. אַ דרשה, אין נוסח פון קאַברינס „יענקל בוילע", ווו ער האָט געשילדערט, ווי זיי וועלן אָנקומען אויף יענער וועלט, ווי דער מלאך הדומה וועט זיי אַ פרעג טאָן: „וואָס זענען געווען אייערע מעשים אויף דער וועלט? וואָסערע מצוות האָט איר אויפּצווייזן, וואָס זאָלן מכפּר זיין אויף אייערע שרעקלעכע עבירות?"

און דערנענטערנדיק זיך צום דערשראָקענעם פּאָרפאָלק האָט ער זיי אַריינגעשריען מיט פּחד־ניגון:

— דער מלאך הדומה וועט אייך איבערגעבן אין די הענט פון די מלאכי־חבלה, פאַר אייער רשעות; זיי וועלן אייך שינדן די הויט, טריקענען אייך איבערן פייער, ווי געבדז. אייער פלייש וועט מען פרעגלען אין סמאָלע, אין פעסער סמאָלע. איר וועט בעטן רחמנות, אָבער די איינציקע, וואָס וועלן זיך צוהערן צו אייך וועלן זיין די שדים פון גהינום, וואָס וועלן זיך קאַטשען פאַר געלעכטער. איר וועט וועלן מיטן געלט אונטערקויפן די משרתים פון טייוול, אָבער דאָס געלעכטער וועט זיין נאָך שטאַרקער: „דאָס געלט וואָס איר האָט געזשאַלעוועט פאַר מצוות?... און מען וועט אייך בראָטן און ברענען אַ גאַנצע וואָך. ערשט אויף שבת וועט מען אייך אָפּלאָזן, אָבער צו דער הבדלה וועט מען אייך שוין ווייטער שלעפּן צו די קעסלען סמאָלע און אַזוי תמיד, תמיד — האָט ער אויסגעלאָזט מיטן אימהדיקן ניגון.

דאָס פּאַרפאָלק האָט זיך געטרייסלט פאַר שרעק. זי, מיט אַ דורכזיכטיקן פנים, האָט געפלאַקערט, אירע איינגעדאַרטע, פאַרברענטע ליפּן האָבן עפּעס געשעפּטשעט אין אימה; ער, באַגאָסן מיט שוויס, האָט געציטערט, ביז ער האָט אַרויסגעפּלאַצט אין אַ היסטעריש געוויין:

— מיר געבן נישט... מיר געבן נישט...

מעשה בשני יידן

האַסטיק איז אָנגעפאָרן דער אויטאָמאָביל מיט די שליחים פון דעם „הגנה־קאָמיטעט". אויפן צעטל איז געבליבן דאָס לעצטע שטעטל. עס זאָלן דאָ זיין צוויי, צי גאָר נאָר איינאיינציקער ייד.

מיט דריי טעג צוריק זענען די שליחים אַרויסגעפאָרן פון סאַן־פּאַולאָ צו די קלענערע שטעט אין „אינטעריאָר", אָפּצונעמען די באַשטייערונגען פאַר דער „הגנה". עס האָט זיי געטראָגן דער אימפּעט: דאָרט, אויף די פעלדער פון נגב, פון גליל, ביים ירדן און אין יפו, פלאַקערט דער אומ־גלייכער קאַמף... מאַמעס שיקן זייערע קינדער אויפן שלאַכט־פעלד און יידיש בלוט גיסט זיך פאַר אַן אייגן לאַנד, נישט פאַר פרעמדס... עס ווערט געחתמעט דער גורל פון פאָלק און דאָ, אין בראַזיל, קענען מיר בלויז מיט נדבות זיך באַטייליקן.

פינף באַגייסטערטע שליחים האָבן אויפגערודערט די פאַרוואָרפענע יידן. זיי זענען אומעטום באַגעגנט געוואָרן מיט באַגייסטערונג, אויפגענומען געוואָרן האַרציק. די יידן האָבן אויף זיי געוואַרט, ווי אויפן אָנקומען פון עפּעס סיגנאַלן, „צייכנס", ווי מען וואַרט אויף אליהו הנביא. האָבן זיי שוין געהאַט אָנגעגרייט געלט, אָנגעגרייט ווערטער פון בטחון און שטאָלץ און זיך געגרויסט מיט די העלדישע מעשים פון אונדזערע גיבורים אין ישראל. די שליחים האָבן גערעדט אין גאָר הויכע טענער, געפאָדערט גאָר גרויסע סומעס און — האָבן זיי באַקומען.

איצט האַלט עס ביים סוף פון דער נסיעה. די אָנגעצייכנטע, געצילטע סומע איז שוין לאַנג דערגרייכט און אפילו איבערגעשטיגן. אָבער נאָך איין ייד, צי צוויי, — אויפן וועג צוריק — און מען טאָר זיי נישט אויסמיידן.

און אָט איז שוין אַראַקוואַראַ. שווער שניידט זיך אַדורך דאָס פאַר־

שטויבטע וועגעלע צווישן דעם געדיכטן עולם. עס איז זונטיק פאַרנאַכט. דאָס קליינע שטעטל, ווי אַלע בראַזיליאַנער שטעטלעך אין דער צייט, איז איבערפולט מיט שפּאַצירנדיקע, מיט יוגנטלעכע: מיידלעך באַזונדער, בחורים באַזונדער.

אַרויס פון אויטאָמאָביל, זוכן די שליחים דעם שילד פון יידישן געשעפט. ער איז אַ פּוילישער דער ייד, פון זדונסקאַ וואָליאַ. און אָט אַנטפּלעקט זיך דאָס געשעפט, — פאַרנעמט אַ גאַנצן „קוואַטעראָן". עס זעט אויס, ווי דאָס גאַנצע שטעטל וואָלט זיך געוועזן צוגעטוליעט צום געשעפט פון פוילישן ייד, וואָס איז געקומען פון זדונסקאַ וואָליאַ קיין אַראַקוואַראַ און דאָ פאַרלייגט אַ געשעפט און שפּעטער זענען צו אים צוגעוואַקסן נאָך געשעפטן, נאָך הייזער. ער איז אין סאַמע האַרץ פון ישוב.

די שליחים קלינגען אָן, און איבערטרעטנדיק די שוועל האָבן זיי דערזען, אַז זיי האָבן געשטערט דעם ייד, נעבעך, אין זיין זונטיקדיקן פּאָקער...

דער „טיש" איז געוואָרן דערשראָקן, ווי פּאָליציי וואָלט זיי געוועזן איבערגעפאַלן... די שפּילער — בלאַס ווי קאַלך, און דערשיטערט. איינער פון די זיצנדיקע, נישט קיין דאָרטיקער, זעט אויס, האָט זיך גלייך אָנגעשטויסן נאָך וואָס די אומבאַקאַנטע זענען געקומען און האָט איינגערוימט דעם באַלעבאָס אין אויער: „הגנה"!

מיטן פלאַקער פון דער קאָרטן־תאוות אין בליק, אַ בייזער פאַרן פאַרצעמדיקן שטער, האָט זיך דער באַלעבאָס געוואָרפן:

— פונקט איצט, זונטיק נאָך מיטאָג; הכלל, וויפל ווילט איר?

די פראַגע איז געשטעלט געוואָרן מיט געבייזער, מיט גבירישער חוצפּה. לייזער טאַבאַק, איינער פון די שליחים, צינדט זיך אָן, דערנענטערט זיך צום גרינעם טיש, נעמט ארויס אַ פּאַפּיר, און, אַוועקשאַרנדיק די קאָרטן, רופט ער אויס:

— מיר זענען פון דער הגנה!

דאָס וואָרט האָט הויך אָפּגעקלונגען אין דעם געוועלבטן זאַל און עס האָט זיך געדוכט, אַז פון דאָרט, ווייט אין ווינקל, איז צוריקגעקומען אַן עכאָ: „ה—ג—נ—ה".

— מיר דערוואַרטן פון אייך 10 קאָנטעס, לכל הפחות. מיר זעען, אַז איר קענט געבן מער...

דעם באַלעבאָס בליקן האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף זיינע מיטשפּילער. זיין רוגזה, האָט זיך געדוכט, איז נישט צוליב דער אָנגערופענער גרויסער סומע, נאָר צוליבן געשטערטן פּאָקער. אָבער ער האָט אַרויסגענומען אַ פינף־הונדערטער, אים צוגעוואָרפן לייזערן:

— אַ שאָד יעדע מינוט; גייט אייך געזונטערהייט, יונגערמאַן!

אין דעם אומגעהויערן גרויסן זאַל, ווו אין מיטן איז געשטאַנען דאָס קאָרטנטישל, איז געוואָרן טויט־שטיל. לייזער, ווי איינער וואָס האָט אַלטע חשבונות מיטן באַלעבאָס, האָט זיך פאַרמאָסטן צו אַ געראַנגל. ער האָט געקוקט מיט שטעכיקע און פאַראַכטנדיקע אויגן אויפן אַרומיקן רייכטום. זיינע ביידע זין אין ישראל. אויך זיינע ברידער. לייזערס טאַטע, דער אַלטער טאַבאַק, האָט אַלע זיינע אייניקלעך אין ישראל, אין די קיבוצים. און דאָ אַזאַ הפקרות, שפּילן אין פּאָקער, בעת עס גייט אַן די שלאַכט... עס האָט אים, לייזערן, אויסגעצוויזן, אַז די שלאַכט שפּילט זיך אָפּ טאָקע דאָ, אין אַראַקואַראַ, הינטערן גרויסן געשעפט פון דעם זדונסקאָ־וואָליער ייד.

ער האָט זיך גאָר וואַזשנע אַרויפגעאַרבעט דער זדונסקאָ־וואָליער. אויף וועמענס חשבון? פון דער פּאָדלאָגע, פון די ווענט, פון די דיס־קרעטע מעבלשטיקער האָט געשלאָגן מיט שווילטאָג און לוקסוס. דאָס מינדסטע חפץ איז ווערט טויזנטער.

דער באַלעבאָס האָט זיך צוריקגעזעצט צום שפּיל. דער פינפהונדערטער איז געבליבן אַ פאַרשעמטער; לייזער האָט אים אָוועקגעשאַרט און, ווי צו אַ באָקס־קאַמף, זיך פאַרמאָסטן אויפן באַלעבאָס.

— רעב ייד, מיר זענען נישט געקומען נאָך קיין נדבה. עס איז נישט אַ „לינת הצדק״, אַן „עזרה״. עס איז פאַר אונדזער מלחמה, פאַר דער „הגנה״!

די מיטשפּילער, פאַרוויסזעענדיק אומהיימלעכס, האָבן אַוועקגעלייגט די קאָרטן און זיך אויף ס׳ניי געסודעט מיטן באַלעבאָס, ראַטנדיק אים, זעט אויס, צו דערלייגן טאָפּלט: „אין סאַן פּאַולאָ גיבן יידן גרויסע געלטער״.

לייזערן האָט עס געהויבן: „וואָסער — דערלייגן טאָפּלט?״ — מיר וועלן קיין איין גראָשן נישט נעמען ווייניקער ווי צען „קאָנטעס!״

דער פּאָקער איז שוין געווען אָן איבערגעפּירטער. די דעלעגאַציע האָט זיך צעשפּרייט איבערן זאַל, זיך צעזעצט, ווער אויף דער סאָפע, ווער אויף אַ ליגשטול. די ווייבער האָבן דערלאַנגט כיבוד. לייזער מיטן באַ־לעבאָס האָבן זיך געדונגען. ער האַלט שוין ביי צוויי, ביי דריי, ביי פיר, ביי פינף קאָנטעס... מער גיט ער נישט און אויב די שליחים נעמען נישט, — וועט ער גאָרנישט געבן.

דער זייגער האָט זיך שנעל גערוקט. אין דרויסן איז שוין כמעט פינצ־טער. יאָסל, דער שאָפער, איז שוין באַשטאַנען אויף 5 קאָנטעס, אַבי אַן עק זאָל עס נעמען, — זאָל מען פאָרן. דער וועג איז שלעכט. אין דער פינצטער און אין דער בלאָטע איז שווער צו פאָרן: „סיי ווי איז דאָ מער וויפל מען האָט אָנגעצייכנט...״ יאָסל שלעפּט לייזערן.

לייזער ברענט פאַר רציחה:

— אַוועק! עס איז דען פאַר אונדז? ער מוז געבן אַזוי פיל, וויפל מען האָט אויף אים אַרויפגעלייגט. וואָס, ער קען נישט?

ווי אַ גזלן, צעיושעט און צעהיצט, האָט זיך לייזער גענומען צום גביר. דער באַלעבאָס איז נישט איינגעזעסן, לייזער איז אים נאָכגעגאַנגען.

דעם באַלעבאָס איז שוין נישט געגאַנגען אין געלט, נאָר אין דעם, וואָס מענטשן האָבן זיך אַריינגעריסן ביי אים אין הויז, ווען זיינע געסט האָבן אַזוי זונטיקדיק פאַרבראַכט... און פרעסן ביי אים אויס געלט!

— איר וועט דאָ קאָרטן שפּילן און דאָרט וועלן יידישע קינדער, פאַר אייער כבוד, זייער לעבן אַוועקגעבן?! — האָט לייזערס הויך און דונערדיק קול אָנגעשלאָגן ביז צו די געוועלבטע סופיטן און זיך צעשאָטן איבערן זאַל...

דער גביר האָט זיך געווישט דעם שוויס. ווי אַ לייב אין שטייג, איז ער געלאָפן אַהין און צוריק אין זיין אייגענעם זאַל. אַ כאַפּ געבנדיק פון דער הינטערשטער הויזן־קעשענע אַ באַנק־ביכל, האָט ער פלוצלינג אָנגע־שריבן אַ טשעק אויף די איבעריקע פינף קאָנטעס, און אַוועקלייגנדיק עס

צוזאַמען מיטן געלט אויפן טיש, איז ער דורך אַ הינטערטיר פאַרשוואונדן פון די געסט און פון דער דעלעגאַציע.

.2

אין דעם נאַסן בין־השמשות האָט זיך טרויעריק אויסגעטיילט, באַגאָסן מיטן אָפּשיין פון דעם נגידס קאַלירטע ליכטערקלאַמעס, אַ קליין מעבל־געשעפט. אויפן שילד — אַ יידישער נאָמען. די שליחים האָבן אָנגעקלאַפּט.

ווען מען האָט געעפנט דאָס שמאָלע טירל, האָט די דעלעגאַציע פול געמאַכט דאָס פּיצל צימער. דער ייד, וואָס איז געזעסן איבער אַן אויפגעמאַכט ספר, איז געוועזן אַ צעשויבערטער, אַ צעקנייטשטער. ער האָט די מענטשן אָנגעקוקט דערשראָקן און מיט פאַרשלאָפענע אויגן.

— מיר זענען פון דער הגנה — האָט לייזער, מיט רוגז, וואָס האָט נאָך נישט איינגעשטילט זיך נאָכן געשפּרעך מיטן נגיד, — אויסגערופן.

— חנהלע, חנהלע, קום שנעלער אַריין, די „הגנה" איז צו אונדז געקומען! — האָט דער ייד, אַן אויפגעוועקטער, אַ דערהייטערטער זיך געגעבן אַ הייב אויף.

עס איז געווען פּשיקרע פאַר דער אַרומיקער ענגשאַפט. אַ צימערל, אָפּגעטיילט פון געוועלב, איז געווען די עססטוב פון דער פאַמיליע. אין אַ קליין ווינקעלע האָט געטליעט אַ קוילן־אייוועלע. פון הינטערגרונט האָט זיך אַרויסגעזען דער שלאָפצימער, פול מיט בעטן, ווי אַ לאַזאַרעט. די דעלעגאַציע, אויסגעשטעלט אין דער לענג, האָט נישט געהאַט וווּ זיך אַנידערצוזעצן.

— ממש, אליהו הנביא, — האָט דער מעבל־סוחר געמורמלט, — אַלץ געהאַט אָפּגעלייגט דאָס פאָרן קיין סאַן־פּאַולאָ אויפצוזוכן עמעצן פון דער הגנה... ווער ווייסט, צי איך וואָלט געווען געפינען, און דאָ איז אַ שאָד יעדע מינוט! יעדע רגע!

דעם יידנס נאָמען איז נישט געווען אויף דער ליסטע און די שליחים האָבן נישט געקענט אָנרופן די באַשטייערונג. האָט זיך דער ייד אַליין באַשטייערט. ער האָט געעפנט אַ שופלאַד פון זיין געשעפטסקאַסע און אַרויס־

געגומען אַלץ, וואָס איז דאָרט געווען בנמצא, אַפילו דאָס קופּער. אַ סומע פון צוויי קאַנטעס!

זיין פּנים האָט געשיינט. די צעשויבערטקייט איז אַוועק און עס האָט זיך צעלייגט אַ ליכטיקייט אויף זיין פּנים: „איך גיב אַלץ וואָס איך האָב אין שטוב..."

— מיר נעמען קיין מאָל נישט דאָס אָנגעבעטענע געלט, — רופט זיך אָן לייזער, וועלכער האָט נאָך אַלץ געהעשעט פּאָר כעס פון פריערדיקן באַזוך. דעם יידנס פּנים ווערט טונקל.

— מיר האָבן נאָך געלט! גאָר פאַרגעסן! אין די קינדערשע פּושקעס!
— שרייט אויס חנהלע.

דעם באַלעבאָס פאַרלעגנהייט פאַרשווינדט. ער קלעטערט אַרויף אויף אַ שטול און שלעפּט אַראָפּ פון אַ שאַנק אַן אָפּשפּאָר־פּושקע, געמאַכט פון געברענטן ליים. ער צעברעכט עס אַזוי ווי מיט אַ ברכה און עס פאַלן אַרויס פאַרגעלטע, פאַרגרינטע, מיט שימל באַדעקטע, זילבערנע און קופּערנע מטבעות.

— נאַט, נעמט, מיינע ליבע געסט... פאַר דער הגנה, און זאָל זיין געבענטשט אייער שליחות און איר זאָלט מצליח זיין בכל אשר תפנו, אָמן!

לייזער האָט זיך פאַרשעמט. דאָס געלט האָט געבריט אין דער האַנט פון קאַסיר. דער וואָגן האָט זיך שנעל געטראָגן איבערן זאַמדיקן וועג, זיך דערווייטערט פון שטעטל. די שליחים זענען געפאָרן אַהיים. אויפן וועג האָט זיי באַגלייט דאָס געזאַנג פון די טעלעגראַפן־סלופּעס, וואָס האָט דערמאָנט אין די פראַגנט־ידיעות פון ארץ־ישראל... און קיין מאָל, אפשר, איז נאָך נישט געווען אַזוי קלאָר און באַשטימט, ווי איצט, נאָכן לעצטן באַזוך, אַז דער זיג איז געזיכערט...

בראַזיליאַניזמען

אטעלאָגו — ביז באַלד, צום זען זיך.
אטראזירן — זיך פאַרשפעטיקן, ווערן הינטערשטעליק.
אינטריגירן — צושטעלן אַ באַשטעלונג.
באָאַ טאַרדע — אַ גוטער פאַרנאַכט (באַגריסונג).
באָם דיאַ — אַ גוטער מאָרגן (באַגריסונג).
באָם פענסאמענטא — גוטע געדאַנקען.
באָם רעטירא — דער נאָמען פון דעם יידישן קוואַרטאַל אין סאַן פאַולאָ.
בייראַ — געגנט; קוואַרטאַל.
ברוטאָ — ברוטאַל!
גאָרזשעטע — טרינק־געלט.
גלעבא — אַ נהלה ערד.
גראַן־פינאָ — אַריסטאָקראַטיש, איידל.
גרופאָ — פאָלקסשול.
דאַם דאָרעם — פון וויטיקן.
דאַם פאַרטאָם — פון קימפעטן.
דיאַ דאָם נאַמאָראַדאָם — דער טאָג פון די געליבטע.
דעראַפאָ — אויסגעגליטשט.
דעסידא — אַראָפּגאַנג, באַרג־אַראָפּ.
ווילאַ — דאָרף.
ווענדע — שפייזקראָם.
זשאָיאַ — אַ צירונג.
זשאַנטע — וועטשערע.
זשארדינס — גערטנער, דער אַריסטאָקראַטישער קוואַרטאַל פון סאַן פאַולאָ.
זשעלאדעירא — אייזקאַסטן.
טערען — פלאַץ, קרקע.
טעררא — ערד, לאַנד.
טערנאַ — אָנצוג.
טראַוועסע — זייטן־גאַס.
טשוואָק — אַ קונה, וואָס שלעפט אָפּ מיטן באַצאָלן דעם פרעסטאַסאָן.
לאַדראָן דע גאַליניאַס — הינער־גנב.
לוגאַר — פלאַץ; אָרט.
לעטראס — אותיות.
מאָווימענטאָ — באַוועגונג.

מאַטאר אַ בישאַ — דערהרגענען דעם וואָרעם. ד. ה. טרינקען אַ גלעזל בראַנפן.
מאַלאַנדראַ — אונטערוועלטניק.
מאַלעקע — ייִנגל.
מאַלקריאַדאַ — שלעכט דערצויגענער.
מאַנדאַ פלאַנטאר באַטאַטעס — שיק אים קאַרטאָפל פלאַנצן, אַן אנגענומענע ווענדונג ביים איבעררייסן אַ ליבע.
מאַנופאַקטורא דע קאַלסאַס — הויזן־פאַבריק.
מאָעדאַ — מטבע.
מאַקאַראַנאַס — לאָקשן.
מודן זיך — זיך איבערציען אין אַן אַנדערער וווינונג.
מיליאַ — קוקורודזע.
מינאַס — אַ שטאַט אין בראַזיל. דער נאָמען נעמט זיך פון גראַבנס, מינעס.
מיניאַ ווידאַ — לעבן מיינס.
מעאַ סאַנטאַ — מלאך מיינער.
נונקאַ — קיין מאָל נישט.
נאַמאָראַדאַ — געליבטער.
נאָסאַ סעניאָראַ — הייליקע באַשיצערין.
סאַבי — איר ווייסט.
סאַבידאַ — באַרג אַרויף.
סאַלטעיראַ — בחור, נישט פאַרהייראַטער.
סאַלטעיראָנאַ — פאַרזעסענע מויד.
סאַסיע— מיטגליד פון אַ חברה.
סים — יאָ.
סיטיאַ — אַ פאַלוואַרק.
סירענע — דער פרימאַרגן־נעפּל.
סע דעאוס קיזער — אם ירצה השם.
סען ווערגאָניאַ — אַן בושה.
סעניאָראַ — פרוי, דאַמע.
סעניאָריטאַ — פרײַלין.
עמפּאַדאַס — אַ מין געבעקס (קנישעס).
ענטראַ מאָסאַ — קום אַריין, יונגערמאַן.
ענגראַסאַדאַ — אינטערעסאַנט.
ענטראַדאַ — אײַנגאַנג, ערשטע ראַטע פון פּרעסטאַסאַן.
ענקאָמענדאַ — באַשטעלונג.
עסטראַדע — שאָסיי.
עסקינאַ — ראָג פון אַ גאַס (עק).
פאַדרע — גלח.
פאַגאַמענט — אויסצאָלונג פון שכירות.
פאַזענדעיראַ — פּריץ.
פאַלאַסעט — פּאַלאַצל.

פּאָראָן — קעלער.
פּינגא — בראָנפן.
פּין דע מעז — סוף חודש.
פּיסקאַל — שטייער־קאָנטראָלער.
פּעירא — יאַריד.
פּעראָלא — פּערל.
פּרעסטאַסאָן — אויף ראַטעס (ראַטעס).
קאָבראַנסטווע — מאָנונגען, איינקאַסירונג.
קאָבערטאָר — אַ צודעק.
קאָברירן — מאָנען, איינקאַסירן.
קאַדוקא — פאַרעלטערט, (עובר בטל).
קאַזא — הויז (געשעפט).
קאָזיניעירא — קעכין.
קאָלשאַ — לייכטע איבערדעק.
קאָלשאָן — שטרוי־זאַק („שעניק").
קאָמאַ וואַי — וואָס מאַכסטו.
קאָם סערטעזא — מיט זיכערקייט; גאַנץ באַשטימט.
קאָמיסאָן— פאַרוואַלטונג.
קאָנטאַ — טויזנט קרוזעיראָס.
קאָרטיסאַ — אַן אָרעמער הויף פון אַ סך שכנים.
קאָרטל — אַן אָפּגעשניטן שטיקל געוואַנט, אָדער שטאָף אויף אַן אַנצוג.
קויטאַדאַ — מיטליידס־אויסדרוק (נעבעך).
קלאַפּער — הויזירער (קליענטעלשטשיק).
קע באָניטאַ, קע לינדאַ — ווי שיין!
ראָפּאַס פּעיטאַס — פאַרטיקע מלבושים.
רוסאַ — רוס (געמיינט ייד).
רעוויסטא — זשורנאַל.
רעסיבע — קוויטירונג (קבלה).
רעסעבירן — איינקאַסירן (דערהאַלטן).
שאָקע — קוואַקע.
שאַקרע — גרויסער גאָרטן.
שיקרע — אַ טעצל.
שעגא — גענוג.

אין פארלאג י. ל. פרץ זענען ביז היינט דערשינען פאלגנדיקע ביכער:

אין יידיש

י. זרבבל	בלעטער פון אַ לעבן (2 בענד)
מענדל מאַן	נאַכט איבער גלושינאַ
אברהם סוצקעווער	אין מדבר סיני
ישראל טאַבאַקמאַן	מיינע איבערלעבונגען
ש. בערלינסקי	בילדער און דערציילונגען
י. פאַפּיערניקאָוו	היימישע און נאָענטע
מענדל מאַן	ביי דער ווייסל
ק. צעטניק	דאָס הויז פון די ליאַלקעס
יוסף בירשטיין	אויף שמאָלע טראָטואַרן (ראָמאַן פון קבוץ־לעבן)
מלך נוי (ניישטאַדט)	דאָס ערשטע און דאָס צענטע יאָר מדינת ישראל
מאַטעס דייטש	צום נאָענטסטן שטערן — יידיש
יצחק לעוו	אין גערעגל — געקליבענע שריפטן
מרדכי יפה	צען ישראל־דיכטער
יצחק פאַנער	שלום אַש אין זיין לעצטער היים
פרץ גראַנאַטשטיין	מענטשן פון נעכטן
יחיאל האָפער	אַ הויף אויף פּאָקאָרנע (2 בענד)
ה. לייוויק	אויף צאַרישער קאָטאָרגע
נחמן דראָזדאָוו	אחד העם
עזרא קאָרמאַן	צייכנס און צירופים
רבקה באַסמאַן	טויבן ביים ברונעם
י. צ. שאַרגעל	פון ווייַ און גלויבן
ד. זאַקאַליק	גערעגל
א. קאַרפּינאָוויטש	דער וועג קיין סדום
א. ריוועס	מיט דער שיף „טשיטשערין"
יוסף כרמל	אַ רייזע צו פאַרשטויסענע ברידער
מרדכי אורן	דער פּראַגער אַרעסטאַנט דערציילט (2 בענד)
א. שטיינבאַרג	משלים
יחיאל האָפער	ר' זלמן
הערש מענדל	זכרונות פון אַ יידישן רעוואָלוציאָנער

נ. ניר־ראַפּאַלקעס	ערשטע יאָרן
י. זינגער	דראַמאַטישע שריפטן
דוד פלאַקסער	אידעישע שלימותן און האַלבע אמתן
ש. וואַרזאַגער	ברויט (ראָמאַן)
ב. ווײַנשטיין	אין דוד המלכס גיטער (פּאָעמע)
לוי פּאַפּיערניקאָוו	אין דער נײַער היים
אברהם ליס	היים און דויער
ד״ר חיים שאָשקעס	מיט יידן צווישן אינדיאַנער, נעגער און אַראַבער
מ. ווייסמאַן	אַ האַלבער יאָרהונדערט אין אַמעריקע
פ. גאָרעליק	פון די מלינער וועלטן
י. בראָנשטיין	אינאײנעם און באַזונדער
פ. בערמאַן	אָפענע פענצטער
א. וואָלף יאַסני	די געשיכטע פון יידן אין לאָדזש אין די יאָרן פון דער דײַטשער יידן־אויסראָטונג
א. שמרי	די פונקען פון תיקון
א. סוצקעווער	אָאַזיס
אירגון יוצאי באָרשטשיוו	ספר באָרשטשיוו
א. מנור	40 יאָר הסתדרות
א. לעוו	ביימער אין ווינט
יעקב כהן	דער גורל פונעם ייד
ל. אָליצקי	מײַן האַרץ־רייזע
נ. דראָזדאָוו	די יידן אין איטאַליע
ספר זרבבל	צו זײַן 75־סטן געבוירנטאָג
ק. צעטניק	דער זייגער וואָס איבערן קאָפּ
דבורה דיין	אין גליק און אין טרויער
ד״ר מ. דוואָרזשעצקי	אייראָפּע אָן קינדער
מלכה לי	אין ליכט פון דורות (לידער)
מ. יפה	ארץ־ישראל אין דער יידישער ליטעראַטור
י. פּאַפּיערניקאָוו	די זון הינטער מיר
ד״ר צבי כהן	די העלדן אין דער וועלט־געשיכטע (2 בענד)
י. גאַר	ווידערקלאַנגען
ב. עפּשטיין	זאַנגען אויפן ווינט
ש. פּאָלאַקעוויטש	אין אַ פרעמדער הויט
יעקב כהן	אונטער סאָוויעטישע הימלען
יוסף ראָטענבערג	(צו זײַן ערשטער יאָרצייט)

מרים ריינעס־מלצר	צום קוואַל
ד״ר חיים שאַשקעס	פון מאָסקווע ביז עבר־הירדן
יחיאל האָפּער	אַ הויף אויף מוראַנאָוו (באַנד 1)
יחיאל האָפּער	אַ הויף אויף מוראַנאָוו (באַנד 2)
ע. פּערשלייסער	געקליבענע דערציילונגען
ה. אַקערמאַן	כ׳בין קיינמאָל נישט אַוועק פון דער היים
י. שטיינבערג	אַפּאָריזמען און גלייכווערטער
ארגון נכי המלחמה בנאצים	אַנטקעגן דעם נאַצישן שונא
אירגון יוצאי סטרי	ספר סטרי (יידיש, העברעיש, ענגליש)
אסתר לוריא	פרויען אין קנעכטשאַפט (אַלבאָם)
ב. שלעווין	חברים פון מוראַנאָווער ראַיאָן
איציק מאַנגער	ליד, באַלאַדע, דערציילונג (יידיש־העברעיש)
רחל קאָרן	פון יענער זייט ליד
רחל פישמאַן	זון איבער אַלץ
מ. ז. טקאַטש	מיין האָב און גאָב (לידער)
ש. זאַראָמב	אויסדערוויילטע שריפטן
נוסיאַ־איניאַ שיפמאַן	„דאָס לעבן נאָך פאַר מיר״...
מ. י. שעלובסקי	אין יאָרן אָרום
ל. חייק־שמעוני	גאַנג
ק. מאָלאָדאָווסקי	לידער פון חורבן — ת״ש—תש״ה אַנטאָלאָגיע
ל. פּאַפּיערניקאָוו	די משפחה יעלניק
י. שטיינבערג	חכמה פון יידישן קוואַל
יהושע אַלקאַן	דראַמאַטישע ווערק
ל. קוסמאַן	דער לאָמפּ ברענט (לידער)
ה. יונג	העכער די וואָלקנס
ב. מייזיל	צוריקבליקן און פּערספּעקטיוון
ק. שבתאי	ווי שאָף צו דער שחיטה?
ל. כאַנוקאָוו	קריזיס (ראָמאַן)
נחמן ראַפּפּ	אַ קרוג מיט וויין (לידער)
ב. דראָזדאָוו	אחד העם (ענגליש)
יעקב גלאַטשטיין	מיט מיינע פאַרטאָגביכער
ישעיהו שפּיגל	די בריק (נאָוועלן)
מאַני לייב	לידער און באַלאַדן (יידיש־העברעיש)
אפרים אויערבאַך	וואָך איז דער סטעפּ (לידער)

ישעיה זאַנדבערג	דער שונא איז די מויערן
ב. עפשטיין	דורך דעם גרינעם טויער
ש. וואַרזאַגער	זאַמד
יעקב פרידמאַן	נפילים
דניאל טשאַרני	די וועלט איז קיילעכדיק
ברוך שפינאָזאַ	עטיק (איבערז.: ש. ווינער)
יאָסל צוקער	שריפטן
י. ראַפּאָפּאָרט	מהות פון דיכטונג
י. פּעטערזייל	אָנדענק־בוך
ח. בעז	אונדזער דור מוז אַנטשיידן
י. ערליך	וואָלבראָם
יחיאל האָפער	אַמאָל... (דערציילונגען)

בעברית

יוסף ראָזען	כתבים נבחרים
אפרים שרייער	אמנות ותיאטרון
י. לעשצינסקי	הדמות הלאומית של יהדות הגולה
יעקב פאַט	שיחות עם סופרים יהודיים
מ. בערלאַנד	300 שעות בגיטו הדועך
יהושע גלבוע	על חרבות התרבות היהודית בברית המועצות
י. זרבבל	עלי חיים
ג. חנין	ברלה
א. אלמי	בין סיני לאולימפוס
אפרים אויערבאַך	קריה לבנה — ווייסע שטאָט (עברית־יידיש)
מ. בורשטין	פת ומלח
ר. קוויאַטקאָווסקי־פנחסיק	נשים מאחורי הגדר
נחמיה לוינסקי	בצל הגועים
ד. פלקסר	האידיאה והאמת
מול האויב הנאצי	זכרונות ועדויות (יידיש־עברית)
פ. בילצקי	השיר והמשורר (א. סוצקבר)
אציק מנגר	שיר, בלדה, סיפור
א. ירושלמי	מיערות הצפון עד חורשות הכרמל
דב סדן	אבני מפתן
י. פריילין	מצדה ורומי
י. שטינברג	ממעין החכמה של עם ישראל
א. מנור	פרופ׳ אריה טרטקובר